STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04933

HA-METARGEM

Y. Y. Inditski

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. י. אינדיצקי

הַמְּתַרְגֵּם

חלק שני לספר „הַמְּחַנֵּךְ"

מכתבים, פתגמים, מאמרי חז"ל, מאמרים קצרים, דבר חכמים וחידותם מתרגמים בשפה המדברת (זשארגאָן). מכתבים ספורים, חנוכים, להעתקה משפת זרגון לעברית.

ונלוה לו: מֵאִיר נָתִיב

מקור כל מאמר חז"ל על פי סדר א"ב לתועלת המעינים בו.

מהדו"א העשרים וחמש.

ווילנא
בדפוס והוצאות בית מסחר הספרים של יצחק פונק.
תרעב.

ГАМЕТАРГЕМЪ

т. е.

ПЕРЕВОДЧИКЪ

Руководство къ изученію древне-еврейскаго языка посредствомъ переводовъ.

Сочиненіе

Н. Н. Индицкаго.

Двадцать пятое исправленное изданіе.

Изданіе и соб.
ТИПОГРАФІИ и КНИЖНАГО МАГАЗИНА
ИСААКА ФУНКА, Вильна.

Печатано со стереотиповъ
въ типографіи Іосифа Завадзкаго въ Вильнѣ.

הַמְּתַרְגֵּם

Печатано со стереотиповъ въ Типографіи
Іосифа Завадзкаго въ Вильнѣ.

§ I

תּוֹחֶלֶת מְמֻשָּׁכָה.	איין לאנגע האפפנונג.
אַחֲרֵי אֲשֶׁר אָמַרְתִּי לְתִקְוָתִי נוֹאָשׁ.	נאכדעם ווי איך האב זיך פאן מיין האפפנונג ענטזאגט.
נִסְתַּם מִמְּךָ כָּל חָזוֹן.	עס איזט פאן דיר פערבארגען אללע נאכריכטע (עס איז ניכט דא קיין נאכריכט פון דיר).
בְּמִכְתָּבְכֶם תְּגַלּוּ אָזְנִי לַמּוּסָר.	איהר שטראפט מיך אין אייער בריעף.
לְפֶתַע פִּתְאֹם, מִבְּלִי דַעַת הוֹפִיעַ לְנֶגְדִּי.	פלוצלינג, אום געריכט, האט ער ערשיינט געגען (פאר) מיר.
מַדּוּעַ שַׂמְתָּ מַחְסוֹם לְמוֹ פִיךָ? (לָמָּה תֶחֱשֶׁה?).	ווארום שווייגסט דו שטילל?
מַדּוּעַ הֶחֱשֵׁיתָ?	ווארום האסט דו געשוויגען?
אָכֵן פְּלִיאָה דַעַת הִיא מִמֶּךָּ.	דיר איזט עס געוויס וואונדערבאר.
לְפִי דִבְרֵי מִכְתָּבֶךָ.	נאך די ווארטען פאן דיין בריעף.
אוּלַי הָיִיתָ בְּבֵי־דוֹאַר? (בְּבֵית הָרָצִים).	פילייכט ביסט דו געוועזען אויף פאסט?
וַאֲנַחְנוּ שְׁנֵינוּ נְקִיִּים.	אונד מירביידע זינד אונשולדיג (ריין).
לְמַעַן לֹא יִקְרֶה עוֹד כָּזֹאת.	אום עס זאל מעהר זאלכעס ניכט טרעפען.

כַּאֲשֶׁר אֲדַבֵּר עִמְּךָ פֶּה אֶל פֶּה .	ווען איך ווערדע מיט דיר מינדליך שפּראֶכֿען (רעדען) .
בְּחִפָּזוֹן וּבִמְהֵרוּת .	געשווינד אונד פלינק .
מַעֲמַד מִסְחָרְךָ וּמַצָּבוֹ .	דער צושטאַנד פאָן דיין האַנדעל .
מַדּוּעַ לֹא הוֹדַעְתָּ לִי מְאוּמָה ?	ווארום האָסט דו מיר גאָר ניכֿט בענאַכֿריכֿטעט ?
לַעֲרוֹת עַל הַגִּלָּיוֹן .	צו אויסליידיגען (אויסגיססען) אויף דעם פּאַפּיער .
מוּבְטָחַנִי כִּי אֶעֱשֶׂה חַיִל בְּלִמּוּדַי .	איך בין זיכֿער , דאַסס איך ווערדע פאָרשריטטע מאַכֿען אין מיין לערנען .
אֲשֶׁר רָחַב וְנָסַב עַל פְּנֵי אֲרָצוֹת וּמְדִינוֹת שׁוֹנוֹת .	וועלכֿער האָט זיך פערשפּרייט אויף (דער פלאֶכֿע פאָן) פערשיעדענע לאֶנדער אונד פּראָווינצען .
עַד אֵין קֵץ .	גאָר אָהנע איין ענדע .
לִבִּי מָלֵא רִגְשׁוֹת תּוֹדָה .	מיין הערץ איזט פאָלל מיט דאַנק־ געפיהלע .

§ 2 עֶרְשְׁטֶער בְּרִיעף .

טהייערע עלטערן ! נאָך איין לאַנגער האָפפנונג , נאַכֿדעם וויא איך האָב זיך שאָן ענטזאַגט פאָן מיין האָפפנונג צו בעקאָממען פאָן אייך איין אַנטוואָרט (מַעֲנֶה לָשׁוֹן) אויף אַללע מיינע בריעף וועלכֿע איך האָב אייך געשיקט , דענן עס זינד איבערגעגאַנגען פיעלע טאַגע , וואָכֿען אונד אויך מאָנאַטע אונד עס איזט פער־ באָרגען פאָן אייך אַללע נאַכֿריכֿטע , איזט (וְהִנֵּה) הייטע פלוצלינג , אום געריכֿט , ערשיינט פאָר מיר אייער בריעף , פאָלל מיט וואָרטען פאָן עלטערן־ליעבע , אונד מיט אייערע אַנגענעהמע (נְעִימִים) רייד שטראָפּט איהר מיך ווארום איך האָב זאָ לאַנגע שטילגעשווי־

גען אונד איך האָבּ אײַך ניכֿט בּעַנאַכֿריכֿטעט פֿאָן אַללעם וואָס איזט מיט מיר. מיר איזט עס זעהר וואונדערבּאַר; דען נאָך (לְפִי) די וואָרטען פֿאָן אײַער בּריעף, האָט איהר לאַנגע פֿאָן מיר קײן בּריעף ניכֿט ערהאַלטען. פֿילײכֿט קאָן זײן דאַסס אויף פּאָסט איזט דער בּריעף פֿערלאָרען געוואָרען, אָדער דער בּריעף=טראָגער האָט ניכֿט איבּערגעגעבּען צו אײַך אין האַנד מײן בּריעף אונד מיר אַללע זײנען אונשולדיג. פֿראַג אַן אין פּאָסט, אום עס זאָלל ווײטער זאָלכֿעם ניכֿט טרעפֿען. אײַער זאָהן וועלכֿער זעגענט (בּענשט) אײַך מיט אַללעם גוטען...

~~~~~~~~

§ 3

הַסְכֵּן הִסְכַּנְתִּי לְבַלּוֹת כָּל עִתּוֹתַי הַיּוֹם בְּלִמּוּדִים.	איך בּין געוואָהנט צו פֿערבּרײנגען דיא גאַנצע צײט פֿאָן טאָג אין לערנונגען.
הֶעָצֵל מְחַבֵּק אֶת יָדָיו בַּעֲצַלְתַּיִם.	דער נאַכֿלאָסיגער לעגט צוזאַממען זײנע האָנד מיט פֿוילהײט.
יוֹם אַחַר יוֹם יַחֲלֹף וַיַּעֲבֹר.	אײן טאָג נאָך דעם אַנדערן געהט איבּער.
לֹא יַעֲשׂוּ לָהֶם כְּנָפַיִם לָעוּף.	זיא מאַכֿען ניכֿט קײן פֿליגלען (צושפּרײטען ניכֿט קײן פֿליגלען) אַ פֿליהען.
מִבְּלִי חֲקֹר וּדְרֹשׁ.	אָהנע נאָכֿזוכֿען.
אֶת הַיְשָׁרָה הֶעֱוֵיתִי.	דיא גלײכֿהײט האָבּ איך פֿערקרימט (איך האָבּ זיך ניכֿט אָרענטליך אויפֿגעפֿיהרט).
הַאִם יָאֲתָה לְּךָ לַעֲשׂוֹת כָּזֹאת?	פּאַסט דענן פֿיר דיר זאָ צו טהון?
לֹא לְאֹרֶךְ יָמִים יִבְעַר הָאָדָם.	ניכֿט אויף לאַנגע ווערט דער מענש בּענאַררישט.
~~~~~~~~

גַּם לִי לֵב לְהָבִין.	איך האָב אויך אַ הערץ צו פֿערשטיין.
הָאָדָם בְּלִי דַעַת חָכְמָה וְהַשֵּׂכֶל יִתְרוֹן לוֹ מִן הַבְּהֵמָה אָיִן.	דער מענש אָהנע וויסטען קלוגשאַפֿט אונד בילדונג האָט ער קיין איבערשטייגונג (פֿאָרצוג) פֿאָן איין פֿיה.
אַבְטִיחֵךְ נֶאֱמָנָה.	איך זאַגע דיר ריכטיג צו (איך פֿאַרשפרעך דיר אויף געוויסס).
מֵהַיּוֹם וָהָלְאָה אֶשְׁמַע לְדִבְרֵי מוּסַרְכֶם.	פֿאָן היינט אונד וייטער ווערדע איך הערען אייערע שטראָפֿרייד.
לִרְדֹּף וּלְהַשִּׂיג גַּם בְּעַד הַיָּמִים אֲשֶׁר בָּלָה בְּהֶבֶל וָרִיק.	צו עריאָגען פֿיר די טאַגע וואָס ער האָט פֿערבראַכט אין לעער אונד נאַרישקייט.
וּמוֹדֶה וְעֹזֵב יְרֻחָם.	דער וואָס ערקאַנט (זאָגט אוים זיין זינד) אונד פֿערלאָסט ווערט בעגנאָדיגט.
הֲלֹא רַק אֶת טוּבָתְךָ אֲנִי דוֹרֵשׁ.	איך וינש דיר דאָך נור דיין גוטעס.
סָלַחְתִּי כִּדְבָרֶיךָ.	איך האָב פֿערצייעט וויא דו זאָגסט.
לְמַעַן כַּפֵּר אֶת חַטָּאתִי אֲשֶׁר חָטָאתִי לְפָנֶיךָ.	אום צו פֿערדעקען מיין זינד (שולד) וואָס איך האָב געזינדיגט געגען דיר.
נָתַתִּי אֶל לִבִּי לְתַקֵּן אֶת עַוְתָתִי.	איך האָב געגעבען מיין הערץ (איך האָב אין מיין הערץ בעשטימט) צו אויסבעססערן מיין פֿערקרימונג (זינד).
הַבַּטָּלָה מְבִיאָה לִידֵי שִׁעֲמוּם.	די מיססיגקייט ברענגט צו וואָהנזינקייט.
הֵעִירוּ אוֹתִי מִתַּרְדֵּמַת הַבַּעֲרוּת.	זייא האַבען מיך ערוועקט פֿאָן די דומע טראָגהייט (פֿוילקייט).

דְּבָרִים כְּמִתְלַהֲמִים.	וואָרטען וויא שלאָג (קלעפּ).
רוּחִי זָרָה לוֹ.	מיין גייסט איזט צו איהם פרעמד (איך האָב צו איהם ניכט קיין לוסט).
לְבִלְתִּי מַלֵּא אֶת פְּקוּדָּתֶךָ.	אום ניכט צו ערפיללען דיין בעפאָהל.

§ 4 צְווייטער בְּריעף.

טהייערע אונד ליעבע עלטערן! מיט איין הערץ פאָלל דאַנק־געפיהלע אָהנע איין גרענצע, קאָממע איך יעצט פאַר אייך, (צו) אויסגיססען אויף דעם פאַפּיער מיינע הערצענס־געפיהלע, וואָס בעגיגנט (יִרְחַשׁ) צו אייך דאַפיר וואָס איהר דערמאָנט מיך (תִּפְקְדוּנִי) מיט בריעפע; אָבוואָהל עס איזט שאָן איבערגעגאַנגען פיעלע טאַגע, וואָס איך האָב פאָן אייך ניכט בעקאָממען קיין בריעף, אונד איהר האָט מיר גאָר ניכט בענאַכריכטעט פאָן אלעם וואָס איזט מיט אייך; דען איך בין זיכער דאָס ניכט אוים שלעכטיגקייט האָט איהר דאָס מיר געטהון, זאָנדערן דורך דעם צושטאַנד פאָן אייער געשאָפט, וואָס איז פערשפרייט איבער (דיא פלעכע פאָן) פיעלע לאָנדער אונד שטאָדט, אונד דאַרום האָט איהר קיין צייט ניכט צו ערפרייען מיך אָפט מיט אייערע בריעפע; דען אויך דיעזער בריעף, זעה איך, איזט געשריעבען געוואָרען געשווינד אונד געאיילט.

אייער זאָהן וואָס האָפט אין גיכען זיך זעהען מיט אייך פערזאָנליך, אונד (צו) שפרעכען מיט אייך מינדליך...

§ 5

אֵיזֶה הִיא הַדֶּרֶךְ הַיּוֹתֵר קְרוֹבָה אֶל הָעִיר?	וועלכער איזט דער נאָהנטסטע וועג צור שטאָדט?

נִשְׁאָלֵהוּ לָמָּה רִמִּיתָנִי ?	אונד ער האט איהם געפראגט, ווארום האסט דו מיך גענארט ?
אֲנִי, תּוֹדָה לָאֵל, בָּרִיא אוּלָם.	איך בין, גאָטט צו דאנקען, פאָלקאָמען געזונד.
עוֹד לֹא נִבְחַנְתִּי בָּזֶה.	איך בין נאך ניכט געפרובט געוואָרען אין דעם.
הוּא כּוֹתֵב צַחוֹת בִּשְׂפַת עֵבֶר.	ער שרייבט ריין העברעאיש.
גָּמַרְתִּי בְלִבִּי לְנַסּוֹת הַפָּעַם.	איך האב בעשטימט דיעזעס מאל צו פראָבירען.
יָדַעְתִּי אֶת הַשָּׂפָה הַזֹּאת עַל בּוּרְיָהּ.	איך קאָנן דיעזע שפראכע גרינדליך.
אוּלַי מָצָאתָ בְּמִכְתָּבִי שְׁגִיאוֹת אֲחָדוֹת.	פיליכט האסט דו אין מיין בריעף איינינע פעהלער געפונען.
הַגֶּדֶר גָּדַר אֶת הַדֶּרֶךְ.	דער צוים (פלאנקאן) האט פערצוימט דען וועג.
דָּבָר קָשֶׁה שָׁאַלְתָּ (דָּרַשְׁתָּ) מִמֶּנִּי.	איין שווערע זאך האסט דו פאָן מיר פערלאנגט (געפאָדערט).
הֲלֹא אָב אַתָּה לִי וְאָנֹכִי בְּנֶךָ !	דו ביסט דאך מיר איין פאטער אונד איך דיין זאָהן !
הֲלֹא אֶת טוֹבָתְךָ וְהַצְלָחָתְךָ הוּא דוֹרֵשׁ.	ער ווינשט דיר דאך גוטעס אונד גליק.
יְיָ חֲנָנִי בְּכִשְׁרוֹנוֹת נַעֲלִים מְאֹד.	גאָט האט מיר בעשאָנקען מיט זעהר גוטע פייהיגקייטען.
עוֹד קָשֶׁה לִי (כָּבֵד מִמֶּנִּי) לְתָאֵר עַל הַגִּלָּיוֹן אֶת כָּל הָגוּת רוּחִי.	מיר איזט נאך שווער צו אויסדריקען (אויסשרייבען) אויף דעם פאפיער אללע מיינע געדאנקען,

אֵין עִתּוֹתַי בְּיָדִי לָבוֹא
עִמְּךָ בַּכְּתוּבִים כְּפַעַם
בְּפַעַם (תְּמִידִים כְּסִדְרָם).
עוֹד חָזוֹן לַמּוֹעֵד.
אַף אִם רֵאשִׁיתִי מִצְעָר,
אַחֲרִיתִי יִשְׂגֶּה.
לְכַלְכֵּל דְּבָרַי בְּמִשְׁפָּט.

איך האָב ניכט קיין צייט זיך אויפ-
שרייבען מיט דיר אָפט (רעגעל-
מאָססיג).

עס איזט נאָך צייט דאָ.
אָבוואָהל מיין אָנפאַנג איזט קליין
(אָבער) מיין ענדע וועט גראָסס זיין.

צו אַיינאָרדנען ריכטיג מיינע
וואָרטען.

6 § דְּרִיטֶער בְּרִיעף.

מיינע טייערע עלטערן! איך בין געוואָהנט צו האָרען פאָן
אייך אָפט שטרענגע (שווערע) וואָרטען וואַרום (עַל אֲשֶׁר) איך גיב
ניכט מיין הערץ צו פערשטיין אונד וויסען מיט וואס מיין צייט
פערברייננגען, אונד איין טאָג נאָך דעם אנדערן טאָג, וואָך נאָך
וואָך, מאָנאַט נאָך מאָנאַט געהען פאָראיבער אונד איך לעג צו-
זאממען מיינע האָנד מיט פוילהייט, אום גאָר ניכט (לְבִלְתִּי)
אַרבייטען צו פערשטיין קלוגשאַפט אונד וויסענשאַפט, וועלכע
מאַכען ניכט קיין פליגלען אריינפליהען אין קאָפף, אָהנע נאָכ-
זאָגען נאָך זיי. — עס איזט וואַהר! מיינע טייערע עלטערן, די
גלייכקייט האָב איך פערקיימט אונד איך האָב ניכט געטהון
וויא עס פאַסט (יָאֲתָה) פיר איין יונגען קנאַבע וויא איך. נור ניכט
אויף לאַנגע ווערט דער קנאַבע בענאַררישט! אונד מיר אויך איזט
איין הערץ (פערשטאַנד) אריינגעגעבן געוואָרען צו פערשטיין אונד
וויסען, דאַס אָהנע וויסען קענטניסס (חכמה) אונד שפראַכע האָט
דער מענש קיין איבערשטייגונג (פאָרצוג) פאָן איין פיה. אונד
איך קאָנן אייך צוזאָגען, דאַס פאָן היינט אונד וייטער ווערדע
איך לערנען פלייסיג, דעריאָגען פיר די טאָג, וואָס איך האָב
פערבראַכט אין לעער אונד נאַררישקייט.
אייער זאָהן וואָס האָפט (הַמְצַפֶּה) צו האָרען פאָן אייך, פאָן

היינט אונד ווייטער, פֿריינדליכֿע ווארטען אונד ניכֿט קיין שטראָף־רייד, דען איך ווערדע אויסבֿעססערן מיין אויפֿפֿיהרונג (עָרְבִּי)...

§ 7

הוּא קִבְּלַנִי בְּכָל אֹתוֹת אַהֲבָה.	ער האָט מיך עמפֿפֿאַנגען מיט ליעבליכֿע צייכען.
בְּסֵבֶר פָּנִים יָפוֹת.	מיט זעהר איין פֿריינדליכֿען געזיכֿט.
כַּאֲשֶׁר אָמַר כֵּן יְהִי.	ווי ער האָט געזאָגט זאָ וועט זיין.
הָיִיתִי בְּבֵית גּוֹאֲלֵנוּ וּקְרוֹבֵנוּ.	איך בין געוועזען אים הויזע פֿאָן אונזער פֿריינד.
בָּאתִי בְּשָׁלוֹם אֶל מְחוֹז חֶפְצִי.	איך בין געזונד געקאָממען צו דער גרענצע מיינעם וואונשעס (צו דעם אָרט וואָס איך האָבֿ געוואונשען).
הַמּוֹרִים בְּחָנוּנִי גַּם רָאוּ פָּעֳלִי.	די לעהרער האָבֿען מיך געפּרובֿט אונד זיי האָבֿען געזעהען מיין אַרבייט.
הַדָּבָר אֲשֶׁר תָּלוּי בִּי אֲמַלֵּא.	דאָס וואָס בעלאַנגט אָן מיר ווערדע איך ערפֿיללען.
שְׁנֵינוּ יַחְדָּו נִשְׁתָּוֶה.	מיר ווערדען זיך בֿיידע אויסגלייכֿען,
כְּפִי אֲשֶׁר אֶחֱזֶה לִּי אֲנִי.	ווי איך זעה.
אֶעֱלֶה עַל כָּל תַּלְמִידֵי מוֹרִי.	איך ווערדע איבֿערשטייגען אללע שילער מיינעם לעהרערס.
בִּמְלֹא מוּבַן הַמִּלָּה.	אים פֿאָללען זינן דעם וואָרטעס.
כָּל הַהַתְחָלוֹת קָשׁוֹת.	אללע אָנפֿאַנגע זיינען שווער.

מְחָרָתַיִם אֶסַּע לְדוֹדִי.	איבערמאָרגען ווערדע איך צו מיין אָנקעל (פֿעטער) רייזען.
הֶעֱבַרְתִּי הַמּוֹעֵד.	איך האָב פֿערשפּאָטיגט.
מֵאוֹפַן זָהָב יִפּוֹל מַסְמֵר כֶּסֶף.	פֿאָן איין גאָלדערנעם ראָד פֿאַלט איין זילבערנער צוואַק (נאַגעל).
שָׂמְחוּ כִּלְיוֹתַי.	מיינע ניערען האָבען זיך געפֿריידט (איך האָב זיך אינגערליך געפֿריידט).
הוּא מִתְנַהֵג עִמָּדִי.	ער בענעהט זיך מיט מיר.
אִם עֲטַרְתּוֹ הוֹלַמְתּוֹ.	אָב זיין קרוין פּאַסט איהם.
לֹא עָלְתָה עַל דַּעְתִּי.	איך האָב ניכט פֿאָרגעשטעלט (גערעכענט).
חֲנוֹךְ לַנַּעַר עַל פִּי דַרְכּוֹ.	אונטערריכטע דען קנאַבע נאָך זיין שטייגער.

8 § פֿיערטער בריעף.

טהייערע עלטערן! שוֹין פֿיעלע מאָל האָב איך פֿאָן אייער מונד געהאָרט וואָרטען וויא שלאָג (קלעפּ), וואָס איהר רעדט פֿאַר מיין לעהרער, דאַס איך בין אייך ניכט געהאָרזאַם (שָׁמֵעַ בְּקוֹל) אונד איך בין (וְהִנְנִי) איין הערץ־לייד אַייך, ניכט (לְבִלְתִּי) צו ערפֿילען אייער בעפֿאָהל וואָס איהר בעפֿאָהלט מיר, אונד אויך צו מיינע לערנונגען איזט מען גייסט פֿרעמד (איך האָב אויך צום לערנען ניכט קיין לוסט) נור אין מיססיגקייט וואָס בריינגט צו וואַהנזינקייט האָב איך פֿערווילט. — דיעזע וואָרטען וואָס זיינען פֿאָן אייער מונד הערוים, מיינע טהייערע עלטערן, האָבען מיך ערוועקט פֿאָן דיא דומע טראָגהייט וואָס איך האָב געשלאָפֿען, אונד איך האָב אין הערץ בעשטימט (נָתַתִּי אֶל לִבִּי) צו פֿערבעסערן מיין זינד (עֲוֺתָתִי) פֿאָן היינט אונד וויטער (מֵהַיּוֹם וָהָלְאָה), אונד זיין געהאָרזאַם אייך אונד מיינע לעהרער

רען איהר ווינשט דאָך נור מיין גוטס אונד גליק . אונד אום (לְמַעַן) צו פֿערדעקקען דיא שולד פֿאָר אייך אויף מיין אונרעכֿט ביז יעצט, זאַגע איך אייך, מיינע טהייערע עלטערן, איך האָב ווירקליך (אָמְנָם) געזינדיגט געגען אייך, אונד דאָס גלייבֿע האָב איך פֿערקרימט, אונד איהר זאָלט מיר פֿערצייהען, דענן דער וואָס ערקענט (זאָגט אויס זיין זינד) אונ פֿערלאַסט ווערט בעגנאָדיגט .

פֿאָן מיר אייער זאָהן וואָס האָפֿט צו הערען פֿאָן אייך : מיר האָבען פֿערצייעט ווי דו זאַגסט (כִּדְבָרֶיךָ) . . .

§ 9

לְמַעַן הָפִיק רָצוֹן מֵהֶם .	אום זיי געפֿאָלען .
הֵמָּה דוֹאֲגִים לִי .	זיי זאָרגען זיך וועגען מיר .
מֵעוֹלָם לֹא חָשַׁבְתִּי עָלֶיךָ כָּזֹאת .	איך האָב ניעמאַלס זאָלבֿעס אויף דיר גערעכֿענט .
הוּא אִישׁ מַשְׂכִּיל וּנְבוֹן דָּבָר .	ער איזט איין געלערנטער אונד פֿערשטאָנדיגער מענש .
הַשֶּׂה נִפְרַד מִן הָעֵדֶר .	די שאַף האָט זיך אָפּגעשיידעט פֿאָן דער הערדע (סטאַדע) .
וַיִּרְדֹּף אַחֲרָיו לְהַשִּׂיגוֹ .	ער האָט איהם געיאָגט צו חאַפּען .
הִנְנִי עָיֵף וְיָגֵעַ מְאֹד .	איך בין זעהר מידע .
מֹשֶׁה הוֹלִיךְ אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לְאֶרֶץ זָבַת חָלָב וּדְבָשׁ .	משה האָט געפֿיהרט דיא יודען אין דעם לאַנד וואָס רינט (פֿליסט) מילך אונד האָניג .
אֱלֹהִים בָּחַר בְּמֹשֶׁה רוֹעֶה לְצֹאן מַרְעִיתוֹ .	גאָט האָט אויסערווילט משה'ן פֿיר איין הירט (פּאַסטוך) פֿיר זיינע שאַפֿע .

לְאוֹת תּוֹדָה עַל כָּל עֲמָלוֹ וְטוּב לִבּוֹ.	איין דאַנק־צייכען אויף זיין גאַנצע מיה אונד גוטהערציגקייט.
הַשְּׁאֵלוֹת הָרָאשִׁיּוֹת.	די הויפּט־פראַגען.
אַתֶּם נְתַתֶּם אוֹתִי בְּיָדַיִם נֶאֱמָנוֹת.	איהר האָט מיך איבערגעגעבען אין טרייע האַנד.
לַכֹּל זְמָן וְעֵת לְכָל חֵפֶץ.	יעדע זאַכע האָט איהר צייט.
מֵרוֹב בֶּהָלָה וָפַחַד שִׁנָּיו דָּא לְדָא נָקְשָׁן.	פאָן גרויס שרעק טרייסלען (שלאַגען) איהם זיינע צאָהנע.
אֵינֶנָּה דּוֹמָה שְׁמִיעָה לִרְאִיָּה.	עס איזט ניכט גלייך הערען צו זעהען.
בְּעֵקֶב הַשָּׂשׂוֹן אָחוּז הָאָסוֹן.	נאָך פריידע ציהט זיך דאָס אונגליק (טרויער).
בִּמְקוֹם גִּילָה שָׁם תְּהֵא רְעָדָה.	אין דעם אָרט פאָן פריידע, דאָרט וועט זיין ציטטערניש.

10 § פִינְפְטֶער בְּרִיעף.

מיין טהייערער פאַטער! היינט האָב איך געלעזען דיין בריעף, וועלכען דו האָסט מיינער מוטטער געשיקט, אונד איך האָב זיך מיט איהם זעהר געפריידט ווי דער וואָס פינדעט איין גראָסעם געווינסט, דענן איך בין פאָן איהם איבערצייגט געוואָרען, דאָס דו ביסט גאָטט צו דאַנקען פאָלקאָמען געזונד. נור דאָס וואָס דו פערלאַנגסט פאָן מיר, (דאָס) איך זאָל דיר שרייבען איין בריעף אויף העברעאיש — פערלאַנגסט דו פאָן מיר, מיין טהייערער פאַטער, זעהר איינע שווערע זאַכע, דען איך בין נאָך ניכט געפראַקטיצירט (געפראָבירט געוואָרען) אין דעם, אונד איך האָב זיך נאָך ניכט גוט (כֵּן) ערלערנט צו שפראָכען אונד שרייבען דיין העברעאיש; נור ווייל דאָס איזט דיין וויללען (דאָס) איך זאָלל

דיר שרייבען איין בריעף נור אויף העברעאיש, אונד איך מוז ער־פילען דיין בעפאָהל, דען ווען דו מיר בעפאָהלסט ווערדע איך ניכט טהון? דו ביסט דאָך מיר איין פאַטער אונד איך דיין זאָהן, וועט דענן איין זאָהן ניכט ערפילען דען בעפאָהל זיינעס פאַטערס וואָס ווינשט (הַדּוֹרֵשׁ) גוטעס אונד גליק זיין קינד? דאַרום האָב איך בעשטימט צו פראָבירען דיעזעס מאָל (צו) ערפילען דיין פערלאַנג אונד דו זאָלסט מיר פערצייהען אויב דו וועסט געפינען אין מיין בריעף פעהלער, דען איך האָפפע צו מאַכען פאָרשריטטע אין מיין לערנען אונד מיט דער צייט (בְּקֶרֶב הַיָּמִים) ווערדע איך קענען דיא העברעאישע שפראַכע גרינדליך:

דיין זאָהן...

§ 11

וַיָּרָץ אֶל עֵבֶר הַמִּדְבָּר.	אונד ער איזט געלאָפען צו דער זייט פאָן דער וויסטע.
וַיֵּשְׁתְּ בְּאַוַּת נֶפֶשׁ.	אונד ער האָט געטרונקען מיט געשמאַק.
וַיִּקַּח אוֹתוֹ עַל זְרוֹעוֹתָיו.	אונד ער האָט איהם גענאָממען אויף זיינע אַרמע (האָנד).
חַכֵּה נָא מְעַט רֶגַע.	וואַרטע נור איין קליינע ווילע.
וַיְּעַר אוֹתוֹ בַּלָּט.	אונד ער האָט איהם אין דער שטילל אויפגעוועקט.
עָבַרְתִּי עַל יַד שׁוּחָה עֲמוּקָה.	איך בין פערביי געגאַנגען נעבען איין טיעפע גרוב.
לֹא אַכְזָר הוּא כַּאֲשֶׁר תַּחְשְׁבֵהוּ.	ער איזט ניכט זאָ איין גרויזאַמער ווי דו רעכענסט איהן.
אֲנַסֶּה אֶת כֹּחִי.	איך ווערדע זיך פראָבירען (איך ווערדע פראָבירען מיין קראַפט).

לֹא אוּכַל לְתָאֵר לְפָנֶיךָ בְּשֶׁשֶׁר הַמְּלִיצָה.

איך קאַנן (פֿאָר) דיר ניט פֿאָר־שטעלען מיט פֿאַרביגע וואָרטער.

הִנְנִי לָתֶת לְךָ דִּין וְחֶשְׁבּוֹן. לְמָשָׁל.

איך בין גרייט דיר רעכֿנונג געבען צום ביישפּיל.

מַה־נְּעִימִים הֵם לְאָזְנַי דִּבְרֵי הַחוֹזֶה.

ווי אַנגענעהם זיינען צו מיינע אָהרען די ווערטען דעם פּראָפֿעטס (נָבִיא).

הֲמָה יַחְשְׁבוּנִי לְבֶן בִּטְנָם.

זיי רעכֿנען מיך פֿיר איין אייגען קינד.

אֶעֱנֶה לְךָ דָּבָר בָּרוּר.

איך ווערדע דיר איין ריכֿטיגע אנטוואָרט געבען.

נָקֵל לִי לְהָכִין אֶת חֹק לִמּוּדִי כְּמִשְׁחַל בְּנִיתָא מֵחֶלְבָּא.

מיר איזט גרינג צו פֿערפֿערטיגען מיינע לעקציאָנען, ווי ארויסנעהמען איין האָאר פֿאָן מילך.

לִבִּי יַנִּבָּא לִי.

מיין הערץ זאָגט מיר.

*מוּם שֶׁבְּךָ אַל תֹּאמַר לַחֲבֵרֶךָ.

דיין פֿעהלער (וואָס דו האָסט) זאָלסט דו דיין געזעלען ניכֿט זאָגען (דאָס ער האָט איהם).

*אַל תְּהִי קִלְלַת הֶדְיוֹט קַלָּה בְּעֵינֶיךָ.

זאָלסט ניכֿט האַלטען פֿיר גרינג די שעלטונג (פֿלוכֿונג) פֿאָן איין פּראָסטען מענשען.

*כָּל הַלּוֹמֵד תּוֹרָה וְאֵינוֹ חוֹזֵר עָלֶיהָ, דּוֹמֶה לְאָדָם שֶׁזָּרַע וְאֵינוֹ קוֹצֵר.

דער וואָס לערנט תורה אונד ער וויעדערהאָלט (פֿאָוטאָרעט) ניכֿט, איזט ער גלייך צו איין מענשען וואָס זייעט (זיין פֿעלד) אונד שניידט ניכֿט.

*כָּל הַמַּלְבִּין פְּנֵי חֲבֵרוֹ בָּרַבִּים כְּאִלּוּ שׁוֹפֵךְ דָּמִים.

דער וואָס פֿערשעמט זיין געזעלען פֿאָר איין פּובליקום (איין פֿערזאַמלונג פֿאָן מענשען) איזט גלייך ווי ער פֿער־גיסט בלוט.

לא תְהֵא בִרְכַּת הֶדְיוֹט קַלָּה בְעֵינֶיךָ.	דו זאָלסט ניכט פֿיר גרינג האַלטען די זעגנונג פֿאָן איין פראָסטען (איינפֿאַכען) מענשען.
כָּל דָּבָר וְדָבָר בִּפְרוֹטְרוֹט	יעדע זאַכע בעזאָנדער.

§ 12 זֶעכְסְטֶער בְּרִיעף.

מיינע טייערע עלטערן! איך קאָממע אייך בענאַכריכטען, מיינע טייערע עלטערן, דאַס איך בין, גאָטט צו דאַנקען, געקאָממען געזונד אונד מיט פֿריעד צו דער גרענצע מיינעס וואונשעס (פֿערלאַנג), אים הויז פֿאָן אונזערע פֿריינד, אונד זיי האָבען מיך עמפֿפֿאַנגען מיט איין פֿריינדליכעס געזיכט (בְּסֵבֶר פָּנִים יָפוֹת) אונ מיט אַללע ליעבליכע צייכען; אונד ווי איך זעה, זיינען זיי זעהר גוטע מענשען; אויך דער קנאַבע מיט וועלכען איך ווערדע צוזאַממען לערנען איזט איין גוטהערציגער אונד איין פֿלייסיגער, אונד זיין ווימען (יְדִיעוֹתָיו) אין שפּראַכען אונד אַנדערע קענשאַפֿטען איבערשטייגט (עוֹלֶה) מיין וויסען; נור איך האָפֿפֿע דאַס אין קורצען ווערדען מיר זיך אויסגלייכען, דענן דער לעהרער, וועלכען אונזער פֿריינד האָט פֿיר אונז גענאָמען, האָט מיר עקזאַמענירט (פּראָבירט) אונד ער האָט מיר פּראָפֿעצייעט אַ גוטע צוקונפֿט (וַיְנַבֵּא לִי עֲתִידוֹת טוֹבוֹת), דאָס ווען איך ווער פֿלייסיג לערנען, ווער איך אין איין קורצע צייט איבערשטייגען (אויף) אַללע זיינע שילער, דענן גאָטט האָט מיר בעשאָנקען (חָנַנִי) מיט גוטע פֿעהיגקייטען. גיבע גאָטט דאַס ווי ער זאָגט זאָ זאָלל זיין; אונד דאַס וואָס בעלאַנגט אָן מיר (תָּלוּי בִּי) וועל איך געוויס טהון אום צו קאָמען צו איין רעכטען צוועק (לְתַכְלִית הַנִּרְצָה).

אייער זאָהן...

§ 13

הָאָח! אֲבוֹתַי הַיְקָרִים.
עִקַּר לִמּוּדַי הִיא שְׂפַת
עֵבֶר.
וְעַל כֻּלָּם.

כְּלַפִּידֵי אֵשׁ מִפִּיו יִתְמַלָּטוּ

אָמְנָם, עַד הֵנָּה עוֹד
לֹא הֲבִנוֹתִי אֶת עֹמֶק
רַעֲיוֹנוֹתָיו.
הַלִּמּוּדִים הַנְּחוּצִים לָאָדָם
בַּאֲשֶׁר הוּא אָדָם.

רַבִּי מֵאִיר רִמּוֹן מָצָא,
תּוֹכוֹ אָכַל קְלִיפָּתוֹ זָרָק.

אִם לֹא יִנְעַם לְחִכֶּךָ.
מִדֵּי דַבְּרוֹ בְּחָזוֹן.
אִישׁ נָבוֹן אֲשֶׁר יַשְׂכִּיל
לַהֲבִינֵנִי.
וּמַה שָּׂמַח וְרָחַב לְבָבִי.
יָדַעְתִּי אֶת מַה עָרְכִּי
וּמְעַט יָדַעְתִּי.

אַך! מיינע טייערע עלטערן.

מיין רעכטער (הויפט) לערנען איזט העבּרעאיש.

אונד מעהר פֿון אללע (איבּער אללע, דאָס הויפט).

ווי פֿלאַמען פֿייער געהען פֿאָן זיין מונד הערויס.

ווירקליך בּיז יעצט האָבּ איך ניכט פֿערשטאַנען די טיעפֿזיננינקייט זיינער געדאַנקען.

די לערנונגען וועלכע זינד נייטהיג פֿיר דעם מענשען וויל ער איין מענש איזט.

רבי מאיר האָט איין גראַנאַט־אַפּפעל (מילגרוים) געפֿונען, די אינ־נערליכע האָט ער געגעסען אונד די שאָל (שאָלאַכץ) האָט ער וועק־געוואָרפֿען.

ווען דיר וועט ניכט זיין אַנגענעהם,

ווען ער רעדט מיט פּראָפֿעצייאונג.

איין פֿערשטאָנדיגער מאַנן וועלכער זאָלל פֿערשטיין מיר צו ערקלערען.

אונד ווי האָט זיך מיין הערץ געפֿריידט.

איך ווייס מיין קליין ווערטה אונד מיין ווינציג פֿערשטאַנד.

לִמְשׁוֹחַ בְּמִצְבַּע.	צו שמירען (פֿארבען) מיט איין פענזעל.
שָׁמַעְתִּי מִפִּיו דִּבְרֵי חִדּוּדִים.	איך האב פֿאָן איהם געהאָרט וויטצען.
הָאִישׁ אֲשֶׁר לֹא יוּכַל לְהָרִיחַ רֵיחַ הַבָּרוּד (אֲבַק שְׂרֵפָה) בַּל יֵלֵךְ לַמִּלְחָמָה.	דער וואָס קאָנן קיין פולווער שמעקען זאָל אין שטרייט ניכט געהן.
שֶׁבַע יִפֹּל צַדִּיק וָקָם, וְיֵצֵא כַּנֹּגַהּ צִדְקוֹ.	זיעבען מאָל וועט דער גערעכ־טיגער פֿאללען אונד ער וועט אויפ־שטעהן, אונד עס וועט קלאָהר זיך אויסווייזען זיין גערעכטיגקייט.
הַיּוֹם קָנָה לִי אָבִי קוֹרְדַיְקִין חֲדָשִׁים.	היינט האָט מיר מיין פֿאטער גע־קויפט נייע קאַלאָשען.
אַל תַּבִּיט אֶל הַבַּר כִּי אִם אֶל הַתּוֹךְ.	קוקע ניכט אויף די אויסערליכע, זאָנדערן אויף די אינגערליכע.
אֵין תּוֹכוֹ כְּבָרוֹ.	זיין אינגערליכעס איזט ניכט ווי זיין אויסערליכעס.
לְהִתְעַנֵּג בְּחֶבְרָתֶךָ.	צו האָבען פֿערגעניגען אין דיין געזעלשאַפֿט.

§ 14 זִיבֶּעטֶער בְּרִיעף.

מיינע טהייערע עלטערן! איך האָב זיך היינט אינגערליך געפֿריידט בעקאָמענדיג אייער בריעף, דען פֿאָן איהם האָב איך געזעהן, דאס אָבוואָהל איהר האָט מיך איבערגעגעבען אין טרייע האָנד, צווישען גוטע מענשען, וועלכע רעכנען מיך פֿיר איין אייגען קינד, פֿאָן דעסטוועגען (בְּכָל זֹאת) פֿראַגט איהר אָפֿט פֿערשיע־דענע מענשען אויף מיין צושטאַנד, ווי איך בעפֿינדע זיך, ווי בעגעהען (פֿיהרען) זיי זיך מיט מיר, אויך וועגען דעם לעהרער

האָט איהר געפֿראָגט אויב ער איזט איין גוטער מענש, אונד אויב עס פּאַסט איהם דער נאָמען לעהרער, אונד נאָך פֿערשיעדענע פֿראַגען פֿאָן יעדער זאַכע בעזאָנדערס (פּאָדראָבנע). אויף די ערשטע הויפּט־פֿראַגען קאַנן איך אייך אַנטוואָרטען, דאַס איך האָב ניעמאַלס גערעכענט אונד פֿאָרגעשטעלט (דִמִיתִי) דאַס פֿרעמדע מענשען וועלכע האָבען מיר ניכט געקאָנט, זאָללען זיך זאָ בעזאָרגען וועגען מיר, דאַס מיר זאָלל ניכטס פֿעהלען, פֿאָן דאַס קלענסטע ביז דאַס גראָסטע; אונד אויך איך אום צו געפֿע־לען זיי אונד אלס איין דאַנקבאַר צייכען פֿיר זייער אַללע מיה אונד גוטהערציגקייט, לערנע איך פֿלייסיג, דען דאַס איזט זייער גאַנצער וואונש מיר צו מאַכען פֿיר איין פֿערשטאָנדיגען אונד געלערנטען מאַנן. אונד וועגען מיין לעהרער קאַנן אייך דיעזער בריעף זיין (צו) איין צייכען, דאַס ער (דער לעהרער) ווייסט אונטער־ריכטען דען קנאַבען נאָך זיין שטייגער (עמפּפֿאַנגונג).

אייער זאָהן וואָס בענשט אייך מיט געזונד, רייכקייט אונד גליק...

~~~~~~~~

§ 15

הַשֶּׂה עָמַד לְיַד פֶּלֶג מַיִם
לִשְׁבּוֹר צְמָאוֹ.

די שאָף האָט זיך געשטעלט נעבען דעם טייך (באַך) צו שטיללען איהר דורשט.

לוּ מֵרֵאשִׁית כָּזֹאת יָדַעְתִּי
לֹא רָדַפְתִּי אַחֲרֶיךָ.

ווען איך וואָלט פֿריהער דיעזעס געוואוסט וואָלט איך דיר ניכט געיאָגט.

עֲזֹב זֶה דַּרְכְּךָ כֶּסֶל לָךְ.

פֿערלאָז דיין טהאָרישע (נאַרר־שע) אויפֿפֿיהרונג.

פַּעַם אַחַת הֵנִיחַ
לִמְרַאֲשׁוֹתָיו כַּף.

איינסט האָט ער איין לאָפֿעל צו קאָפּפֿען געלייגט.

הֲלֹא אֵבוֹשׁ וְאֶכָּלֵם וּפָנַי
יֶחֱוָרוּ.

איך וועל פֿערשעמט ווערען אונד מיין געזיכט וועט בלאַס ווערען.
~~~~~~~~

וַיְהִי בְּחָפְזוֹ לָנוּס וַיִּשָּׁאֵר לִי דָּבָר מָה מֵחֲפָצָיו.

ווען ער האָט זיך געאיילט צו ענטלויפען האָט ער מיר איבערגעלאָזען עטוואָס פאָן זיינע זאַכען.

הֲלֹא אָבִיךָ לֹא יִתֶּנְךָ לָקַחַת אֶת הַסֻּלָּם.

דיין פאַטער וועט דאָך דיר ניכט לאָזען נעמען דעם לייטער.

בַּעֲלוֹתִי עַל מִשְׁכָּבִי.

ווען איך האָב זיך שלאַפען געלייגט.

דְּבָרָיו הַנְּעִימִים הָיוּ כְּמַרְפֵּא לְנַפְשִׁי הָעֲגוּמָה.

זיינע ליעבע וואָרטען זיינען געוועזען איין היילונג צו מיין בעטריעבטע זעעלע.

תִּקְוָתִי תְּשַׁעַשְׁעֵנִי.

מיינע האָפפנונג האַלט מיך אונטער (ערפרייט מיך).

כָּל אוֹהֲבַי וּמְיֻדָּעַי סָבְבוּנִי גַּם סְבָבוּנִי.

אַללע מיינע גוטע פריינד אונד בעקאַנטע האָבען מיך הערום געקרייזט.

כָּלְתָה נַפְשִׁי לִשְׂבֹּעַ מִזִּיו הֲדַרַת פָּנֶיךָ.

מיין זעעלע גלוסט זיך זאַטטיגען פאָן די לויטערקייט אונד שאָנקייט דיינעם געזיכטס.

אִם אַתָּה עִמָּדִי הַכֹּל לִי.

ווען דו ביסט מיט מיר איזט אַללעס מיט מיר.

*בְּדֶרֶךְ שֶׁאָדָם רוֹצֶה לֵילֵךְ בָּהּ מוֹלִיכִין אוֹתוֹ.

אין דעם וועג וואָס דער מענש וויל געהן פיהרט מען איהם אין איהר.

*כָּךְ עָנְשׁוֹ שֶׁל בַּדַּאי שֶׁאֲפִילוּ אוֹמֵר אֱמֶת אֵין שׁוֹמְעִין לוֹ.

דאָס איזט די שטראָף פאָן איין ליגנער ווען ער זאָגט זאָגאַר וואַרהייט גלויבט מען איהם אויך ניכט.

*אֲפִילוּ שִׂיחַת חוּלִּין שֶׁל תַּלְמִידֵי חֲכָמִים צְרִיכָה לִמּוּד.

די פראָסטע (איינפאַכע) רעדע (וואָרטען) פאָן געלערנטע מענשען דארף מען לערנען.

§ 16 אַכְטֶער בְּרִיעף.

מיין טהייערער פֿאַטער! פֿריעד, פֿריעד צו דיר מײַן טהײ־ערער פֿאַטער פֿאָן נאָהענט אונד פֿאָן וויטען.

היינט האָבּ איך דיין בּריעף ערהאַלטען אונד איך האָבּ איהם געלעזען מיט פֿיעל פֿערגעניגען. װעגען דיין פֿראַגע וואָס דו פֿראָגסט מיך אין דיין בּריעף, ווי אונד מיט וואָס פֿערבּריינג איך די צייטען פֿאָן טאָג, קאָנן איך דיר געבּען איינע ריכֿטיגע רעכֿנונג: דער רעכֿטער לערנען איזט יעטצט בּיי מיר די העבּרעאישע שפּראַכֿע פֿאָן פֿערשיעדענע בּיכֿער, צום בּיישפּיל: דאַס בּוך „גַּן שַׁעֲשׁוּעִים" לעזע איך, דען בּריעפֿען־שטעללער „נִיב שְׂפָתַיִם" לערנע איך אויסוועגדיג, אונד פֿאָן דעם בּוך „הַמְחַנֵּךְ" מאַך איך איבּערזעצונגען פֿאָן זשאַרגאָן אויף העבּרעאיש, אונד דאַס הויפּט לערנע איך תנ"ך. מיין לעהרער האָט מיט מיר אָנגעפֿאַנגען צו לערנען דעם תנ"ך פֿאָן אָנפֿאַנג אונד יעצטט לערנע איך ישעיהו. אַך! מיין טהייערער פֿאַטער, ווי אַנגענעהם זינד מיר (מיינען אָהרען) די וואָרטען דיעזעס פּראָפֿהעטס, וועלכֿע ווי פֿלאַממען פֿייער געהען פֿאָן זיין מונד הערוים, ווען (מִדֵּי) ער רעדט מיט פּראָפֿעצייאונג אויף פֿאָלקער אונד מענשען (עַל גּוֹי וְאָדָם) צוזאַמען. ווירקליך, איך האָבּ שאָן איינינע מאָהל געלערנט דיעזעס פּראָפֿעצייאונגס־בּוך, נור בּיז יעטצט האָבּ איך נאָך ניכֿט פֿערשטאַנען די טיעפֿזינניגקייט פֿאָן די וואָרטען זיינער געדאַנקען, דען איך האָבּ ניכֿט געהאַט איין פֿער־שטאָנדיגען לעהרער, וועלכֿער זאָלל פֿערשטעהן מיט זיין מויל מיר צו ערקלערען די טיעפֿע אונד הויכֿע (הַנִּשְׂגָּבִים) געדאַנקען. נאָך מיטטאַגס־שטונדע לערנע איך אנדערע וויססענשאַפֿטען, וועלכֿע זיינען נייטיג פֿיר יעדען מענש וויל ער איין מענש איזט. ווען איך ענדיג (כְּכַלּוֹתִי) מיין לערנען, געה איך מיט מיינע קאַמעראַדען (רֵעַי) שפּאַצירען אין פֿעלד אונד וואַלד; אונד אזוי פֿיהר איך זיך אללע טאָג.

דיין זאָהן...

§ 17

בִּלְעָדֶיךָ כָּל שִׂמְחָה וְשָׂשׂוֹן לֹא יַרְגִּיעוּ אֶת רוּחִי.

אויסער (אָהנע) דיר קאָנן קיין פֿריידע מיין געמיטה (גייסט) ניכֿט בערוהיגען.

מַה שָּׂמַח לִבִּי וְעָלְזוּ כִּלְיוֹתַי.

ווי האָט זיך מיין הערץ אונד מיינע ניערען (מיין איננערליכֿעס) געפֿריידט.

עֹשֶׁר וְאֹשֶׁר יִמְצְאוּ קֵן לָהֶם בְּצֵל קוֹרַתְכֶם.

רייכֿטהום אונד גליק זאָללען פֿינדען איין פלאַטץ (נעסט) איין אייער הויז (אין דעם שאָטען פֿאָן אייער באַלקען).

קַנֹּא קִנֵּאתִי בְּךָ, יְדִידִי.

איך האָב דיר בענײדעט, מיין פֿריינד.

קִנְאַת סוֹפְרִים תַּרְבֶּה חָכְמָה.

די בענײדונג פֿאָן שרייבער (לערנער) מעהרט קלוגשאַפֿט.

בִּמְקוֹם גְּדוֹלִים מִי יַעֲמֹד?

אין דעם אָרט פֿאָן גרויסע ווער קאָנן קוממען? (שטעהען).

לֹא יָדַעְתִּי מַחְסוֹר בְּכָל דָּבָר.

איך ווייס ניכֿט קיין מאַנגעל אין קיין זאַך (מיר פֿעהלט גאַר ניכֿטס).

דּוֹרֵשׁ אֲנִי בִּשְׁלוֹם כָּל בְּנֵי מִשְׁפַּחְתִּי.

איך גריסס מיין גאַנצער פֿאַמיליע.

הָעֵת הַמְאֻשָּׁרָה.

די גליקליכֿע צייט.

אַהֲבַת הוֹרִים לֹא תְסֻלֶּה בְּכָל יְקָר.

די עלטערן־ליעבע ווערט ניכֿט אויפֿגעוואָגען (פֿערגלייכֿט) מיט אַללע טייערקייטען.

לֹא חַסְתִּי עַל כָּל עֲמָלִי.

איך האָב ניכֿט געשאָנט (געזאַרגט) מיינע אַללע (גאַנצע) מיה.

בְּעוֹד יָמִים אֲחָדִים אוּכַל לְחַדּוֹת אֶת פְּנֵיכֶם.

אין איינינע טאָג אַרום וועל איך זיך קאָנען פֿרייען מיט אייער געזיכֿט.

לַחְמִי נָתַן לִי, מֵימַי נֶאֱמָנִים.	מיין ברויט (שפייז) ווערט מיר געגעבען, מיין וואַססער איזט טריי (איך בעקאָממע עס ריכטיג).
הַיּוֹם הָיִיתִי בַּקִּרְקָס וָאֵרֶא שָׁם שְׁנֵי מְמַסִּים.	איך בין היינט אין צירקוס געוועזען אונד האָב דאָרט געזעהען צוויי קלאָהנען (פריילימאַכער—לֵצִים).
גַּג בֵּיתֵנוּ מְכֻסֶּה בִּרְעָפִים.	דער דאַך פאָן אונזער הויז איזט צוגעדעקט מיט דאַכאָוקעם.
בְעֲפֵי־עֵץ.	שינדלען.

~~~~~~~~~~

18 § נַיינְטֶער בְּרִיעף.

מיין טייערער פאַטער! דיין בריעף האָבען מיר ערהאַלטען אים הייליגען שבת אונד פאָן ווייטען האָבען מיר דיר געאַנטוואָרטעט אויף דיין זעגנונג „גוט שבת"— „גוט שבת" „גוט יאָהר" ווי דער שטייגער (כְּנָהוּג).— איך בין גרייט צו ערפיללען דיין פערלאַנג, וואָס דו האָסט פאָן מיר געבעטען, דאָס איך זאָלל זיך אויפשרייבען (אָבֹא בְּכְתוּבִים) מיט דיר אויף העברעאיש. ווירקליך, מיין טייערער פאַטער, קרוין פאָן מיין קאָפף, מיר איזט נאָך שווער צו אויסשרייבען אללע מיינע געדאַנקען וואָס מיין הערץ (גייסט) פיהלט צו דיר, אין דיעזער שפראַכע; דען איך בין נאָך ניכט געוואָהנט. נור וואָס וועל איך ניכט טהון ווען דו האָסט פערלאַנגט? אונד וואָס איזט מיר שווער, ווען דאָס איזט דיין וואונש? דאַרום האָב איך בעשטימט (געזאָגט) איך וועל פראָבירען מיין קראַפט; אונד ווען איך פערשטיי נאָך ניכט ריכטיג צו איינאָרדנען מיינע וואָרטען צו פאָרשטעלען דיר די געפיהלע מיינעם הערצענס מיט שאָנער פאַרבע, אָבער איך האָב נאָך צייט, דען איך וועל נאָך פלייסיגער לערנען (אַרְבֶּה לִשְׁקוֹד וְלִלְמוֹד) דיעזע שפראַכע, אונד איך וועל פאָרשריטטע מאַכען; מיין האָפפנונג איזט שטאַרק, דאָס אָבוואָהל מיין אָנפאַנג איזט קליין
~~~~~~~~~~

(וויינינ), (אָבער) מיין ענדע וועט גראָסס זיין, דען די פֿלייסיגקייט אונד די פּראַקטיקע ווערדען מיר אויסלערנען וויסענשאַפֿט.

שרייב מיר אָפֿט העברעאישע בריעפֿע, אום איך זאָלל דיר דאַרפֿען אַנטוואָרטען העברעאיש, דען דאָס וועט מיר ברענגען ניכט קיין קליינע נוטצען.

דיין זאָהן...

§ 19

אָחוֹג בְּחֶבְרָתְךָ אֶת יְמֵי הֶחָג.	איך וועל מיט דיר צוזאַמען (אין דיין געזעלשאַפֿט) פֿייערן די פֿייערטאָגע.
לֵךְ וְהָשֵׁב לוֹ.	געה אונד גיב איהם צוריק.
וַיִּתֵּן עָלָיו בְּקוֹל עֹז.	אונד ער האָט אויף איהם אין געשריי געטהון.
לֹא חָס עַל כַּסְפּוֹ.	ער האָט ניכט געשאָנט (געזאָליוועט) זיין געלט.
לְקַיֵּם מַה שֶּׁנֶּאֱמַר.	צו ערפֿילען ווי עס איזט געזאָגט געוואָרען (ווי עס שטעהט).
חוֹזֶה בַּכּוֹכָבִים (אַשָּׁף) נִבָּא לוֹ, כִּי כָל רְכוּשׁוֹ יַעֲבֹר לִידֵי אַחֵר.	איין שטערנזעהער האָט איהם פּראָפֿעצייעט, דאָס זיין גאַנץ פֿערמאָגען וועט איבערגעהן צו איין פֿרעמדען אין די האָנד.
וַיְמַן יְיָ דָּג גָּדוֹל וַיִּבְלַע אוֹתוֹ.	אונד גאָטט האָט בעשטיממט (צוגעשיקט) איין גרויסען פֿיש אונד ער האָט איהם איינגעשלונגען.
הֵמָּה הִכּוּ לוֹ.	זיי האָבען אויף איהם געוואָרט.
וְקָרָאתָ לַשַּׁבָּת עֹנֶג.	אונד דו זאָלסט רופֿען דעם שבת פֿערגניגען (זאָלסט אום שבת זיך פֿערגעניגען).

הוֹסַפְתִּי שְׁקִידָה עַל שְׁקִידָתִי.	איך בין געווען נאך מעהר פלייסיגער.
וְעַתָּה אוּכַל לְהִתְפָּאֵר, כִּי הִגְדַּלְתִּי לַעֲשׂוֹת.	אונד יעצט קאן איך זיך ריהמען, דאס איך האב פיעל (גראסס) געטהאן.
כָּל הֶגְיוֹנָיו וּמִלּוֹתָיו שְׁקוּלִים הֵם בְּמֵיטַב הֶגָּיוֹן.	אללע זיינע געדאנקען אונד ווארטען זיינען געוואגען מיט דער בעסטער לאגיק.
יָדַעְתִּי אֶת כְּלָלֵי (תְּכוּנַת) הַשָּׂפָה הַזֹּאת.	איך ווייס די רעגעלן (פאן) דיזער שפראכע.
הוּא בְּיָדוֹ כַּחֹמֶר בְּיַד הַיּוֹצֵר.	ער איזט ביי איהם אין האנד ווי ליים ביי דעם טאפער.
מַה שֶּׁיַּעֲשֶׂה הַזְּמַן לֹא יַעֲשֶׂה הַשֵּׂכֶל.	וואס די צייט קאן מאכען (ברינגען), קאן דער פערשטאנד ניכט מאכען.
*אַל תִּסְתַּכֵּל בַּקַּנְקַן אֶלָּא בְּמַה שֶּׁיֵּשׁ בּוֹ.	קוק ניכט אויף דעם קרוג, זאנדערן אויף דעם וואס אין איהם איזט.
*אֵין קַטֵּיגוֹר נַעֲשֶׂה סַנֵּיגוֹר	איין אנקלאגער קאן ניכט זיין איין פערטיידיגער.
*בַּהֲדֵי הוּצָא לָקֵי כְּרָבָּא.	מיט דעם דארן ווערט דער פלוצער געשלאגען (מיט דעם שלעכטען ווערט געשטראפט דער גוטער).
*נִפְרִין דִּבְרֵי אֱמֶת.	עס איזט קאנטיג די ווארהייט.

§ 20 צֶעהְנְטֶער בְּרִיעף.

מיין טייערער פאטער קרוין (פאן) מיין קאפף! דיין בריעף וועלכען דו האסט אונז געשיקט האבען מיר ערהאלטען שבת

פאַר מיטטאָג, אונד מיר האָבען איהם גלייך געלעזען, אונד ווען מיר האָבען זיך אַללע געזעטצט צום טיש עססען האָבען מיר איין צווייטען מאָל געלעזען דיין בריעף, אונד לעזענדיג דיינע וואָרטען האָט זיך אונז פאָרגעשטעללט (געדאַכט) ווי דו זיטצט אויך מיט אונז (בְּתוֹכֵנוּ) אונד מיר האָבען פערגעניגען מיט דיין געזעללשאַפט; אונד ווי האָט זיך מיין הערץ געפריידט אויף דעם, וואָס דו האָסט אין דיין בריעף ענטדעקט דיין פערלאַנג, דאַס איך זאָלל קאָממען פאָר דיר מיט איין בריעף (בִּמְגִלַּת סֵפֶר) געשריבען העברעאיש! ווירקליך, מיין טייערער פאַטער, איך וויים מיין קליין ווירדע (ווערטה) אונד מיין ווינציג פערשטאַנד אין דיעזער שפראַכע אום (לְמַעַן) צו שרייבען דיר איין העברעאישען בריעף; נור וויל איך וויים דיין גוטעם הערץ, דאַס דו ווערסט ניכט קוקען אויף די אויסערליכע זאַנדערן אויף די איננערליכע, וועלכע איזט פאָלל ליעבע אונד עהרע צו דיר, שטאַרקט מיך מיין האָפנונג, דאַס די איננערליכע ווערסט דו אננעמען אונד די שאָל (שאַלאַכץ) ווערסט דו אוועקוואַרפען (ווען דיר וועט ניכט זיין אנגענעהם = יִנְעַם לְחִכֶּךָ) אונד מיין בריעף וועט דיר געפאָלען; אונד איך וועל נאָך מיט מעהר פלייסיגקייט (וַאֲנִי אוֹסִיף שְׁקִידָה עַל שְׁקִידָתִי לְ...) לערנען מיין צונג שאָן שפראָכען אונד פערפאַרבען מיט פאַרביגע וואָרטער.

דיין זאָהן וואָס זעגנעט דיר מיט אַלעם גוטען...

§ 21

אָנֹכִי קָרָאתִי אֶת מִכְתָּבְךָ תֵּכֶף בְּקַבְּלִי אוֹתוֹ.	איך האָב דיין בריעף געלעזען גלייך ווי איך האָב איהם בעקאָמען.
נִדְמָה לִי כִּי אָנֹכִי פֶּה אֶל פֶּה אֲדַבֵּר עִמְּךָ.	מיר האָט זיך פאָרגעשטעללט (געדאַכט) דאָס איך רעד מיט דיר מונד צו מונד (פערזאָנליך).
וַיָּרָץ אֶל עֵבֶר הַנָּהָר.	אונד ער איזט געלאָפען אין דער זייט פאָן דעם טייך (צום טייך צו).

הַיּוֹם אָכַלְתִּי מַאֲכַל תַּאֲוָה

איך האב היינט געגעסען איין געשמאקע שפייזע .

הַהֲתֵל תְּהָתֵל בִּי ?

שפאסט (לאכסט) דו פאן מיר ?

הַשְׁמַע לְאָזְנֶיךָ מַה שֶּׁאַתָּה מוֹצִיא מִפִּיךָ .

לאזען דיינע אהרען הארען , וואס דיין מונד רעדעט (האר וואס דו רעדסט) .

יְחַמְרָא לְמָרָא וְטִיבוּתָא לְשַׁקְיָא .

דער וויין געהערט צו דעם ווירט אונד דער דאנק צו דעם אנטרינקער .

וְלֹא יָכֹל לְהַאֲרִיךְ אַף אַפּוֹ עוֹד .

אונד ער האט שון מעהר ניכט געקאנט איינהאלטען זיין צארן .

הֵם הִתְחִילוּ לָרִיב אִישׁ אֶת רֵעֵהוּ .

זיי האבען זיך אנגעפאנגען צו קריגען איינער מיט דעם צווייטען .

מַה קָּרָה פֹּה ?

וואס האט זיך היר געטראפען ?

הוּא הִנִּיחַ אֶת בְּנוֹ בְּבֵית מִסְחָרוֹ .

ער האט זיין זאהן אין זיין געשאפט געלאזען .

דְּבָרֶיךָ יָרְדוּ עִמְק חַדְרֵי בִטְנִי .

דיינע ווארטען זיינען אריין אין טיעפנים (איננערליכע) מיינעם הער־צענס .

וַיִּקֶן מַרְגָּלִית טוֹבָה וַיְשַׁבְּצָהּ בְּמִצְנַפְתּוֹ .

אונד ער האט געקויפט איין גוטע פערל אונד ער האט זי איינגעזעצט אין זיין הוט .

אֶת נַפְשָׁם הֶעֱרוּ לַמָּוֶת .

זייער זעעלע האבען זיי בלויזגע־שטעלט דעם טוידט (זיי האבען זיך געלאזט טאדטען) .

אַל תַּאֲמִין בְּרֵעַ בְּטֶרֶם בְּחַנְתָּ אוֹתוֹ בְּעֵת צָרָה :

גלויב ניכט קיין גע‍זועלען (גוטען פריינד) בעפאר דו האסט איהם אין איין נויטה געפראבירט .

מִכָּל מִשְׁמָר שְׁמֹר עִתְּךָ, כִּי הִיא מְקוֹר חַיֶּיךָ.	פֿאָן אַללע היטטונג (מעהר פֿיר אַללעם) היטט דיין צייט, דען זי איזט די קוועלע דיינעם לעבענס.
הָעֲמַדְתָּ עַל אוֹפְיוֹ שֶׁל הַנַּעַר הַזֶּה?	ווייסט דו דעם חאַראַקטער פֿאָן דיעזען קנאַבּען?
הוּא מְגַמְגֵּם בְּדִבּוּרוֹ.	ער שטאַממעלט אין זיין רעדען.
מַדּוּעַ תַּבִּיט עַל הַדָּבָר הַזֶּה בְּנִשְׁתְּוֹנוּת?	וואַרום קוקסט דו אויף דיעזער זאַכֿע מיט גלייכֿגילטיגקייט?
לֹא מֵעוּקְצֵךְ וְלֹא מִדּוּבְשֵׁךְ.	ניכֿט דיין בּים (וויל איך) אונד ניכֿט דיין האָניג. (איך וויל ניכֿט דיין גוטעם אונד איך וויל ניכֿט דיין שלעכֿטעם).
שְׁקִילָא טִיבוּתָךְ וְשַׁדְיָא אַחִיזָרֵי.	נעהם דיין גוטעס אונד וואַרף אויף דערנעו. (איך וויל ניכֿט דיין גוטעס).

22 § א. איין טְרַייעֶר הִירְט.

ווען משֶׁה רַבֵּנוּ האָט געווײדעט די שאָף פֿאָן זיין שוויגער־פֿאַטער יִתְרוֹ, האָט ער איין מאָל געזעהען, דאַס איין שאָף האָט זיך אָפּגעשײדעט פֿאָן דער סטאַדע (עֵדֶר) אונד לויפֿט אין דער וייט פֿאָן דער וויסטע. משה האָט גערעכֿענט, אַז דאָס שאָפּ־סעלע האָט פֿערבלאָנזעט (תָּעָה), האָט ער איהן געיאָגט צו חאַפּען אונד אומקעהרען צו דער סטאַדע; נור ער האָט איהן ניכֿט געקאָנט דעריאָגען, דען דאָס איזט זעהר שנעל געלאָפּען. אַס ענדע האָט זיך דער שאָף אָפּגעשטעלט ביי איין טייך (בּאַך) וואַססער אונד האָט געטרונקען מיט געשמאַק; דאַנן האָט משה פֿערשטאַננען או דאָס שטומע שאָפּעלע איזט געוועזען דורשטיג. ווי דאָס

שאָפּעלע האָט געענדיגט טרינקען האָט משה איהן גענאָממען
אויף זיינע אַרמע (זְרֹעוֹתָיו) אונד האָט געזאָגט: איך האָב ניכט
געוואוסט, דאַס דו ביסט דורשטיג, דען ווען איך וואָלט וויסען
וואָלט איך דיר ניכט געזאָגט; נור יעטצט ביסט דו זעהר מידע
אונד איך וועלל דיך אֲוועקטראָגען אויף מיינע האָנד אין דער
סטאַדע. — דאַנן האַט צו איהם איין ענגעל פֿאָן גאָטט גערופֿען
אונד האָט צו איהם געזאָגט: משה! גאָטט האָט געזעהען
דיין גוּט הערץ אונד דיין באַרימהערציגקייט (חֶמְלָתְךָ) צו דיינע
שאָף וועלכע דו ווייִדעסט, דאַרום האָט ער דיך אויסערוויילט צו
זיין איין הירט פֿיר זיין פֿאָלק יודען; פֿערלאָז דיעזע סטאַדע אונד
געה אין דער לאַנד מצרים אונד זאָלסט העלפֿען דיינע ברידער
פֿאָן פרעה'ס האָנד, אונד זאָלסט זיי פֿיהרען אין דעם לאַנד וועל-
כעם פֿליסט (זָבַת) מילך אונד האָניג, ווי גאָט האָט געשוואָרען
צו אייערע עלטערען זיי צו געבען.

23 § ב. קִינְדֶערְשֶׁע נַאַרִישְׁקֵייט.

1.

• איינסט האָט איין קליינער קנאַבע געליינט צו קאָפּען איין
לאָפּעל ווען ער האָט זיך געלייגט שלאָפֿען. פֿראָגט איהם זיין
פֿאַטער: וואָס טהוסט דו, מיין זאָהן? — געסטערן, האָט דער זאָהן
געאַנטוואָרטעט, האָב איך געזעהען אין טרוים (בַּחֲלוֹמִי) איין געש-
מאַקע שפּייזע, נור איך האָב ניכט געהאַט קיין לאָפּעל, האָב איך
ניכט געקאָנט עססען פֿאָן דעם, דאַרום גרייט איך מיר יעטצט אָן
איין לאָפּעל, פֿילייכט (אוּלַי) וועט זיך מיר נאָך איין מאָל טרוימען
דיעזער טרוים, וועל איך שוין האָבען מיט וואָס צו עססען די-
שפּייזע...

2.

צוויי קנאַבען זיינען געגאַנגען שפּאַצירען, זיינען זיי פֿערביי-
געגאַנגען נעבען (לִפְנֵי) איין טיעפֿע גרוב. — וואָס וואָלסט דו

געטהאָן ווען דו וואָלסט אין גרוב אַריינגעפֿאַלען ? — פֿראָגט איינער דעם צווייטען. — דאַנן וואָלט איך צו הויזע געלאָפֿען (רַצְתִּי) אונד איך וואָלט איין לייטער געבראַכט ארויפֿגעהן דורך איהם, האָט דער צווייטער געאַנטוואָרטעט. — דיין פֿאָטער וועט דאָך דיר דעם לייטער ניכט לאָזען נעהמען ? — מיין פֿאָטער איזט ניכט זאָ שלעכט דאַס ער זאָלל מיך לאָזען שטאַרבען אין גרוב פֿאַר הונגער... —

§ 24 אֵיין גוּטֶע רַאטְה.

צוויי אָרימע שילער האָבען צוזאַממען געוואָהנט אין איין ענגען צימּמער. אין מיטטען דער נאַכט האָט איינער דערהאָרט, דאַס איין דיעב (גַּנָּב) קאָמט צו זיי אין צימּמער דורך דעם פֿענס־טער, האָט ער דעם צווייטען אויפֿגעוועקט אין דער שטיל אונד האָט איהם געזאָגט : האָרסט דו דאַס איין דיעב האָט דעם פֿענ־סטער פֿאָן אונזער צימּמער געעפֿענט ? אונד איך שעהמע מיך, פֿילייכט וועט ער זוכען אונד ער וועט גאָר ניכט פֿינדען. — וואַרט נור איין ביסעל, האָט דער צווייטער איהם געאַנטוואָרטעט : וואַרט (חַכֵּה) נור ביז ער וועט אין צימּמער אַריינקאָממען, וועל איך אויף איהם איין געשריי טהון, פֿילייכט אז ער וועט זיך איילען צו ענטלויפֿען, וועט ער ביי אונז עטוואָס איבערלאָזען פֿאָן זיינע זאַכען, וועלען מיר דערפֿאַר מאָרגען קויפֿען עססען, דענן שאָן צוויי טאַגע האָבען מיר קיינע שפּייזע אין אונזער מויל געהאַט (בָּא אֶל פִּינוּ)... —

§ 25

הַמּוֹקִיר דְּבָרָיו. — דער וואָס האַלט טייער איינע זאכע.

הַחַיִּים וְהַמָּוֶת בְּיַד הַלָּשׁוֹן — דאָס לעבען אונד דער טויד האָנגט אָן צונג.

וַיִּתֵּן עָלָיו בְּקוֹלוֹ: שֶׁקֶר אַתָּה דוֹבֵר.

אונד ער האָט אויף איהם איין געשריי געטהון: „דו שפּריכסט (רעדסט) פאַלש".

וְנִרְאֶה לְמִי הָעֹז וְהַגְּבוּרָה

אונד מיר ווערדען זעהען צו וועמען איזט די קראַפט (ווער איז קראַפטיג אונד שטאַרק).

וַיִּקֶץ מִשְּׁנָתוֹ וַיֵּלֶךְ לְדַרְכּוֹ.

אונד ער האָט זיך אויפגעוואַכט פאָן זיין שלאָף אונד איזט זיין וועג געגאַנגען.

הוּא סָגוּר בְּחוֹמָה וּדְלָתַיִם

ער איזט פערשלאָסען אין איין מויער אונד טהירען.

וַיֶּחֱלֶה בְּמַחֲלָה מְסֻכֶּנֶת.

אונד ער איזט קראַנק געוואָרען מיט איין געפאָהרליכע קראַנקהייט.

וַתָּבֹא רוּחַ סְעָרָה וַתָּטֶל אוֹתוֹ הַיָּמָּה.

איזט געקאָממען איין שטורם ווינד אונד האָט איהם אין מעער אריין געוואָרפען.

הַלְּבִיאָה מֵינֶקֶת אֶת גּוּרֶיהָ.

די לאָווין זייגט איהרע לייבעלאַך.

אִם כֹּה אוֹ כֹה.

אזוי אָדער אַזוי.

כַּאֲשֶׁר הוּצָא לְהִתָּלוֹת אֲחָזָה רְעָדָה וָרֶטֶט אֶת כָּל הָאֵבָרִים.

ווי ער איזט אַרויסגעפיהרט געוואָרען צו ווערען געהאַנגען האָט אַנגענאָמען איין ציטטערניש אללע גלידער.

הַנִּשְׁפָּט הִתְחַנֵּן עַל נַפְשׁוֹ אֶל הַשּׁוֹפֵט.

דער געריכטעטער האָט זיך געבעטען ביי דעם ריכטער.

בְּאֹרֶךְ אָזְנַיִם יִכַּר חֲמוֹר וּכְסִיל בְּאֹרֶךְ לָשׁוֹן.

מיט די לאַנגע אָהרען ווערט דער עזעל ערקאָנט אונד איין נאַרר — מיט איין לאַנגער צונג.

הוּא מַעֲלֶה פִּילָא בְּקוּפָא דְמַחֲטָא.

ער ברענגט אריין איין עלעפאַנט אין דער לאָך (אָהר) פאָן איין נאָדעל (ער זאָגט אונמאָגליכעס).

בְּנֵי הָאָדָם דּוֹמִים לְעִשְׂבֵי הַשָּׂדֶה: הַלָּלוּ נוֹצְצִים וְהַלָּלוּ נוֹבְלִים.

די מענשען זינד גלייך צו גראז פאָן פעלד: דיעזע שפראָצען ארויס אונד דיעזע וועלקען.

§ 26 דֶער „שַׁבָּת-טַייעֶרהַאלְטֶער".

איין מאַנן מיט דעם נאָמען יוסף האָט זייער געשעֶצט אונד טייער געהאַלטען דעם טאָג שַׁבָּת. אָבוואָהל ער איזט ניכט געוועזען קיין רייכער מאַנן האָט ער זיין געלד ניכט געזאַליוועט צו קויפען די בעסטע שפייזען אויף שַׁבָּת, צו ערפילען ווי עס שטעהט „דו זאָלסט רופען צו דעם שַׁבָּת פערגעניגען"; אונד צו ליעב דיעזעם האָט מען איהן גערופען: „יוסֵף טייער-האַלטער שַׁבָּת". נעבען איהם האָט געוואָהנט איין היידע (נָכְרִי) זעהר איין רייכער; האָבען איהם שטערנזעהער געזאָגט, דאַס זיין גאַנץ פערמעֶגען וועט אָנקומען אין די האֶנד פאָן יוסֵף טייער-האַלטער שַׁבָּת. דיעזע וואָרטען זיינען דעם היידע אַריין טיעף אין הערץ, דען ער האָט דיעזעס געגלויבט, אונד נאָך אין דעם זעלבען טאָג האָט ער פערקויפט אללעס וואָס ער האָט געהאַט: פעלדער, וויינגאָרטנער (כְּרָמִים) אונד ער האָט געקויפט איין טייערען פערל אונד האָט זי אַריין געזעטצט אין זיין הוט, אום ער זאָלל איממער זיין פערמעֶגען ביי זיך טראָגען. — איינסט איזט דער היידע שפאַצירען געגאַנגען אויף דעם אופפער (חוף) פאָן מעער, איזט געקאָממען איין שטורם-ווינד אונד האָט זיין הוט אַריינגעוואָרפען אין מעער, אונד גאָט האָט צוגעשיקט (נִימַן) איין גראָססען פיש אונד ער האָט איינגעשלונגען די טייערע פערל, וואָס איזט געוועזען אין הוט. — ווי דער היידע האָט געזעהען דאַס זיין פערמעֶגען איזט פערלאָרען דורך איין שלעכטען צופאַלל (בְּעִנְיָן רָע), איזט ער אַריין געשפרונגען (קָפַץ) אין וואַססער אונד האָט זיך דערטרונקען. — פרייטאָג האָבען די פישער געפאַנגען דעם פיש, אונד זיי האָבען איהן געבראַכט אין פיש-מאַרק אונד זיי האָבען געוואַרט אויף יוסף'ן דעם שבת-טייער-האַלטער, דען

קיינער האָט זאָ איין טייערען פיש ניכט געוואָלט קויפען. יוסף איזט גלייך געקאָממען אונד האָט דען פיש געקויפט, דענן ער איזט געוועזען דער בעסטער פיש. יוסף האָט דען פיש אַהיים געטראָגען אונד ווי ער האָט איהם געעפענט האָט ער אין איהם די טייערע פערל געפונען...

§ 27

הִיא נָתְנָה לוֹ לָקַחַת לַחֲלוֹב אוֹתָהּ.	זי האָט זיך געלאָזען נעמען פאָן איהרע מילך. זי צו מעלקען.
כֵּן עָשָׂה יָמִים רַבִּים.	זאָ האָט ער געטהון איין לאַנגע צייט (פיעלע טאַגע).
חָלָב לְבִיאָה.	די מילך פאָן איין לאָווין.
הָאֵבָרִים הִתְחִילוּ לָרִיב אִישׁ אֶת רֵעֵהוּ.	די גלידער האָבען זיך אַנגעפאַנגען קריגען איינער מיט דעם צווייטען.
הוּא יְמַלֵּא אַחֲרֵי דִּבְרֵי הַבְטָחָתוֹ, (כַּאֲשֶׁר הִבְטִיחַ).	ער ווערט ערפילען די וואָרטען פאָן זיין צוזאָג (ער ווערט טהון ווי ער האָט פערשפראָכען).
אֵין חָכָם כְּבַעַל הַנִּסָּיוֹן:	עס גיבט ניכט קיין קלוגערן ווי דער פראַקטיצירטער.
לֹא חָשַׂכְתִּי כָּל עָמָל וִיגִיעָה.	איך האָב ניכט געזאַליוועט קיין מיה.
מָצָאתִי לְנָחוּץ לְהָעִירְךָ.	איך האָב געפונען פיר נייטהיג צו ערוועקען דיר (אויפמערקזאַם מאַכען).
אֶת הַתַּנַ"ךְ יָדְךָ בַּל תַּנַּח.	דעם תנ"ך זאָלל דיין האַנד ניכט אַפלאָזען (אָוועקלעגען).

רְאֵה נָא כִּי לְטוֹב יַעֲצוּתִיךָ	זעה דאָס איך האָב דיר געראַטען צו גוטען .
הַכֹּל בֵּאַר הֵיטֵב .	אַללעס גוט ערקלערט .
עַיִן בְּעַיִן אֲנִי רוֹאֶה כִּי אֲהַבְתַּנִי מֵישָׁרִים .	אויג אין אויג זעה איך (איך זעה קלאָהר) דאָס דו ליעבסט מיך ריכטיג .
עָבַר קָצִיר , כָּלָה קַיִץ , וְאָנֹכִי לֹא נוֹשָׁעְתִּי .	עס איז פאָראיבער די שניט-צייט , עס האָט זיך געענדיגט דער זאָממער , אונד איך בין ניכט געוואָרען גע-האָלפען .
לִבִּי יְסִיתַנִי בְּשֶׁפֶק .	מיין הערץ צווייפעלט .
אֶת פָּנֶיךָ הַנְּעִימִים שִׁוִּיתִי לְנֶגְדִּי תָמִיד .	דיין ליעבליכעס געזיכט האָב איך מיר איממער פאָרגעשטעללט .
וּמַה יָּקָר אוֹהֵב נֶאֱמָן כָּמוֹךָ לְעִתּוֹת בַּצָּרָה .	אונד ווי טהייער איזט איין טרייער פריינד ווי דו אין דער צייט פאָן נויטה .
קַנְצֵי לְמִלִּין .	איין ענדע צו די רייד . (איין ענדע) .
מִלָּה בְּסֶלַע , מִשְׁתּוֹקָא בִּתְרֵין .	(ווען) איין וואָרט (איזט) איין טהאָלער (ווערט) , איזט שווייגען צוויי טהאָלער (ווערט) .

§ 28 עֶלְפְטֶער בְּרִיעף .

מיין טהייערער פאָטער ! איך רוף צו דיר פאָן ווייטען , פאָן דעם אָרט וואָ איך בעפינדע זיך יעטצט , פאָן דעם אָרט וואָס איך בין יעטצט געקאָממען צו וואָהנען אום זיך איינאָרדנען שרייב איך דיר דיעזען בריעף . ווירקליך (אָמְנָם) , מיין ליעבער פאָטער , גלייך (תֵּכֶף) ווי איך בין היר געקאָממען , האָבען מיר אַללע דיינע גוטע פריינד אונד בעקאַנטע ארומגעקרייזט , אונד מיט ליעבע

צייכען אונד פריינדליכקייט האָבען זיי מיך עמפפאַנגען (אויפגענאָמען) אונד זייערע ליעבליכע וואָרטען זיינען געוועזען איין היילונג פיר מיין בעטריעבטע (בעקיממערטע) זעעלע; די האָפפנונג האַלט מיך אונטער, דאָס איך ווערדע היר געפינען איין פלאַטץ צו אַרבייטען אין איין געשאָפטס־הויז. נור דיעזעס אַללעס איזט מיר ניכט גלייך ווי דיין ליעבשאַפט אונד ערבאַרימקייט אויף מיר. יעטצט, אין דעם פלאַטץ פאָן פרעמדע מענשען, בין איך איבערצייגט געוואָרען ווי טייער אונד ליעבליך דו ביסט מיר, אונד אָהנע דיר קאָנען אַללע פערגעניגען אונד פריידען ניכט בערוהיגען מיין גייסט, אונד ווען דו געפינסט זיך נעבען מיר (עִמָּדִי) האָב איך אַללעס נעבען מיר. נור די צייט האָט אַזוי געמאַכט (יַד הַזְּמָן הָיְתָה בָּנוּ), דאָס מיר זאָללען זיך שיידען; דאַרום ביטטע איך דיר, דאָס ווען דו קאָנסט מיר ניכט זאָטיגען מיט די שאָנקייט אונד לויטערקייט פאָן דיין געזיכט, ערפריי מיך אָם וויינינגסטען מיט איין בריעף געשריבען מיט דיין האַנד.

דיין זאָהן וואָס ערוואַרטעט דיין בריעף מיט אונגעדולד (בִּכְלְיוֹן עֵינַיִם)...

§ 29 צוועלפטער בריעף.

מיינע טהייערע עלטערן! הייטע קאָממענדיג צו הויזע האָב איך בעקאָממען אייער טייערען בריעף, אונד ווי האָט זיך מיין הערץ געפריידט מיט (עַל) די וואָרטען פאָן אייער בריעף, וואָס איהר האָט מיר אין איהם בענאַכריכטעט דאָס — גאָט צו דאַנקען — לעבען, פריעד אונד גליק פינדען זיך אין אייער הויז. אונד ווי ליעבליך זיינען מיר די וואָרטען מיינעס פאַטערס, וואָס ער האָט מיר צוגעזאָגט אין דיעזען בריעף, דאָס אין איין וואָכע אַרום וועט ער דורכרייזען וועגען (לְרַגְלֵי) זיין האַנדעל דורך דער שטאָדט אין וועלכער איך פינדע זיך, אונד ער וועט מיך נעהמען מיט זיך, צו פייערען מיט אייך צוזאַממען די פייער־טאַגע פֶּסַח. אַך! ווי ליעבליך איזט עס אז עס זיטצען פאַטער אונד מוטטער,

ברידער אונד שוועסטער (אויך) צוזאממען. ווירקליך אויך אין דער שטאָדט וואָ איך פינדע זיך יעטצט פעהלט מיר גאָר ניכטס, איך האָב מיין עססען אונד מיין טרינקען (לַחְמִי נָתֹן מֵימַי נֶאֱמָנִים) אונד איך וויים אין קיין זאך קיין מאנגעל, נור פאמיליען־ליעבע וועלכע ווערט ניכט פערבּיטען (אויפגעוואָגען — תְּסֻלֶּה) פיר קיין טייערסטע זאך אונד פערגעניגען, פעהלט מיר היר אין דעם אָרט פאָן פרעמדע מענשען, אבוואהל גוטע אונד ליעבליכע גע־זעלען. — יעדען טאָג פיר איין יאָהר (יוֹם לְשָׁנָה, יוֹם לְשָׁנָה) וועל איך רעכנען ביז דער גליקליכער צייט, וואָס איך וועל זיך קאָנען פרייען מיט אייער געזיכט אונד שפראָכען מיט אייך מינדליך.

לעבט אין פריעדען אונד גוטעס. אייער זאָהן וועלכער האָפט זיך זעהען מיט אייך אין גיכען...

איך גריסם אללע הויז־לייט אונד אונזער גאנצע פאמיליע, אונד איך ביטטע פאָן אייך מיינע טייערע עלטערן, צו בענאַכריכ־טען אין מיינעם נאמען (צו) מיינע ברידער אונד שוועסטער די קליינע [דען אין דעם אָרט פאָן גרויסע ווער קאָנן קוממען? (שטעהען)], דאָס ווען איך וועל קוממען וועל איך זיי ברייננען שאָנע געשאָנקע.

דער זעלבּיגער (הַנִּזְכָּר לְעֵיל = הנ״ל)...

§ 30

אַהֲבַת עַצְמְךָ (הָאָנֹכִיּוּת) עִוְּרָה אֶת עֵינֶיךָ מֵרְאוֹת נְכוֹחָה.

דיין זעלבסט־ליעבע (עגאָאיזמוס) האָט דיר פערבלענדעט די אויגען זאָלסט ניכט זעהען די וואָרהייט (ריכ־טיגקייט).

הָעָם נִלְחָם בְּחֶרֶף נֶפֶשׁ בְּעַד חֵרוּתוֹ.

דאָס פאָלק שטרייט מיט לעבּעט־רונג זיינער זעעלע (איינגעשטעלט דאָס לעבען) פיר זיין פרייהייט.

מִשְׁפָּטִי יֵצֵא מִלְּפָנֶיךָ לְטוֹב.	מיין געריכט (אורטהייל) איזט פאָן דיר אַרויס צו גוטען (דו האָסט מיך גוט געריכטעט).
בְּנֵי הַחַשְׁמוֹנָאִים הֶרְאוּ גְבוּרָתָם וְנִלְחֲמוּ כָּאֲרָיוֹת.	די זאָהנע חשמונאים האָבען געוויזען זייער העלדשאַפט אונד האָבען געשטריטטען ווי לאָווען.
מִצְוַת אֲנָשִׁים מְלֻמָּדָה.	ווי יעמאַנד וואָלט בעפאָהלען (אָנגעלערנט, אָהן פערשטאַנד).
דְּבָרִים הַיּוֹצְאִים מִן הַלֵּב נִכְנָסִים אֶל הַלֵּב.	די וואָרטען וואָס געהען אַרויס פאָן הערצען, געהען אַריין אין הערצען.
דִּבְרֵי אֵלֶּה יָבִיאוּ לְךָ תוֹעֶלֶת רַבָּה.	דיעזע וואָרטען מיינע וועלען דיר ברענגען פיעל נוטצען.
לִשְׁקוֹל בְּפֶלֶס הַתְּבוּנָה.	וואָגען מיט דער וואָג פאָן פערשטאַנד.
הֲלֹא יָצָאתָ מֵחוּג נַעַר קָטֹן.	דו ביסט דאָך אַרויס פאָן דעם קרייז (צושטאַנד) פאָן איין קליינעם קנאַבע.
הִנֵּה מִיּוֹם נִפְרַדְתָּ מֵעָלַי נֶהְפַּכְתָּ לְאִישׁ אַחֵר.	זעה, פאָן (זינד) דעם טאָג וואָס דו האָסט זיך פאָן מיר געשיידעט ביסט דו פערקעהרט געוואָרען פיר איין אַנדער מענש.
בְּטֶרֶם תַּעֲנֶה לִי.	בעפאָר דו וועסט מיר אַנטוואָרטען.
אֵין דָּבָר הָעוֹמֵד בִּפְנֵי הַחֵפֶץ וְהָרָצוֹן.	קיין זאַך קאָנן ניכט בעשטעהן געגען דען וויללען.
זְכֹר וְאַל תִּשְׁכַּח אֶת הַדְּבָרִים אֲשֶׁר דִּבַּרְנוּ בֵּינֵינוּ.	געדענק אונד דו זאָלסט ניכט פערגעססען די וואָרטען וואָס מיר האָבען גערעדט צווישען זיך.

כָּל הָרָחוֹק מִמַּרְאֵה עֵינַיִם יַפְרִיד גַּם הַלְּבָבוֹת לִשְׁנַיִם.	ווענן דאָס אויג זעהט ניכט איזט דאָס הערץ אויך ווייט.
*קְדֵרָה דְּבֵי שׁוּתָּפֵי לָא חֲמִימָא וְלָא קְרִירָא.	איין שותּפישער טאָפּ איזט ניכט קאַלט ניכט וואַרעם (אַ שותּפישע זאַך איזט אָהנע אָרדענונג).
*אֹכֶל הוּכַן בִּידֵי מְבַשְּׁלִים שְׁנַיִם, מָלוּחַ הוּא כִּפְלַיִם אוֹ תָפֵל מִבְּלִי מֶלַח.	איין שפּייזע וואָס צוויי קאָכען האָבען עס געקאָכט איזט אָדער צו־פיעל געזאַלצען אָדער אָהנע זאַלץ.
*אַסְיָא דְּמַגָּן בְּמַגָּן, מַגָּן שָׁוֶה.	איין אַרצט וואָס היילט (קורירט) אומזאָנסט איזט גאָר ניכט ווערטה.
*אָזְנַיִם לַכֹּתֶל.	וואָנד האָבען אָהרען.
*לְחַכִּימָא בִּרְמִיזָא וּלְשַׁטְיָא בְּכוּרְמִיזָא.	איין קלוגען מיט איין וואונק אונד איין נאַרר מיט איין פויסט (קולאַק).
לוּ חָפַצְתָּ כִּי אָז יָכֹלְתָּ לִגְזֹל בַּעֲדִי מֵעִתּוֹתֶיךָ רְגָעִים אֲחָדִים.	ווען דו וואָלסט וועלען האָסט דו געקאָנט אַפּרויבען פאָן דיין צייט איי־ניגע מינוטען פאַר מיר.

§ 31 דְּרַייצֶעהְנְטֶער בְּרִיעף.

מיין גוטער פריינד אונד געזעלען! יעטצט בין איך איבער־צייגט געוואָרען ווי ריכטיג אונד וואהר זיינען די וואָרטען (פאָן) אונזערע קלוגע, זייער ערמאָנונג צו זעגנונג (חז"ל): „די בעניידונג פאָן שרייבער (לערנער, שילער) מעהרט קלוגשאַפט". דען איך האָב דיר זעהר בעניידעט, מיין פריינד, ווען איך האָב געלעזען דיינע בריעף, פאַר וואָס דו קליגסט זיך צו שפּרעכען ריין העב־רעאיש (לְדַבֵּר צחות בִּשְׂפַת עֵבֶר) אונד אַללע דיינע געדאַנקען אונד

וואָרטער זיינען געוואָגען מיט גוטער לאָגיק, אונד איך האָב בעשטימט (נָדַרְתִּי) אין מיינעם הערצען, דאָס איך זאָלל מיין צונג לערנען צו שפּרעכען אונד שרייבען העברעאיש ווי דו, אונד איך האָב זאָ געטהון: איך בין געוואָרען נאָך מעהר פלייסיג, איך האָב געשריבען אונד געלעזען (אין) ביכער, געלעזען אונד געשריבען, אונד איך האָב ניכט געזאָלעוועט מיין גאַנצע מיה, ביז איך בין אין איהרע טויערען (שְׁעָרֶיהָ) געקוממען צו וויסען די רעגעלן (חֻקֵּי) פאָן דער שפּראַכע אונד די שאַטצע (אֹצְרוֹת) פאָן אללע איהרע וואָרטען אונד איהרע שאָנע רייד (מְלִיצוֹתֶיהָ) אונד יעטצט קאָנן איך זיך ריהמען דאָס איך האָב פיעל געטהון, דען קלוגע אונד פערשטאַנדיגע האָבען געזעהן אונד געלעזען מיינע געדאַנקען אונד מיינע בריעף אין העברעאיש, אונד האָבען זיי געריהמט. אונד אום צו וויזען דיר דאָס מיינע וואָרטען זיינען ריכטיג, וועט דיעזער בריעף דיר זיין איין צייגער אונד איין ריכטיגער צייכען.

דיין פריינד...

§ 32 פִּיעְרְצֶעְנְטֶער בְּרִיעף.

מיין געליעבטער פריינד! דיין בריעף, געשריעבען העברעאיש, האָב איך בעקוממען אונד איך וועל דיר זאָגען מיין אורטהייל (מיינונג) אויף דיין בריעף: דאָס דו האָסט ווירקליך פיעל געטהון אונד נאָך מיין מיינונג (ווי איך זעה) האָסט דו געמאַכט פאָרשריטטע אין דיין לערנען, אונד דו האָסט ניכט געזאָלעוועט קיין מיה ביז דו ביסט געקוממען אין איהרע טויערען איגווענדיג. נור אויף איין זאַך האָב איך געזעהען פיר נייטיג דיר צו אויפמערקזאַם מאַכען, איין פעהלער וואָס דו קאָנסט עס אויסבעססערן, דאָס הייסט (הַיְינוּ כִּי) דו זאָלסט לערנען די גראַממאַטיק פאָן דער העברעאישער שפּראַכע, אונד דעם תנ"ך זאָלל דיין האַנד ניכט אפּלאָזען; אויך יודישע געשיכטע זאָלסט דו לערנען צו וויססען אללעס גוט (ריכטיג) ערקלערט, די צייט וואָס אין איהר האָט זיך געטראָפען (נִקְרוּ בְּאֶתָיו) די געשיכטע (זאַכען) וואָס איזט

ערציילט געוואָרען, דען זיי וועלען דיר ברענגען ניכט ווענינ נוטצען. פראָביר נור ווענסט דו זעהען דאס איך האָב דיר צו גוטעם געראַטהען. שרייב מיר אָפט בריעף אונד איך וועל דיר אנטוואָרטען אונד די פראַקטיק וועט דיר פֿיעלעס לערנען, דענן עס איזט ניכט דאָ קיין קליגערען ווי דער פראַקטיצירטער.

דיין פֿריינד...

§ 33

קָרָאתִי הַעְתָּקַת הַסֵּפֶר הַזֶּה בִּשְׂפַת עֵבֶר.	איך האָב געלעזען די איבערזעטצונג פֿאָן דיעזעם בוך אין העברעאיש.
הַאִם נִתְעֵיתָ לְהַאֲמִין בַּשָּׁוְא?	ביסט דו דענן פֿעראירט געוואָרען צו גלויבען אין פֿאַלשקייט?
מֵהַיּוֹם וָהָלְאָה לֹא יִהְיוּ מוּזָרִים לִי.	פֿאָן היינט אונד וייטער וועלען זיי מיר ניכט זיין פֿרעמד.
מִלֵּאתִי אַחֲרֵי דְבָרֶיךָ לְכָל פְּרָטֵיהֶם.	איך האָב ערפֿיללט דיינע וואָרטער אויף דאס מינדעסטע.
לֹא הִפַּלְתִּי מִכָּל דְּבָרֶיךָ.	איך האָב ניכט געלאָזט פֿאַללען (מינערן) פֿאָן אַללע דיינע וואָרטען.
הוּא נָסַע לִשְׁמֹעַ בַּלִּמּוּדִים	ער האָט גערייזט לערנען (שטודירען).
טָרוּד הוּא בְּמִסְחָרוֹ.	ער איזט בעשאָפֿטיגט אין זיין האַנדעל (געשאָפֿט).
מְסֻבָּלִים אֲנַחְנוּ עַל כֶּתֶף אֲבוֹתֵינוּ.	מיר זיינען אָנגעלאָדען אויף דעם שולטער פֿאָן אונזערע עלטערן.

עָלֶיךָ לָדַעַת לַעֲרֹךְ אֶת עֵרֶךְ הַטּוֹב וְהָרָע, הַמַּדָּע וְהַסִּכְלוּת.

דו דאַרפסט וויססען צו שאָטצען די ווירדע פאָן גוטעם אונד שלעכטעם, וויססענשאַפט אונד דומהייט.

הוּא חָקַר וְדָרַשׁ.

ער האָט נאָכגעפאָרשט (נאָכגעפראָגט).

הָאֹמֵר: לֹא יָגַעְתִּי וּמָצָאתִי, יָגַעְתִּי וְלֹא מָצָאתִי אַל תַּאֲמִין, יָגַעְתִּי וּמָצָאתִי — תַּאֲמִין.

ווער עס זאָגט: „איך האָב זיך ניכט געמאַטטערט אונד האָב געפונען" (איך האָב ניכט געלערענט אונד קאָנן), „איך האָב זיך געמאַטטערט אונד האָב ניכט געפונען", זאָלסט דו ניכט גלויבען. „איך האָב זיך געמאַטטערט אונד האָב געפונען" זאָלסט דו גלויבען.

אִם תִּתְרַגֵּל בְּדָבָר יִהְיֶה לְּךָ לְטֶבַע שֵׁנִי.

ווען דו געוואָהנסט זיך אין איין זאַך ווערט זי דיר זיין ווי איין צווייטע נאַטור.

מְלַחֵךְ פִּנְכָּא.

איין טעללער-לעקקער.

רוּחַ הַשִּׁיר נוֹסְסָה בוֹ.

דער גייסט פון פאָעזיע ערשיינט אין איהם.

דְּבָרֶיךָ אֲשֶׁר עָבְרוּ עַל דַּל שְׂפָתֶיךָ.

דיינע וואָרטער וועלכע זיינען איבערגעגאַנגען דיינע ליפפען (די וואָרטער וואָס דו האָסט אַרויסגערעדט).

חֶבֶל הָאָרֶץ הַמַּפְרִיד בֵּינֵינוּ.

די שטרעקע לאַנד וועלכע שיידעט צווישען אונז.

וְעַתָּה לְדַאֲבוֹן לִבִּי נִתְקַיֵּם בָּנוּ.

אונד יעטצט צו מיין בעדויערען איזט מיט אונז געשעהען.

נֵס בָּא רַק פַּעַם אֶחָת.

פראָביר נור איין מאָל.

§ 34 פּוּפְצֶעְנְטֶער בְּרִיעף.

מיין טהייערער געזעלען! דיין בריעף האב איך ערהאלטען אונד איך האב איהם געלעזען מיט פיעל פערגעניגען אונד פרייד אהן איין גרענצע, דען איך האב פאן איהם זיך איבערציינגט, דאס איך האב זיך ניכט געאיררט (כִּי לֹא נִתְעֵיתִי בַּשָּׁוְא), אונד מיין איינגעגליעבע (עגאאיזמוס) האט מיר ניכט פערבלענדעט מיינע אויגען צו זעהען ריכטיג (נְכֹחָה). אונד ווי האב איך זיך איינגעריליך געפריידט, דערזעהענדיג דאס מיין אורטהייל (מִשְׁפָּטִי) איזט ארויס פאן דיר אויף מיר צו גוטען, אונד דו האסט ניכט געפונען אין מיין בריעף צו אויפמערקזאם מאכען מיר נור אויף צוויי זאכען וועלכע אויך אהן דיר האב איך געטראכט וועגען זיי (עַל אֹדוֹתָם). איך בענאכריכטע דיר יעטצט, דאס די גראממאטיק פאן דער העברעאישען שפראכע לערן איך פלייסיג, אונד אויך די יודישע געשיכטע וועט מיר שאן פאן היינט אונד וויטער ניכט זיין פרעמד, דען אויך דיעזע לערן איך מיט גרויס פלייס. איך לערן די יודישע געשיכטע פאן (מֵאֵת) גראעטץ אין איבערזעטצונג פאן ראבינאוויץ אויף העברעאיש. יעצט לערן איך די קאפיטלען (פְּרָקִים) וואס דארט ווערט ערציילט פאן די העלדשאפט וואס די זאהנע חַשְׁמוֹנָאִים האבען בעוויזען ווען זיי האבען ווי לאווען געשטריטען פיר די פרייהייט פאן זייער פאלק, אונד האבען זיך בלוטגעשטעלט צום טוידט, — אין קורצען וועל איך דיר שרייבען נאך איין בריעף, וועסט דו איבערציינט ווערען דאס די יודישע געשיכטע איזט מיר שאן ניכט פרעמד. פערבלייב געזונד ווי עס וונשט דיר דיין פריינד...

§ 35

דְּבָרֶיךָ אֵלֶּה לֹא יַעֲלוּ לִי לְתַרְגֵּם מִשְׁפָּט.

דיעזע ווארטער דיינע ווערען מיר ניכט איינגעהן פיר איין געניגענדע פעראנטפערונג.

הֲלֹא יָדַעְתָּ אֶת הַפִּתְגָּם.	דו ווייסט דאך דען שפרוך (גלייך־וואָרט).
לֹא חַסְתָּ עַל עִתְּךָ וְעַמְּךָ.	דו האָסט ניכט געזאָלעוועט (געשפאָרט) דיין פעדער אונד דיין צייט.
מוֹצָא שְׂפָתֶיךָ תִּשְׁמֹר.	דען אויסשפרוך פאָן דיין מונד זאָלסט דו היטען (וואָס דיין מויל האָט אַרויסגערעדט זאָלסט דו ערפּיללען).
וְכַאֲשֶׁר חָשַׁבְתִּי כֵּן הוּא בֶּאֱמֶת.	אונד ווי איך האָב גערעכענט זאָ איזט עס אין דער וואהרהייט.
תְּמִידִים כְּסִדְרָם.	שטאָנדיג אין אָרדענונג.
אֵין בַּר בְּלִי תֶבֶן.	עס גיבט ניכט קיין געטריידע אָהנע שטרוי.
נוֹכַחְתִּי לָדַעַת כִּי שָׁגִיתִי בָרֹאֶה.	איך בין איבערצייגט געוואָרען דאָס איך האָב איין אירטהום געהאָט (אין זעהען).
הָעֵת הַזֹּאת לֹא תְסֻלֶּה בְּכֶסֶף.	דיעזע צייט ווערט ניכט אויפגעוואָגען (פערגלייכט) מיט זילבער (דיעזע צייט איזט זעהר טייער).
שְׁגִיאוֹת מִי יָבִין?	אונבעוואוסטע פעהלער ווער פערשטייט? (בעמערקט).
כִּימֵי מִקֶּדֶם.	ווי פערצייטען (פריהערדיגע צייט).
הוּא לָמַד אֶת הַשָּׂפָה הַזֹּאת עַל פִּי תוֹרָה וְלֹא עַל פִּי מַעֲשֶׂה.	ער האָט דיעזע שפראַכע געלערנט טהעאָרעטיש אונד ניכט פראַקטיש.
בְּמִכְתָּבְךָ מָצָאתִי שְׁגִיאוֹת אֲחָדוֹת בְּחֻקֵּי הַלָּשׁוֹן.	אין דיין בריעף האָב איך געפונען איינינע פעהלער אין דער גראַממאַטיק (די געזעטצע פאָן דער שפראַכע).

עָרוֹת עַל הַגִּלָּיוֹן אֶת רַחֲשֵׁי לִבִּי.

צו ענטדעקען (אויסגיססען) אויף דעם פאפיער די געדאַנקען מיינעס הערצענס.

אָמְנָם יָדַעְתִּי אֶת דִּבְרֵי הַצְּטַדְּקָה אֵלַי.

איך וויים ווירקליך די וואָרטע פֿאָן דיין גערעכֿטפֿערטיגען זיך געגען מיר (איך וויים מיט וועלכֿע וואָרטער דו וועסט זיך פֿאַראָנטפֿערן געגען מיר).

נֶהֶפְכָה אַהֲבָתְךָ אֵלַי.

דיין ליעבשאַפֿט צו מיר איזט געוואָרען פֿערקעהרט (פֿערבּיטטען).

וַתִּפְקְדֵנִי חֳדָשִׁים לִבְקָרִים

אונד דו האָסט מיך אָפֿט דערמאַנט.

קְשֹׁט עַצְמְךָ וְאַחַר כָּךְ קְשֹׁט אֲחֵרִים.

שטראָף פֿריהער זיך זעלבּט נאָכֿהער שטראָף אַנדערע.

לֹא יַעַר הֲוָה וְלֹא דֻבִּים הֲווּ (לֹא דֻבִּים וְלֹא יַעַר).

עס איזט ניכֿט קיין וואַלד געוועזען אונד ניכֿט קיין בּאָרען (ניכֿט געשטויגען ניכֿט געפֿלויגען).

יַנְקוּתָא כְּלִילָא דְוַרְדָא, סָבוּתָא כְּלִילָא דְחִילְפֵי. (הַנַּעַר צְפִירַת שׁוֹשַׁנִּים וְהַזָּקֵן עֲטֶרֶת חוֹחִים).

די יוגענד איזט איין טירטהעןְ (ראָזען) קרוין, די אַלטער איזט איין קרוין פֿאָן דאָרנער.

§ 36 זֶעכְֿצֶעהְנְטֶער בְּרִיעף.

מיין געליעבסטער פֿריינד, פֿריעד צו דיר! פֿאָן דיין בריעף בּין איך איבּערצייגט געוואָרען די ריכֿטיגקייט פֿאָן דעם שפּרוך (הַמַּאֲמָר): „וואָרטער וועלכֿע געהען ארויס פֿאָן הערצען געהען אריין אין הערצען", דען אַללע וואָרטער פֿאָן מיין ראַטה (כָּל דִּבְרֵי עֲצָתִי) זיי זיינען גאָר איבּערגעגאַנגען אויף מיינע ליפּפּען אונד דיינע

אָהרען האָבען זיי געהאָרט, גלייך ערפּיללסט דו זיי (אַחֲרֵיהֶם) אויף דאַס מינדעסטע (מִבְּלִי הַפִּיל מֵהֶם מְאוּמָה). נור אויף איין זאַך געפֿין איך פֿיר נייטיג דיר צו ערוועקען: היטע זיך ניכֿט טהון דיין ארבייט אונד דיין לערנונג ווי יעמאַנד וואָלט עס דיר בעפֿאָהלען (מִצְוַת אֲנָשִׁים מְלֻמָּדָה). עס איזט שאָן לאַנג געקוממען די צייט, דאַס דו זעלבסט זאָלסט וויססען די ווירדע (ווערטה) פֿאָן גוטעם אונד שלעכֿטעם, וויססענשאַפֿט אונד דומהייט, דען דו ביסט שאָן לאַנג ארויס פֿאָן דעם קרייז (מְחוּג) פֿאָן קליינע קנאַבען, וועלכֿע זיינען אָנגעלאָדען אויף דעם שולטער (שֶׁכֶם) פֿאָן אַנדערע, אונד אויף דיר איזט יעטצט די שולד צו וועגען מיט דיין פֿערשטאַנד אונד נאָכֿפֿאָרשטען אונד וויססען וואָס צו גענאָהנען אונד וואָס צו ערווייטערן. היטע מיינע וואָרטער, דען זיי וועלען דיר פֿיעל גוטצען ברענגען.

דיין פֿריינד...

---

§ 37 זיעבּצֶעהְנְטֶער בְּרִיעף.

מיין טהייערער געזעלען! זעה (הִנֵּה) פֿאָן דער צייט וואָס דו האָסט זיך מיט מיר געשיידעט אונד דו ביסט אָפּגערייזט אין איין אַנדער שטאָדט לערנען, איז דיין פֿריינדליכֿקייט צו מיר פֿערקעהרט געוואָרען אונד איזט געוואָרען צו ניכֿטס (ווי זי וואָלט גאָר קיין מאָל ניכֿט געוועזען — כְּלֹא הָיְתָה); דען עס זיינען שאָן פֿאָרי איבער פֿיעלע טאָג אונד דו האָסט מיר גאָר ניכֿט בענאַכֿריכֿטעט פֿאָן אללעם וואָס איזט מיט דיר, אונד וועגען דיינע לערנונגען (עַל דְּבַר לִמּוּדֶיךָ) וועלכֿע דו לערנסט יעטצט. איך וויים זאָגאַר (אָמְנָם) ווי אַזוי דו ווערסט זיך גערעכֿט מאַכֿען געגען מיר, אונד בעפֿאָר דו וועסט מיר אַנטוואָרטען וועל איך פֿיר דיר אַנטוואָרטען, דאַס דו ביסט דען גאַנצען טאָג פֿערנומען מיט דיין לערנען, אונד דו האָסט קיין צייט ניכֿט. נור דיעזעס אללעם קאָן ניכֿט איינגעהן מיר פֿיר איין ריכֿטיגע אַנטוואָרט (פֿעראָנטפֿערונג) אום איך זאָלל דיר פֿערצייהען דיין זינד וואָס דו האָסט געגען מיר געזינדיגט, דען

דו ווייסט דאָך דעם שפּרוך (גלייך־וואָרט) „קיין זאַך קאָנן ניכט בעשטעהן געגען וויללען". ווען דו וואָלסט נור ווע‍לען האָסט דו געקאָנט אָפּשפּאָרען (רויבען) פֿיר מיר איינינע מינוטען, צו בעגאַכ־ריכטען מיר מיט איינינע וואָרטער אין קורצען (בְּקִצּוּר) וואָס מיט דיר איזט; אָבער דו טהוסט ניכט אזוי. געדענק אונד זאָלסט ניכט פֿערגעסען די וואָרטער וואָס מיר האָבען גערעדט צווישען זיך פֿאָר דיין אָפּרייזען, דאָס די שטרעקע (חֶבֶל) לאַנד וועלכע שיידעט צווישען אונז זאָלל אונז ניכט שטערען צו שרייבען איינער דעם צווייטען, אונד אויך ווען מיר וועלען זיך ערווייטערען איינער פֿאָן צווייטען ביז עק וועלט (עַד קַצְוֵי אָרֶץ), אויך דאַנן זאָללען מיר ניכט פֿערגעססען איינער דעם צווייטען, אונד יעטצט צו מיין גרוים קוממער (לְמְגִנַּת לְבָבִי) בין איך איבערצייגט געוואָרען, דאָס מיט אונז איזט געשעהען: „אַללעס וואָס איזט ווייט פֿאָן אויג, איזט ווייט אויך פֿאָן הערצען".

דיין פֿריינד...

§ 38

כָּרַתְנוּ בֵּינֵינוּ בְּרִית
יְדִידוּת וָרֵעוּת.

בִּימֵי הַחֻפְשָׁה מִלִּמּוּדִים
אֶסַּע לִנְאוֹת שָׂדֶה.

אֲחַכֶּה לְךָ הַיּוֹם.
כַּאֲשֶׁר יִכְלוּ יְמֵי הַבְּחִינָה.

לְגַלּוֹת אִישׁ לִפְנֵי רֵעֵהוּ
אֶת כָּל הֶגְיוֹנוֹתָיו.
לֹא יִמְצְאוּ דֵי אוֹנִים לְקָרֵר
אֶת חֹם אַהֲבַת נְעוּרֵינוּ.

מיר האָבען צווישען זיך געשלאָסען איין בינדניס פֿאָן פֿריינדשאַפֿט אונד געזעללשאַפֿט.

אין די פֿרייע טאָג פֿאָן לערנען (קאַניקול) וועל איך רייזען אין איין דאַטשע.

איך וועל היינט אויף דיר וואַרטען.

ווענן עס וועלען זיך ענדיגען די עקזאַמען־טאָג.

צו ענטדעקען איינער פֿאָר דעם צווייטען זיינע אללע געדאַנקען.

זיי וועלען ניכט זיין גענוג קראַפֿטיג צו ערקעלטען (קאַלט מאַכען) אונזער הייסע יוגענד־ליעבע.

אוּלַי הַצֶּדֶק אִתְּךָ עַל הַמְּנָעֲךָ מִכְּתֹב אֵלַי מִכְתָּבִים.

פיליייכט ביסט דו גערעכט, וואס דו האסט אויפגעהערט מיר בריעף צו שרייבען.

עָלַי לְשַׁנֵּן וְלַחֲזוֹר עַל לִמּוּדַי בְּמֶשֶׁךְ הַזְּמַן הַזֶּה.

איך דארף ווידערהאלען (פאווטא־רען) מיין לערנען אין דיעזער צייט.

צָרָה גוֹרֶרֶת צָרָה.

איין נויטה (אונגליק) שלעפט דען צווייטען.

בַּטֵּל רְצוֹנְךָ מִפְּנֵי רְצוֹן אֲחֵרִים.

צערשטער דיין וויללען, פיר דעם וויללען פאן אנדערע.

הֲבִינֵנִי נָא אֶת אֲשֶׁר לֹא יָדַעְתִּי (אֶת אֲשֶׁר נֶעְלַם מֵאִתִּי).

גיב מיר צו פערשטיין וואס איך וויים ניכט (וואס פאן מיר איזט פערבארגען).

הַקֶּרַע לֹא יִתְאַחָה לְעוֹלָם.

דער ריסס וועט אויף עוויג ניכט װערען צוריק גאנץ.

מַה יַּמְרִיצְךָ לָשׂוּם מַחְסוֹם לְמוֹ פִּיךָ?

וואס צווינגט (דריקט) דיר, דו זאלסט פארשליססען דיין מויל? (דו זאלסט שוויגען).

זֹאת וְעוֹד אַחֶרֶת.

דיעזעס אונד נאך אנדערס.

זֹאת לֹא זֹאת.

דאס ניכט.

עֲוֹנְךָ גָּדוֹל מִנְּשׂא.

דיין זינד (פערברעכען) איזט גרויס צו פערטראגען (פערצייהען).

טוֹב כֶּלֶב חַי, מֵאַרְיֵה מֵת.

בעססער איין לעבענדיגער הונד, ווי איין טוידטער לאווע.

*אִם הָיוּ קוֹרְעִין אֶת בְּשָׂרִי לֹא הָיָה דָמִי שׁוֹתֵת.

ווען מען וואלט שניידען מיין לייב, וואלט קיין בלוט גערוננען.

אִם בָּאֲרָזִים נָפְלָה
שַׁלְהֶבֶת מַה יַּעֲשׂוּ אֵזוֹבֵי
קִיר ?

ווען אין די צעדערבוימען איזט ארײן איין פֿייער, וואָס זאָללען טהון די גראָז פֿאָן וואַנט ? (וואָס וואַקסען אויף דער וואַנט). [ווען די גרויסע לייט ווערען געשטראָפֿט, ווי וועלען געשטראָפֿט ווערען די ניעדעריגע ?]

---

39 § אַבְּצֶעהָטֶער בְּריעף.

מיין טהייערער געזעלען! פֿאָן דעם טאָג וואס מיר האָבען צווישען זיך געשלאָססען איין בונד (כָּרַתְנוּ בְּרִית) פֿאָן פֿריינדשאַפֿט אונד געזעלשאַפֿט, האָבען מיר פֿיר איין געזעטץ געמאַכט, דאָס מיר זאָללען זיך אויפֿשרייבען איינער מיט דעם צווייטען, צו ענטדעקען איינער פֿיר דעם צווייטען די (אֶת) אַללע געדאַנקען זיינעם הערצענס, אונד דו היטסט ריכטיג דען אויסשפרוך פֿאָן דיין מויל אונד ערמאָנסט מיך אָפֿט מיט גרויססע אונד לאַנגע בריעף, פֿיעל בויגען (גִּלְיוֹנוֹת) געשריעבען פֿאָן אַללע זייטען, אונד דו האָסט ניכט געזאַליוועט דיין צייט אונד פֿעדער צו ענטדעקען (אויסגיססען) אויף דעם פאַפיער אַללע דיינע געדאַנקען. נור אויף איין זאַך געפֿין איך פֿיר נייטיג דיר צו ערוועקען אונד צו אויסבעססערן דעם פֿעהלער (די פֿערקרימונג—הַמְעֻוָּת): עס איזט שאָן פֿאָראיבער פֿיעל טאָג וואָס דו האָסט מיר ניכט געשריעבען איין בריעף אין דער העבּרעאישער שפראַכע. איך ווייס ריכטיג דאָס דיר איזט זעהר שווער די זאַך, צו אַרויסגעבען אַללע דיינע געדאַנקען אין דיעזער שפראַכע ווי אין איין אַנדער שפראַכע, ווייל דו האָסט זי געלערענט טהעאָרעטיש אונד ניכט פראַקטיש; נור פראָביר אייניגע מאָל לאַנגזאַם (לְאַט, לְאַט), דאַנן וועסט דו זעהען, דאָס מיט דער צייט וועט דיר ניכט זיין שווער דיעזעס צו טהון; ווי אונזערע געלעהרטע האָבען געזאָגט: „דער וואָס זאָגט: איך האָב זיך ניכט געמאַטטערט אונד האָב געפֿונען (איך האָב ניכט געלערענט אונד קאָנן), איך האָב זיך געמאַטטערט אונד האָב ניכט

געפונען" זאָלסט דו ניכט גלויבען; „איך האָב זיך געמאַטטערט אונד האָב געפונען"— זאָלסט דו גלויבען. נור יעדער אנפאַנג איז שווער, אונד ווען דו וועסט זיך געוואָהנען אין איין זאַך וועט זי דיר זיין ווי איין צווייטע נאַטור.

דיין פריינד...

---

§ 40

לַזְּמַן הַבָּא אֶעֱבוֹר לַמַּחְלָקָה הַשְּׁנִיָּה.	אין צווייטען סעמעסטער וועל איך איבערגעהן אין צווייטען קלאַסס.
עִקַּר הַלִּמּוּד הוּא הַמַּעֲשֶׂה.	דער רעכטער (גלאַוונער) לערנען איזט די פראַקטיק.
בְּמִכְתָּבְךָ רַק מִלִּים תַּשְׁמִיעַ וְכָל רַעְיוֹן אֵין בּוֹ.	אין דיין בריעף האָרט מען נור וואָרטער אָהנע איין געדאַנקען.
דְּבָרִים פְּשׁוּטִים וּמְבֹאָרִים	איינפאַכע אונד ערקלעהרטע וואָרטער.
שְׁתַּיִם רָעוֹת אַתָּה עֹשֶׂה.	דו טהוסט צוויי שלעכטעס.
לִמּוּדֵי הָרַבִּים לֹא יַרְפּוּנִי עַד בִּלְעִי רֻקִּי.	מיינע פיעלע לערנונגען לאָזען מיר ניכט זאָגאַר מיין שפייאַכץ שלינגען (איך בין זעהר פערנומען מיט דעם לערנען).
זֹאת הִיא סִבַּת דְּמָמָתִי עַד הֵנָּה.	דאָס איזט די אורזאַכע פאָן מיין שטיללשוויינען ביז יעטצט.
בְּרַב אוֹ בִמְעַט.	פיעל=וויינינג.
מַעֲמַד רְכוּשׁ אֲבוֹתַי וּמַצָּבוֹ לֹא יִתְּנוּנִי לְהַרְחִיק נְדוֹד מִבֵּיתָם.	דער צושטאַנד פאָן מיינע עלטערנס פינאַנסען (פערמאָגען) לאָזט מיך ניכט ערווייטערן זיך פאָן זייער הויז.

בְּהוֹדַע לִי כִּי נוֹסֵעַ אַתָּה לְחוּץ־לָאָרֶץ שָׂמַחְתִּי מְאֹד.

ווען איך האָב זיך דערוואוסט דאָס דו רייזט נאָך אויסלאַנד האָב איך מיך זעהר געפרייעדט.

אִם בַּנֹּעַר לֹא תֶאֱגוֹר אָנָה תִּמְצָא בַּזֹּקֶן?

ווען דו ווערסט ניכט זאַממלען אין דער יוגענד, וואָ ווערסט דו געפינען אויף דער אַלטער?

שָׁמְרֵנִי אֵל מֵאוֹהֲבַי, כִּי מֵאוֹיְבַי אֶשָּׁמֵר אֲנִי.

היטט מיך גאָטט פאָן מיינע פריינד, דען פאָן מיינע פיינד וועל איך זיך זעלבסט היטטען.

אֱמֹר לִי מִי רֵעֲךָ וְאָז אֵדַע מִי אָתָּה.

זאָג מיר ווער איזט דיין געזעלען, וועל איך וויססען ווער דו ביסט.

כָּל מִין יִדְבַּק בְּמִינוֹ וּבֶן אָדָם בְּרֵעֵהוּ.

יעדע אַרט (סאָרט) בעהעפט זיך מיט זיין אַרט, אונד איין מענש — מיט זיין געזעלען (וועלכער איזט זיין גלייכען).

קְרַב לְגַבֵּי דְהִינָא וְאִידְהֵן

געה אַרום איין פעטטען טאָפף ווערסט דו אויך פעטט ווערען.

טוֹב שָׁכֵן קָרוֹב מֵאָח רָחוֹק.

בעססער איין נאָהנטער נאַכבאַר פיר איין וויטען ברודער.

יְמֵי הַחַג מְמַשְׁמְשִׁים וּבָאִים.

די פייערטאַגע קוממען גלייך אָן.

41 § נַיינְצֶעהְנְטֶער בְּרִיעף.

מיין געליעבטער פריינד! זאָ ווי (הִנֵּה) די טאָג פאָן עקזאַמען קוממען גלייך אָן, אונד איך בעדאַרף וויעדערהאָלען (פאָווטאָרען) אַללע מיינע לערנונגען, וועלכע איך האָב געלערענט אין דעם פערלויף פאָן דיעזען גאַנצען יאָהר, דאַרום ביטטע איך דיר, דאָס דו זאָלסט צו מיר קוממען אין דעם פאָרלויף פאָן דיעזער צייט, זיין מיר צו הילף פיעל־וויינינג, מיר צו ערקלערען דאָס

וואָס איך וויים ניכט. ביי דיר איזט עס איין קליינע אונד גרינגע זאַך, אונד מיר ווערסט דו ניכט וויינינג נוטצען ברענגען; אונד ווען עס וועלען זיך ענדיגען די עקזאַמענס אין שוללע אונד איך וועל איבערגעהן אין איין צווייטע קלאַסס, וועל איך אין קאַניקול-צייט ערפיללען אויך דיין וואונש וואָס דו האָסט מיר געבעטען, דאָס מיר זאָללען צוזאַממען לערנען די העברעאישע שפּראַכע. זעה מיין געליעבטער פריינד, ערפילל מיין פערלאַנג אונד צערשטאָר דיין ווילען, וואָס דו ווילסט יעטצט פערברענגען די צייט אין אַנדערע בעשעפטיגונגען (ענינים), אונד איך וועל אויך צערשטאָרען מיין ווילען צו רייזען אין קאַניקול-צייט אויף איין דאַטשע (זוממער-וואָהנונג); נור מיר ביידע וועלען צוזאַממען פערברענגען די פרייע (ליידיגע) צייט אין דער העברעאישער ליטעראַטור (סִפְרוּת). גע-דיינק אונד פערגעסס ניכט וואָס איך בעטט דיר. איך ערוואַרט דיר היינט פינף אוהר אין אונזער הויז. אונד ווען דו ווערסט יעטצט ניכט ערפיללען מיין פערלאַנג, זאָלסט דו וויסען דאָס אונזער פריינדשאַפט וועט צוריססען ווערען אונד אויף עוויג ניכט אויפ-געהעפט ווערען.

דיין פריינד וואָס האָפט צו בלייבען איממער דיין פריינד...

§ 42

הוּא נֶאֱלָץ לָתוּר אַחֲרֵי מְלִיצוֹת שְׁדוּפוֹת וְרֵיקוֹת אֲשֶׁר אֵין בָּהֶן טַעַם וְרֵיחַ הִגָּיוֹן.	ער איזט געצוואונגען צו נאַכזוכען נאָך פוסטע אונד לעערע אויסדריקע וועלכע האָבען ניכט קיין געשמאַק אונד לאָגיק.
יְדִידְךָ הָאוֹהֶבְךָ כְּנַפְשׁוֹ.	דיין פריינד וועלכער ליעבט דיך ווי זיך זעלבסט.
בְּעִתָּהּ אֲחִישֶׁנָּה.	אז איהר צייט וועט קוממען וועל איך זי איילען.

אָבִי גָמַר בְּלִבּוֹ לְשַׁלְּחֵנִי לְחוּץ לָאָרֶץ, לִשְׁמֹעַ בַּלִּמּוּדִים בְּבֵית סֵפֶר הָרַבָּנִים.	מיין פֿאָטער האָט בעשטימט מיך צו שיקען נאָך אויסלאַנד, צו לערנען אין ראַבינערשולע.
עֲבוֹדָתִי גְּדֹלָה עַתָּה פִּי שִׁבְעָה.	מיין ארבייט איזט יעטצט זיעבען מאָל אַזוי גרויס.
טוֹבָה תּוֹכַחַת מְגֻלָּה מֵאַהֲבָה מְסֻתָּרֶת.	בעססער אָפֿענטליכע שטראָף־רייד, איידער פֿערבאָרגענע ליעבע.
אַתָּה בָּגַדְתָּ בְּאַהֲבַת רֵעִים וְאֶת מוֹצָא שְׂפָתֶיךָ חִלַּלְתָּ.	דו ביסט אונטריי געוואָרען דער געזעלען־ליעבע אונד דען אויסשפרוך פֿאָן דיין מויל האסט דו געבראָכען (פֿערשטערט).
אָזִיקַל מֵעָלֶיךָ הַדָּבָר הַזֶּה	דאַנן ווערט דיר דיעזעס גרינגער זיין.
הֲלֹא עוֹד זָכֹר תִּזְכֹּר.	דו דאַרפֿסט דאָך נאָך געדיינקען.
אֲנִי מֵכִין לִי מַאֲמָרִים רַבִּים וְכֵן שְׁלֵמִים.	איך גרייט מיר אָן פֿיעלע אונד גאַנצע ארטיקלען.
הַשָּׂפָה הַזֹּאת הִיא מֵהַשָּׂפוֹת הָרָאשִׁיּוֹת.	דיעזע שפראַכע איזט פֿאָן די הויפּט־שפראַכען.
בֶּאֱמֶת אַגִּיד לְךָ כִּי חַטָּאתְךָ עוֹד לֹא גְדֹלָה כַּאֲשֶׁר תֵּאַרְתָּ.	אין ריכטיגען קאָנן איך דיר זאגען, דאס דיין זינד איזט ניכט אזוי גרויס, ווי דו האסט פֿאָרגעשטעללט.
הֶעְתַּקְתִּי סִפּוּרִים וְהֶרִיקוֹתִי מֵחוֹל אֶל הַקֹּדֶשׁ.	איך האָב איבערזעצט ערציילונגען אונד האָב אויסגעליידיגט פֿאָן וואָכענדיגער (שפראַכע) אין דער הייליגער (שפראַכע).

ברבות הימים תשכחנה.

מיט דער צייט ווערסט דו זי פערגעססען.

אתן לך מענה אשר יהיה לתשובה משפקת על שאלתך.

איך וועל דיר געבען איין אנטוואָרט, וועלכע ווערט זיין איין גענוגענדע אנטוואָרט אויף דיין פראגע.

עלי להיות לעזר במסחר אבי אשר מטות כנפיו פרושות על ערים רבות.

איך דאַרף העלפען אין מיין פאָטערס געשעפט וועלכער איזט פערשפרייט אויף פיעל שטעדט.

*אין אדם עובר עברה אלא אם כן נכנס בו רוח שטות.

איין מענש טהוט ניכט קיין פערברעכען זאָנדערן ווען ער בענאַררישט זיך.

*סכל ימלא שחוק פיהו ונבון כמעט יפצה שפתיו

איין נארר לאַכט פיעל, אונד איין פערשטאָנדיגער אָפפענט עטוואָס זיינע ליפפען (צו לאַכען).

---

§ 43 צוואַנציגסטער בריעף.

מיין טהייערער פריינד! שאָן פיעל מאָל האָב איך דיר געשריעבען בריעף, איינער נאָך דעם אַנדערן (מכתב אחרי מכתב) אונד דו האָסט מיר גאָר ניכט געאַנטוואָרטעט אויף אַללע מיינע וואָרטער וואָס איך האָב דיר געשריעבען; אונד יעצט, מיין פריינד, זאָג מיר וואַרום שווייגסט דו אונד וואָס דריקט דיר, (כי) דו זאָלסט האַלטען פערשלאָססען דיין מויל? דו טהוסט דאָך צווייאָ שלעכטס מיט דעם, די ערשטע זינד איזט: דאָס דו ביסט אונטריי געוואָרען דער געזעלען-פריינדשאַפט אונד דען אויסשפרוך פאָן דיין מויל האָסט דו געבראָכען (פערשטערט). דיעזע אונד נאָך איין אַנדערע גראָסער פאָן דער ערשטער, וועלכע איזט צו גרויס צו פערצייהען: דו ווייסט דאָך, אַז דאָס הויפט פאָן לערנען

איין שפּראַכע איזט די פּראַקטיק, אונד יעדער לערנען טהעאָריע (תּוֹרָה) אָהן פּראַקטיק קאָנן קיין נוטצען ניכט ברענגען אויף דאַס מינדעסטע, אונד יעטצט ווען דו וואָלסט מיר אָפט בריעף גע־שריעבען (כִּי אָז) וואָלסט דו ערלערנט דיין צונג אונד פֿעדער צו שפּרעכען אין דיעזער שפּראַכע ווי איינער רעדט צו דעם צווייטען אין אַ לעבענדיגער שפּראַכע מיט איינפֿאַכע אונ ערקלערטע וואָרטער.
אָבער יעטצט וועט דיר שווער זיין דאָס צו טהון, דען ווי דו קומסט נור שרייבען צוויי דריי סטראָפֿען ביסט דו געצוואונגען נאָכזוכען נאָך טרוקקענע (פּוסטע) אויסדריקע אָהן געשמאַק אונד לאָגיק. דו שטייגסט אַרויף אויף בערג, געהסט אַרונטער אין טהאָלען (בְּקָעוֹת), דו נעהמסט וואָרטער פֿאָן דאַנען אונד פֿאָן דאָרטען (מִזֶּה וּמִזֶּה) וואָ דו געפֿינסט נור אונד שרייבסט אויסדריקע וועלכע מען געפֿינט אין זיי נור העבּרעאישע וואָרטער, אָבער קיין געדאַנק.
גיב דיין הערץ צו מיינע וואָרטער וועלכע געהען אַרויס פֿאָן דיין פֿריינדס הערץ, וואָס ליעבט דיך ווי זיך זעלבסט; אונד ווען איך האָב אין דיעזען בריעף מיט דיר האַרטע וואָרטער גערעדט, געדיינק די וואָרטער פֿאָן אונזער קאָניג דעם גרויסען קלוגען: „עס איזט בעססער אָפֿפֿענע שטראָף־רייד איידער פֿאַרדעקטע ליעב־שאַפֿט".

דיין פֿריינד...

§ 44

הוֹדִיעֵנִי נָא אֶת סֵדֶר הַלִּמּוּדִים אֲשֶׁר בְּבֵית סִפְרֶךָ.	גיב מיר צו וויססען די אָרדנונג פֿאָן די לערנונגען וועלכע מען לערנט אין דיין שולע.
עוֹד לֹא בָחַנְתָּ אֶת רוּחָם.	דו האָסט נאָך ניכט געפּראָבירט זייער גייסט (נאַטור).
בְּלֵב וָלֵב יְדַבֵּר.	ער רעדט מיט צוויי הערצער (ער רעדט מיט דעם מויל אַנדערש ווי ער טראַכט אין האַרצען).

אֵין בִּי עָוֹן אֲשֶׁר חֵטְא.	איך האָב ניכט קיין זינד אונד קיין פערברעכען.
אִמִּי מוּכָנָה לִנְסֹעַ לְמַעְיְנֵי הָרַחְצָה.	מיין מוטטער איזט גרייט צו רייזען אין די באָדער.
שְׁמוּעָה שָׁמַעְתִּי וַתִּרְגַּז בִּטְנִי וּפַלָּצוּת אֲחָזַתְנִי.	איך האָב געהאָרט איין נאַכריכט אונד עס האָט מיך איננערליך ערשיטטערט, אונד איין ציטטערניש האָט מיך אָנגענומען.
הַדָּבָר הַזֶּה נִקְרָה וַיֵּאַת לְפֶתַע פִּתְאֹם.	דיעזעס איזט גאַנץ פלוצלינג געשעהען.
מִי יִתֶּן לִי אֵבֶר כַּיּוֹנָה אָעוּפָה אֶשְׁכֹּנָה בְּאָהֳלֶךָ.	ווער גיבט מיר (ווען איך האָב פליגלען ווי ביי אַ טויב, וואָלט איך געפלויגען אונד רוהען אין דיין געצעלט (הויז).
בְּפִיהֶם שָׁלוֹם יְדַבֵּרוּ וּבְקִרְבָּם תּוֹךְ וּמִרְמָה יַחְשֹׁבוּ.	מיט זייער מויל שפרעכען זיי פריעד אונד איננערליך טראַכטען זיי בעטרוג אונד פאַלשקייט.
אָז יֵקַל לִי לְהִתְקַבֵּל בְּבֵית הַסֵּפֶר.	דאַנן וועט מיר זיין גרינגער צו אָנקומען אין שולע.
כְּפִי כֵּן לִבִּי.	ווי איך רייד אַזוי מיין איך.
שִׂים לִבְּךָ לְדִבְרֵי הַיּוֹצְאִים מֵעִמְקֵי לְבָבִי.	גיב דיין הערץ (בעמערק) צו מיינע וואָרטער, וועלכע געהען ארויס פאָן מיין טיעפען הערצען.
הַאִם אַחִים הֵם לְצָרָה?	זיינען זיי דענן ברידער אין איין נויטה?
*אוֹי לִי אִם אֹמַר, אוֹי לִי אִם לֹא אֹמַר.	מיר איזט שלעכט צו זאָגען, מיר איזט שלעכט ניכט צו זאָגען (שוויינען).

יַצִּיבָא בְּאַרְעָא וְגִיּוֹרָא בִּשְׁמֵי שְׁמַיָּא.

דער היימישער (בירגער) איזט אויף דער ערד (ניעדעריג), אונד דער פרעמדער איזט אין היממעל (זעהר גרויס, הויך).

הֲיָשָׁר בְּעֵינֶיךָ לַעֲשׂוֹת כַּדָּבָר הַזֶּה?

איזט עס בייא דיר רעכט צו טהון אזא זאך?

הֵם לֹא יוּכְלוּ לְכַבּוֹת אֶת אֵשׁ אַהֲבָתִי אֵלֶיךָ אֲשֶׁר תּוּקַד בְּקִרְבִּי.

זיי קאָנען ניכט פערלאָשען דעם פייער פאָן מיין ליעבע צו דיר, וועלכע ברענט אין מיר.

הֱיֵה נֶאֱמָן לְאָחִיךָ בִּימֵי עָנְיוֹ לְמַעַן תָּגִיל עִמּוֹ בִּימֵי אָשְׁרוֹ.

זיי דיין ברודער טריי אין זיין ארמוטה צייט, אום דו זאָלסט זיך מיט איהם פרייען אין די טאָג פאָן זיין גליק.

---

§ 45 אֵיין אוּנְד צְוַואַנְצִיגְסְטֶער בְּרִיעף.

מיין טהייערער פריינד! דיין בעקלאָגען וואָס דו האָסט זיך אין דיין בריעף בעקלאָגט אויף מיר האָב איך געלעזען; נור אין דער וואהרהייט קאָנן איך דיר זאָגען, דאָס מיין זינד איזט ניכט אזוי גרויס ווי דו האָסט אין דיין בריעף אָפּגעשילדערט (תֵּאַרְתָּ). אונד איך בין גרייט צו אַנטוואָרטען דיר איין אַנטוואָרט, וועלכע וועט דיר זיין איין אָנטפער אויף דיינע ביידע פראַגען. — דו געדיינקסט דאָך, דאָס איך האָב דיר איינינע מאָל געשריעבען, דאָס מיין פאָטער האָט בעשטימט צו שיקקען מיך אין אויסלאַנד, דאָרט צו לערנען, נור איך ווייס נאָך ניכט גרינדליך די דייטשע אונד פראַנצאָזישע שפראַכע וואָס זיינען פאָן די הויפטשפראַכען וועלכע מען לערנט דאָרט; דארום האָב איך זעהר פיעל ארבייט, זיעבען מאָל זאָ ווי פריהער, אונד דיעזע לערנונגען לאָזען מיר ניכט זאָגאַר אראָפּשלינגען די שפייאַכץ; אויך די העברעאישע שפראַכע, וואָס דו האָסט מיר געשריעבען, אַז ווען איך שרייב

דיר ניכט איזט עס איין בעווייז דאס איך בין פאן איהר ווייט אונד מיט דער צייט וועל איך זי גאר פערגעססען אונד וועל שאן ניכט קאנען ארויסגעבען מיינע געדאנקען אין איהר ווי מיט איין לעבענדיגער אונד רעדענדער שפראכע; קאנן איך דיר אויף ריכטיג זאגען דאס צוליעב (לְרַגְלֵי) מיין רייזען נאך אויסלאנד צו לערנען אין ראבינער שולע, גרייט איך צו פיעל ארטיקלען (מַאֲמָרִים); אויך האב איך איבערגעזעטצט איינעגע ערצאהלונגען פאן אנדערע שפראכען אויף העברעאיש, איך האב זיי איבערגעגאססען אין דער הייליגער שפראכע (הֵרִיקוֹתִי מֵחוֹל אֶל הַקֹּדֶשׁ), אונד דיעזעס איזט די אורזאכע פאן מיין שטיללשוויגען יעצט. נור אין גיכען וועל איך שאן וויסען מיינע לערנונגען פיעל־וויניג, אונד דאנן וועלען מיר דיעזע לערנונגען זיין גרינגער, וועל איך האבען צייט צו ווענדען זיך צו דיר אפט מיט בריעף. זיי געזונד אונד גליקליך, ווארט אויף מיינע בריעף, דען אין דער געהאריגער צייט וועל איך איילען.

דיין פריינד...

§ 46 צְוֵויי אוּנְד צְוַאנְצִיגְסְטֶער בְּרִיעף.

מיין פריינד! דיין בריעף האב איך געלעזען אונד איך האב זיך זעהר געפרייט, איבערצייגט ווערענדיג פאן איהם, דאס דו ווערסט נאך אויסלאנד רייזען לערנען דארט. אונד ווי וואלט איך אויך זעהר וועלען רייזען נאך אויסלאנד, נור דער צושטאנד פאן מיינע עלטערנס פינאנסען לאזט מיר ניכט ערוויטערען זיך פאן זייער הויז, דען אויסער דעם וואס זיי קאנען מיר יעטצט ניכט געבען אויף רייזע־קאסטען, מוזען זיי מיר צו הויזע האבען, זיי זיין צו הילף אין זייער געשאפט וועלכעס איזט פערשפרייט איבער איינינע שטאדט. דארום האב איך בעשטימט דאס איך זאל פאן דיר איינס ביטטען: (כִּי) דו זאלסט מיר פאן דארט אפט בריעף שרייבען אונד זאלסט מיר צו וויססען געבען די ארדענונג פאן דארטיגען לערנען, די שפראכען אונד וויססענשאפטען וועלכע מען

לערנט דאָרט, אונד איך וועל דאָ צו הויזע אַללעס לערנען אונד דאַנן ווען מיין פאָטער וועט מיר אויך קאָנען שיקקען נאָך אויסלאַנד וועט מיר זיין גרינג צו אָנקומען (אויפגענוממען ווערען, (לְהִתְקַבֵּל). געדיינק אונד פערגעסס ניכט אונזער פריינדשאַפט אונד ערפילל מיין וואונש.

דיין פריינד וואָס ווינשט דיר דו זאָלסט פאָרשריטטע מאַכען אין דיין לערנען אונד זאָלסט שטייגען איממער האָבער (מַעְלָה) האָבער ...

~~~~~~~~~~

§ 47

דער העלד איזט געפאַללען בערויבט (צערשטערט) אין זיין שטרייט.	הַגִּבּוֹר נָפַל שָׁדוּד בְּמִלְחַמְתּוֹ.
איך האָב קיין צייט אונד איך קאָנן דיר ניכט בעזוכען.	עִתּוֹתַי לֹא בְּיָדִי הֵנָּה וְלֹא אוּכַל לְבַקֵּר אוֹתָךְ.
נור, וועה! (אך!) מיר זיינען אונטערגעהאַקט די פליגלען.	אַךְ אֲהָהּ! קְצוּצֵי כְנָפַיִם אֲנָחְנוּ.
געסטערן זיינען מיר ביידע צוזאַממען אין פעלד שפּאַציערען גענאַנגען.	אֶתְמוֹל הִתְהַלַּכְנוּ שְׁנֵינוּ יַחְדָּו לָשׂוּחַ בַּשָּׂדֶה.
ער איזט געפאַללען צו געלאָגער אויף דעם קראַנקען־בעטט (ער איזט געוואָרען קראַנק).	נִפַּל לְמִשְׁכָּב עַל עֶרֶשׂ דְּוָי
גלייב מיר מיין טהייערער, דאָס איך האָב קיין מאָל (ניעמאַלס) אַזוי געטהון.	הַאֲמֵן לִי יַקִּירִי כִּי מֵעוֹלָם לֹא עָשִׂיתִי כָּזֹאת.
איך ערוואַרט דיין בריעף מיט אונגעדולד.	לְמִכְתָּבְךָ אֲחַכֶּה בְּכִלְיוֹן עֵינַיִם.
~~~~~~~~~~

עֲבוֹדָתִי רַבָּה מְאֹד לְהָכִין
אֶת כָּל הַדְּבָרִים הַנְּחוּצִים
לְדֶרֶךְ רְחוֹקָה כָּזֹאת.

איך האָב פיעל אַרבייט צו צו־גרייטען אַללע זאַכען וועלכע זיינען נייטהיג אויף אזא ווייטע רייזע.

וּבֵין כֹּה וָכֹה הַיָּמִים חִישׁ
יָעוּפוּ מִבְּלִי מֵשִׂים.

אונד דערוויל פליהען די טאָג געשווינד, ניכט מערקענדיג.

אֲנִי מֵכִין אֶת חֹק שִׁעוּר
לִמּוּדַי אֲשֶׁר מוֹרִי יַטִּיל
עָלָי.

איך גרייט־צו מיינע לעקציאָנען וועלכע מיין לעהרער גיט מיר אויף.

בְּעוֹד יָמִים אֲחָדִים אָשׁוּב
לָבֹא עִמְּךָ בַּכְּתוּבִים
בְּאֵין מַעְצוֹר.

אין איינינע טאָג אַרום וועל איך זיך צוריק אויפשרייבען מיט דיר אָהן אויפהאַלטונג.

בְּטֶרֶם תָּחֵל דְּבַר הַוֵּעָץ,
כִּי לִפְנֵי מַעֲשֶׂה עֵצָה.

בעפאָר דו הייבסט אָן איין זאַך בעראַטה דיך, דען פאָר דער אַרבייט איזט דער ראַטה.

אֶת לִבְּךָ הִוָּעֵץ, כִּי אֵין
נֶאֱמָן מִמֶּנּוּ.

בעראַטה דיך מיט דיין הערץ, דען עס גיבט ניכט טרייער פאָן איהם.

לֹא אָבִין מַה יִּרְזְמוּן
מִלֶּיךָ.

איך פערשטיי ניכט וואָס דו ווינקסט אָן מיט דיינע וואָרטער (וואָס מיינסט דו).

לַחַיִּים טוֹבִים יֵשׁ קֵץ וְאֵין
קֵץ לְשֵׁם טוֹב.

איין גוט לעבען האָט איין ענדע, איין גוטער נאָמען האָט ניכט קיין ענדע.

לֹא מְקוֹמוֹ שֶׁל אָדָם
מְכַבְּדוֹ אֶלָּא אָדָם מְכַבֵּד
אֶת מְקוֹמוֹ.

ניכט דער אָרט בעשיינט דעם מענשען, נור דער מענש זיין אָרט.

48 § דְרַיי אוּנְד צְוַואנְצִיגְסְטֶער בְּרִיעף.

מיין טהייערער ברודער! איך וואונדער מיך זעהר אויף דיר, מיין טהייערער, ווארום שוו׳יגסט די אונד דו שרייבסט מיר גאר ניכט פאן אללעם וואס מיט דיר איזט. דו קענסט (יָדַעְתָּ) דאך מיר פיר איין טרייען ברודער וואס זיין הערץ אונד זעעלע זיינען איבערגעגעבען צו ברידערליעבע, צייטען אונד וויטע לאנדער וועלען מיר ניכט ערוויטערען פון דיר אונד פיעל וואססערן וועלען ניכט קאנען פערלאשען דען פייער פאן מיין ליעבע צו דיר, וועלכע ברענט אין מיר. אבער דו ביסט ניכט אזוי, דען ביי דיר איזט רעכט (כִּי תִבְחַר) צו זיטצען רוהיג (בְּשַׁלְוָה) אונד זוכען נייע געזעלען, אונד מיר, דיין ברודער וואס ליעבט דיך ווי זיין זעעלע, אין גאנצען פערגעססען אונד גאר ניכט בענאכריכטען פאן דיין צושטאנד אונד דו ערמאנסט מיך גאר ניכט מיט איין בריעף. וואהרליך, איך וויים דיווארטער פאן קלוגען קאניג: „בעססער איין נאהנטער נאכבאר, ווי איין וויטער ברודער". אבער אויף מיר דיין ברודער קאנסט דו דיעזע ווארטער ניכט זאגען, דען ווען איך בין ווירקליך פאן דיר וויט איין שטרעקע לאנד אבער מיין הערץ אונד זעעלע זיינען נאהענט צו דיר, אונד ווען דו האסט ווירקליך אין דעם ארט וואו דו געפינסט זיך ער־ווארבען געזעלען, אבער דו האסט זיי נאך ניכט געפראבירט אויף זיי זיינען ברידער אין איין נויטה, דען עס גיבט מענשען וועלכע מיט דעם מויל רעדען זיי גאנץ פריעדליך (בְּפִיהֶם שָׁלוֹם יְדַבֵּרוּ) אונד אינגערליך טראכטען זיי ניעדערטראכטיגקייט (בעטרוג); אבער איך בין ניכט אזוי, איך רעד ניכט מיט דיר מיט צוויי הערצער, נור ווי מיין מויל רעדט אזוי איזט מיין הערץ, דען איך בין דאך דיין ברודער! פערגעסס ניכט, מיין ברודער, דיעזע ווארטער מיינע וועלכע געהען ארויס פאן מיין טיעפען הערצען.

דיין ברודער וואס ליעבט דיך ווי זיך זעלבסט...

49 § פִיער אוּנְד צְוַואנְצִיגְסְטֶער בְּרִיעף.

מיין טייערער פריינד! דיין בעקלאגען וואס דו האסט זיך אויף מיר בעקלאגט אויף מיין שטיללשווייגען, האב איך געלעזען; נור גלייב מיר, מיין טהייערער פריינד, דאס איך האב ניעמאלס געגען דיר געזינדיגט, אונד אויך יעטצט איז אין מיר קיין זינד וועלכע זאלל זיין איין פערברעכען (כָּל עָוֹן אֲשֶׁר חֵטְא) אויף דעם וואס איך האב פאן דיר פערמיידען מיין בריעף, דען איך האב דאך דיר געשריעבען איינינע מאל. יאס מיין מוטטער איזט גרייט צו רייזען אין איין הילף-באד (מַעַיְנֵי יְשׁוּעָה), דארום האב איך זעהר פיעל ארבייט, דען איך דארף פיר איהר צוגרייטען אללעס וואס איהר איזט נייטהיג מיטצונעהמען אויף דער רייזע. אונד ווען איך ווער פריי פאן דיעזער ארבייט, דארף איך פערפערטיגען מיינע לעקציאנען וועלכע מיינע לעהרער גיעבען מיר אויף; דערווייל פליהען די מינוטען אונד ווערען צו שטונדען, די שטונדען ווערען וואכען, אהנע צו געפינען איין רוהיגע צייט, איך זאלל זיך קאנען אויפשרייבען מיט דיר. נור פאן היינט אונד ווייטער וועלען מיר קאנען זיך אומקעהרען שרייבען איינער דעם צווייטען ווי פריהער אהנע שטערונג (מַפְרִיעַ), דען מיין מוטטער זאלל לעבען איזט שאן אויף איהר ארט געקוממען געזונד אונד אללעס איזט ווי פריהער. דו קאנסט מיר יעטצט אפט שרייבען אונד איך וועל דיר גלייך אנטווארטען. איך ערווארטע יעצט פאן דיר איין בריעף.

דיין פריינד...

§ 50

הָאֲוִיר הַצַּח וְהַנָּקִי נוֹתֵן רֵיחַ נִיחוֹחַ בְּאַף כָּל חָי.

הוּא הָיָה בָרִיא אוּלָם וְלֹא חָשׁ בְּגוּפוֹ עֲיֵפוּת וַחֲלִשָׁה.

די ריינע אונד קלארע לופט גיבט איין געשמאקקען גערוך אין דער נאז פאן יעדער בעשאפניש.

ער איזט געוועזען פאללקאממען געזונד אונד האט אין זיין קארפער ניכט געפיהלט קיין מיעדיגקייט אונד שוואכקייט.

לֹא אוּכַל לְתָאֵר לְפָנֶיךָ
אֶת תּוּגַת נַפְשִׁי וַהֲמוֹן
רִגְשׁוֹתַי.

איך קאָנן דיר ניכט פֿאָרשטעללען מיין הארצקראָנקונג אונד מיינע אויפֿרעגונג.

כָּל הָרוֹפְאִים אָמְרוּ נוֹאָשׁ
לְחַיָּיו.

אללע אָרצטע האָבען איהם אָפּגעזאָגט זיין לעבען.

הַהַכְרָעָה הָיְתָה לְטוֹב.

דער קריזיס איזט געוועזען צו גוטען.

תּוֹחֶלֶת מְמֻשָּׁכָה מַחֲלָה
לֵב.

איין לאַנגע האָפֿפֿנונג איזט איין קראַנקהייט צום הערצען.

אָנֹכִי כְּבָר נֶחְשַׁבְתִּי בֵּין
רְפָאִים שׁוֹכְנֵי קָבֶר.

איך בין שאָן לאַנג גערעכֿנעט געוועזען פֿיר איין טוידטען.

מַחֲלָתוֹ הָיְתָה מַחֲלָה
מְסֻכֶּנֶת מְאֹד.

זיין קראַנקהייט איזט געוועזען זעהר איין געפֿאָהרליכֿע קראַנקהייט.

כָּל חָכְמָתוֹ וִידִיעָתוֹ הִיא
מֵאֶפֶס וָאָיִן.

זיין גאַנצע וויזהייט (קלוגשאַפֿט) אונד וויססענשאַפֿט איזט ניכטס.

בְּעֶצֶם הַיּוֹם הַהוּא.

אין מיטטען יענעם טאָג.

בַּיָּמִים הַנֶּחֱמָדִים הָאֵלֶּה
מִתְעַנְּגִים כָּל בְּרוּאֵי אֵל
עַל הֲדַר הַטֶּבַע.

אין דיזע ליעבליכֿע טאָג (צייטען) פֿערגעניגנען זיך אללע גאָטטס בעשאָפֿניש אויף דער שאָנער נאַטור.

כְּחֵץ שָׁנוּן יָרְדוּ חַדְרֵי
בִטְנִי דִּבְרֵי הַחֲדָשָׁה
הַנּוֹרָאָה הַזֹּאת.

ווי איין שאַרפֿער פֿייל איזט מיר אריין אין טיעפֿען הערצען דיזע שרעקליכֿע נאַכֿריכֿט (נייעס).

כַּאֲשֶׁר תָּשׁוּב לְאֵיתָנְךָ
נָגִילָה וְנִשְׂמְחָה יַחְדָּו
בְּרִנָּה.

ווען דו וועסט זיך צוריקקעהרען צו דיינע קראָפֿטען (געזונד ווערען) וועלען מיר זיך צוזאַממען פֿרייען מיט געזאַנג.

בַּעֲתִירַת יְדִידְךָ.	ווי דער פערלאַנג (געבעט) פאָן דיין פריינד.
וַיִּמָּלֵא עָלָיו חֵמָה וַיְצַו לִתְלוֹתוֹ.	אונד ער איזט געוואָרען פולל מיט צאָרען אויף איהם אונד האָט בעפאָהלען איהן צו היינגען.
שׁוֹמֵר פִּיו וּלְשׁוֹנוֹ, שׁוֹמֵר מִצָּרוֹת נַפְשׁוֹ.	דער וואָס היטט זיין מויל אונד זיין צונג, היטט זיין זעעלע פאָן נויטה.
וַיֵּלֶךְ אֶל גֹּב הָאֲרָיוֹת.	אונד ער איזט געגאַנגען אין לאָווענגרוב.
וַיַּגֵּשׁ לְפָנָיו אֶת הַמִּנְחָה.	אונד ער האָט איהם צוגעטראָגען דען געשאַנק.
יִתֶּן לִי הַדָּבָר הַזֶּה.	מען זאָלל מיר דיעזעס געבען (טהון).

§ 51 פינף אונד צוואַנציגסטער בריעף.

מיין טהייערער פריינד! איך האָב געהאָרט איין נאַכריכט אונד עס האָט מיר אינערליך געקריינקט אונד איין שרעק האָט מיך אָנגענוממען, דאַס דו ביסט קראַנק געוואָרען. ווי איין שאַרפער (שָׁנוּן) פייל זיינען אריין אין מיין טיעפען הערץ די וואָרטער פאָן דער שרעקליכער נאַכריכט; דען דיעזעס איזט געוואָרען גאָר פלוצלינג, דען אין פאָריגער וואָך זיינען מיר צוזאַממען אין פעלד שפאַצירען געגאַנגען אונד דו ביסט געוועזען פאָלקאָממען געזונד אונד דו האָסט אין זיך ניכט געפיהלט קיין שוואַכקייט אונד מידיגקייט, אונד יעצט ביזט דו געפאַללען געבונדען צו דיין בעטט מיט די באַנדען פאָן קראַנקהייט. איך קאָנן דיר ניכט פאָרשטעללען דען קוממער אונד די פיעלע אויפרעגונג וועלכע מיין הערץ איזט געוואָרען מיט זיי פולל אין די מינוטען וואָס איך האָב די שרעקליכע נאַכריכט געהאָרט, דאַס אין זאָלכע ליעבליכע טאָג וואָס יעדע גאָטטעס־בעשאָפניש האָט פערגעניגען אויף דער שאָנהייט

פאָן דער נאַטור אונד דער רייגער קלאָרער לופט, וועלכע גיבט איין געשמאַקען גערוך אין דער נאָז פאָן יעדער בעשאָפניש, ביסט דו געפאַללען אין דער שטרייט פאָן קראַנקהייט וואָס איזט אויף דיר איבערגעגאַנגען. וועה! (אַך!) מיין פריינד, ווער גיבט מיר פליגלען ווי איין טויב, וואָלט איך פליהען אונד רוהען ביי דיר אין געצעלט, צו זעהען וואָס דו מאַכסט (שְׁלוֹמְךָ) אונד שטיצען דיך (וּלְסַעֲדְךָ). אָבער מיר מענשען זיינען אָפגעהאַקט פון פליגלען אונד קיין צייט האָב איך אויך ניכט דיך צו בעזוכען אין דיין הויז, דאַרום האָב איך געזאָגט (בעשטימט) צו ערפיללען מיין וויללען אונד מיין וואונש דיעזעס מאָל נור מיט איין בריעף פאָן בענשונג, די בענשונג פאָן איין גוטען פריינד, דאַס גאָט זאָל דיר שיקקען די גאַנצע היילונג אונד זאָלסט אין גיכען זיך צוריקקעהרען צו דיינע קראָפטען אונד מיר וועלען זיך צוזאַממען פרייען מיט געזאַנג. ווי דער פערלאַנג (וואונש) פון דיין פריינד....

~~~~~~~~~~

§ 52

כַּמָּה גַּם כָּלְתָה נַפְשִׁי לְהִשְׁתַּעֲשֵׁעַ בְּחֶבְרָתֶךָ.	מיין הערץ (זעעלע) גלוסט זיך אונטערהאַלטען מיט פערגעניגען אין דיין געזעלשאַפט.
רְאוֹת פָּנֶיךָ לֹא פִלָּלְתִּי.	איך האָב ניכט גערעכענט (זיך גריכט) דיך צו זעהען.
טוֹבִים הַשְּׁנַיִם מִן הָאֶחָד.	צוויי זיינען בעססער פאָן איינעם.
דְּבָרֶיךָ אֵלֶּה לְמוֹתָר וְלֹא לְהוֹעִיל הֵם.	דיעזע וואָרטער דיינע זיינען איבעריג אונד אָהן נוטצען.
אֶתְמַהְמַהּ עוֹד יָמִים אֲחָדִים לְהָכִין צֵדָה לַדֶּרֶךְ	איך וועלל זיך פערזאָמען נאָך איינינע טאָג צו צוגרייטען רייזעשפייזען.
נִדְבַשְׁתִּי לַאֲשֶׁר בִּקַּשְׁתָּנִי.	איך בין אויפגעזוכט געוואָרען צו וואָס דו האָסט מיר געבעטען.
~~~~~~~~~~

(וְנִמְצֵאתִי לַאֲשֶׁר דְּרָשָׁתְנִי).

(איך וועלל טהוּן יואָס דוּ פֿער־לאַנגסט פֿאָן מיר).

נָפְלָה עָלָיו תַּרְדֵּמָה עַזָּה
וְאַחֲרֵי הֱקִיצוֹ הֶחֱלִיף כֹּחַ.

אויף איהם איזט אַרויפֿגעפֿאַללען איין שטאַרקער שלאָף אונד ווי ער האָט זיך ערוואַכט האָט ער נייע קראֶפֿטען בעקוממען.

אִם יְיָ יִגְזוֹר עַל אִישׁ, כִּי יָקוּם וְיֶחִי, אָז שָׁוְא יְדַבְּרוּ רוֹפְאֵי אֱלִיל.

ווען גאָט בעשליסט אויף איין מענ־שען ער זאָלל אויפֿשטעהן (פֿאָן זיין קראַנקהייט) אונד זאָלל לעבען, דאַנן שפרעכען פֿאַלש אַללע ליגנערישע (פֿאַלשע) אֶרצטע.

אֲדַמְּךָ אֲבַנְּךָ וְלֹא יְדַעְתִּיךָ

איך שטעלל דיך פֿאָר (אין געדאַנק) איך רוּף דיר אָן (אָבוואָהל) איך קאָנן דיך ניכט.

הַמּוֹקִירְךָ וּבִלְתִּי מַכִּירֶךָ.

וועלכער שאָצט דיך, אָבוואָהל ער קאָנן (ווייס) דיך ניכט.

אִם כָּזֹאת תַּעֲשֶׂה תִּנָּצֵל מֵרָעָה.

ווען דוּ וועסט אַזוי טהוּן וועסט דוּ גערעטטעט ווערען פֿאָן שלעכטס.

נַפְשִׁי חָשְׁקָה בְּלִמּוּדִים.

מיין זעעלע גלוּסט לערנען.

הַיּוֹם קַמְתִּי מִמִּשְׁכָּבִי כַּעֲלוֹת הַשַּׁחַר וָאֶתְפַּלֵּא מְאֹד כִּי נָכוֹן הַיּוֹם וְאֵין אוֹר.

היינט בין איך אויפֿגעשטאַנען ווי דער מאָרגענשטערן איזט אויפֿגע־גאַנגען, אונד איך האָב זיך זעהר געוואונדערט, דען עס איזט שאָן טאָג אונד עס איזט נאָך ניכט ליכטיג.

כַּד רָגִיז רַעְיָא עַל עָנָא עָבִיד לְגַנְדָּא סַמּוּתָא.

ווען דער הירט (פֿאַסטוּך) ווערט אין צאָרען אויף די שאָף, מאַכט ער איין בלינדען פֿיר איין פֿיהרער.

§ 53 זֶעכְּם אוּנְד צְוַואנְצִיגְסְטֶער בְּרִיעף.

מיין פריינד! דו קאנסט יעטצט אויף מיר מאכען איין בִּרְכַּת „מְחַיֵּה הַמֵּתִים”, דען איך בין שאן געוועזען גערעכענט פיר איין געשטארבענעם, דען די קראנקהייט וועלכע איזט אויף מיר איבערגעגאנגען איזט געוועזען זעהר איין געפאהרליכע קראנקהייט, אונד אללע ארצטע האבען מיר אפגעזאגט דאס לעבען. נור ווען גאט בעשטיממט אויף דעם מענשען ער זאלל לעבען, דאנן זיינען אללע ליגנערישע ארצטע פאלש אונד זייער קלוגשאפט אונד וויססענשאפט איזט נאר ניכט; דען נאך (עוד) אין דעם זעלבען טאג וואס זיי האבען געזאגט, דאס מיינע קראפטען וועלען אויסגעהן, אין דעם זעלבען טאג איזט אויף מיר געפאללען איין שטארקער שלאף אונד נאכדעם ווי איך האב זיך ערוואכט האב איך נייע קראפטען בעקוממען, אונד מיין געזונד איזט געווארען אלס בעססער אונד בעססער, דען דער קריזיס איזט געוועזען צו גוטען, אונד יעצט קאנן איך דיר שאן איינינעווארטער שרייבען. צוואר (אָמְנָם) מיין זעעלע איזט נאך ערמידעט אונד מיין קארפער שוואך, נור איך פערהאף דאס אין איינינע טאג ארום וועל איך קאננען ארויסגעהן פאן הויז. אונד יעטצט בעט איך דיר, דאס דו זאלסט קוממען צו מיר אין הויז מיך בעזוכען (לְבַקְּרֵנִי), דען מיין הערץ גלוסט פערגעניגען זיך עטוואס מיט געזעלען נאך אזא לאנגע שווערע קראנקהייט. איך האף דאס דו וועסט מיין וויללען דיעזעס מאל געוויסס ערפיללען. איך ערווארטע דיר אונגעדולדיג.

דיין פריינד...

§ 54

עֲצָתִי אֱמוּנָה לָךְ.	איך גיב דיר איין גוטען (טרייען) ראטה.
אַשְׁקָא דְרִיסְפַּק חֲרֵבָה בֵּיתָר.	צו ליעב איין אכס פאן איין וואגען איזט וויסט געווארען די שטאדט ביתר.

בְּיִשְׂרָאֵל הָיָה הַמִּנְהָג, כִּי כַּאֲשֶׁר נוֹלַד בֵּן נָטְעוּ אֶרֶז וְכַאֲשֶׁר נוֹלְדָה בַּת נָטְעוּ אַלּוֹן.	ביי יודען איזט געוועזען איינגעפיהרט, דאס ווען עס איזט איין זאָהן געבאָרען געוואָרען, האָט מען איין צעדערבוים געפלאַנצט, אונד ווען עס איזט איין טאָכטער געבאָרען געוואָרען האָט מען איין אייכע געפלאַנצט.
כָּל מִי שֶׁאוֹהֵב עֹשֶׁר וְתַעֲנוּג אֵינוֹ יָכֹל לִלְמֹד תּוֹרָה.	דער וואָס ליעבט רייכטהום אונד פערגעניגען קאָנן ניכט לערנען תורה.
הוּא הִצְלִיחַ בְּלִמּוּדוֹ. (לִמּוּדוֹ עָלָה לוֹ יָפֶה).	ער האָט בעגליקט אין זיין לערנען (זיין לערנען האָט זיך איהם איינגעגעבען).
קָרוֹב וּמוֹדַע הוּא לִי מִמִּשְׁפַּחַת אֲבוֹתַי (שְׁאֵר בְּשָׂרִי).	ער איז מיינער איין פערוואַנדטער פאָן מיין פאָטערס פאַמיליע.
מַהֲלַךְ פַּרְסָאוֹת אֲחָדוֹת.	איין גאַנג (שטרעקע) פאָן איינינע מיילען.
מוֹשָׁבוֹ בְּעִיר קְטַנָּה אֲשֶׁר הִיא רֵיקָה מִמּוֹרִים מַשְׂכִּילִים.	ער געפינט זיך אין איין קליינער שטאָדט וועלכע איזט ליידיג פאָן געבילדעטע לעהרער.
וַיֵּלֶךְ מֵאִתּוֹ בְּחֶרְפָּה.	אונד ער איזט מיט שאַנדע פאָן איהם אוועקגעגאַנגען.
הָרוּחַ מְפַזֵּר אֶת הֶעָבִים.	דער ווינד צוטרייבט די וואָלקען.
הֲיוּכַל בּוּל עֵץ לַעֲשׂוֹת כָּזֹאת?	קאָנן דען איין שטיק האָלץ זאָלכעס טהון?

הוּא חוֹטֵב עֵצִים וּבָזֶה יְחַיֶּה אֶת נַפְשׁוֹ וְנֶפֶשׁ בְּנֵי בֵיתוֹ.

ער איז אין האָלץ=האַקקער אונד מיט דעם ערנאָהרט ער זיך מיט זיין פֿאַמיליע.

וַיְחַמְמוּהוּ בִּתְרוּפוֹת שׁוֹנוֹת.

אונד זיי האָבען איהם ערוואַרעמט מיט פֿערשיעדענע מיטטלען.

מַדּוּעַ לֹא תוּכַל לַעְצֹר בְּרוּחֲךָ?

ווארום קאָנסט דו זיך ניכט איינהאלטען?

בִּימֵי נְעוּרָיו לֹא רָצָה לַעֲסֹק בְּמִסְחָר.

אין זיינע יונגע יאָהרען האָט ער ניכט געוואָלט זיך בעשעֿפטיגען אין האנדעל (האַנדלען).

"בָּתַר עַנְיָא אָזְלָא עֲנִיּוּתָא

נאָך איין אָרעמאַנן שלעפט זיך די אָרעמקייט.

בָּתַר עַתִּירָא אָזְלָא עַתִּירוּתָא.

נאָך איין רייכען שלעפט זיך די רייכקייט.

"בָּתַר מָרֵי נִכְסֵי צִיבֵי מְשִׁיךְ.

נאָך דעם וואָס פֿאַרמאָגט גיטער ציהט זיך פֿעטטקייט (געלט גייט צו געלט).

"עֲבֵרָה גוֹרֶרֶת עֲבֵרָה.

איין פֿערברעך ציהט דען צווייטען פֿערברעך.

"לֹא לְחִנָּם הָלַךְ זַרְזִיר אֵצֶל עוֹרֵב אֶלָּא מִפְּנֵי שֶׁהוּא מִינוֹ.

ניכט אומזאָנסט איז דער זרזיר (איין ארט קראָה, וואָראָנע) געגאַנגען צו דעם עורב, נור וויל ער איז פֿאָן זיין אַרט (סאָרט).

55 § ה. די קלוגשאפט פאן די יודישע קינדער פאן ירושלים.

רבי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן חֲנַנְיָא איזט געגאנגען אין פעלד צו קוממען אין שטאדט, האט ער געזעהען צווי וועגען פיהרען אין שטאדט, האט ער אנגעטראפען איין קינד אונ האט איהם געפראגט: וועלכער וועג איזט דער נאהנסטע צו קוממען אין שטאדט? האט איהם דאס קינד געאנטווארטעט: דער וועג איזט וויט אונד נאהענט, אונד דער וועג איז נאהענט אונ וויט. איזט רבי יהושע בן חנניא געגאנגען אין דעם וועג וואס איזט נאהענט אונד וויט, האט ער געזעהען דאס עס שטעהט איין צוים (גָּדֵר) וועלכער פערצוימט דען וועג, אונד ער האט ניכט געקאנט דורכגעהן, האט ער זיך צוריקגעקעהרט (וַיָּשָׁב עַל עֲקֵבוֹתָיו), פראגט ער דאס קינד: ווארום האסט דו מיך גענארט? (רִמִּיתָנִי), זאגט איהם דאס קינד: איך האב דאך דיר געזאגט דאס דער וועג איזט נאהענט אבער וויט, דען דורך איהם איזט נאהנטער אין שטאדט צו קוממען, אבער ער איזט וויט, דען ער איז פערצוימט, ווערסט דו מוזען צוריק געהן, אונד יענער וועג איזט וויט אבער קורץ (נאהענט), דען דורך איהם ווערסט דו אין שטאדט קוממען אום ניכט (מִבְּלִי) זיך צוריקקעהרען.

איינער האט געגעבען איינעם קינד איין טהאלער, ער זאלל איהם ברענגען איין מילגרוים (גראנאט-אפפעל) וואס קאסט איין טהאלער. איזט ער געגאנגען אונד האט געבראכט איין האלבען. אויף דער פראגע פאן דעם שיקקער: ווארום האסט דו מיר נור איין האלבען געבראכט, האט דאס קינד געאנטפערט: איך האב איין האלבען טהאלער פיר דעם גאנג גענוממען. זאגט צו איהם דער מאן: ווען אזוי, וויל איך ניכט; טראג אפ צוריק, וואס דו האסט געקויפט. איזט דאס קינד געגאנגען אונד צוריקקוממענדיג האט ער איהם גאר ניכט געבראכט. אויף דער פראגע: וואו איזט מיין געלד? האט איהם דאס קינד געאנטפערט: איך האב אפגענוממען פיר מיין גאנג...

§ 56

כָּל הַנְּגָעִים אָדָם רוֹאֶה חוּץ מִנִּגְעֵי עַצְמוֹ.	אללע פעהלער בעמערקט (זעהט) דער מענש, אויסער זיינע אייגענע פעהלער.
עֶצְתוֹ נִשְׁאֲרָה מְעַל.	זיין ראטה איזט געבליבען פאלש.
וַיְדַפֵּק אוֹתוֹ בְּרַגְלוֹ וַיֹּאמֶר: רְאֵה נָא אֶת הַצֶּלֶם הַנִּבְזֶה הַזֶּה.	אונד ער האט איהם איין קלאפ געגעבען מיט דעם פוס אונד האט געזאגט: זעה די מיאוסע (פעראכטעטע) בילד.
פָּקְדֵנִי נָא לִפְעָמִים בְּמִכְתָּבֶיךָ.	ערמאהן מיך אפט מיט דיינע בריעף.
עוֹד בְּטֶרֶם הוֹדַעְתַּנִי דִּמִּיתִי וְחָשַׁבְתִּי כָּזֹאת.	נאך בעפאר דו האסט מיר צו וויסען געגעבען האב איך אזוי גערעכענט.
בְּהִלּוֹ נֵר הַהַצְלָחָה עַל רֹאשֵׁנוּ.	ווען דאס גליק האט זיין ליכט אויף אונז געלאזט שיינען.
אָז נֵדַע וְנָבִין מַדּוּעַ נִבְדָּלִים אֲנַחְנוּ מִכָּל הָעַמִּים.	דאנן וועלען מיר וויססען ווארום מיר זיינען אפגעשיידעט פאן אללע פאלקער.
הַקּוֹף רָאָה אֶת צַלְמוֹ בָּרְאִי.	די אפפע (אבעזיאנע) האט געזעהען איהר בילד אין שפיעגעל.
עַד שֶׁאַתָּה הוֹלֵךְ לִמְצֹא צֶלֶם כָּזֶה, יוֹתֵר טוֹב הָיָה לוּ הִבַּטְתָּ עַל עַצְמְךָ.	בעפאר דו געהסט געפינגען זא איין בילד, וואלט גלייבער געוועזען דו זאלסט אויף זיך זעלבסט איין קוק געבען.
לוּ הָיִיתִי דוֹמֶה לוֹ הֵמַתִּי אֶת עַצְמִי.	ווען איך וואלט געוועזען געראטען אין איהם, וואלט איך מיך זעלבסט געטויטעט.

°מָתוֹן, מָתוֹן אַרְבַּע מֵאָה זוּזֵי שָׁוְיָא.

געוואַרט (לאַנגזאַם, ניכט געאַיילט, גוט בערעכענט) איזט ווערטה פיער הונדערט גולדען.

°תַּעְלָא בְּעִידָּנֵיהּ סְגִיד לֵיהּ.

איין פוכס אין זיין צייט (ווען ער איזט קאָניג) בוק זיך צו איהם.

°קַבָּא מֵאַרְעָא וְלָא כּוֹרָא מֵאִגְּרָא.

איין טאָפף אויף דער ערד אונד ניכט איין טון אויף דעם דאַך (בעססער האָבען אביסעל נעבען זיך איידער פיעל פון דער וויטענס).

טוֹב מְלֹא כַף נַחַת אֶת פָּנֵינוּ מִמְּלֹא חָפְנַיִם בִּקְצוֹת אַרְצֵנוּ.

בעסער איין קליין הייפעלע פאַר די אויגען איידער פוללע הויפען אין ענדע וועלט (פאָן דער וויטען).

הוּא מַרְוִיחַ שֶׁקֶל לַיּוֹם.

ער פערדינט איין טהאָלער יעדען טאָג.

בְּשׂוֹרָה טוֹבָה מוֹצֵאת בְּפִי.

איך האָב איין גוטע נאַכריכט (אין מיין מויל).

בַּרְזֶל בְּבַרְזֶל יָחַד, וְשֵׂכֶל בְּשֵׂכֶל יִשְׁתּוֹנָן.

אייזען ווערט דורך אייזען געשלייפט (געשאַרפט) אונד איין פערשטאַנד ווערט דורך דען אַנדערען פערשטאַנד געשאַרפט.

מִלְּבַד שְׂפָתֵנוּ הַקְּדוֹשָׁה אֲנִי לוֹמֵד דִּבְרֵי יָמֵינוּ מִימֵי קֶדֶם.

אויסער אונזער הייליגע שפראַכע לערן איך אונזער געשיכטע פאָן פערצייטען.

בְּעוֹד שְׁלֹשֶׁת יָמִים אָשִׂים פְּעָמַי לְעִיר מוֹשָׁבֵךְ.

נאָך אין דריי טאָג אַרום וועל איך רייזען אין דער שטאָדט וואו דו געפינסט זיך.

57 § ז. טויט אונד לעבען איזט דורך דער צונג.

1.

דער פּערזישער קאָניג איזט געוואָרען קראַנק אויף איין געפֿאָהרליכע קראַנקהייט. האָבען איהם די אַרצטע בעפֿאָהלען, דאָס ער זאָלל טרינקען מילך פֿאָן איין לאָווין. אונד דער קאָניג האָט געגעבען צו וויססען אין זיין קאָניגרייך דאָס דער מענש וואָס וועט איהם ברענגען לאָווין=מילך וועט ער איהם רייך מאַכען מיט פֿיעל רייכטהום אונד זיין טאָכטער וועט ער איהם געבען פֿיר איין פֿרוי. איזט געקוממען צו דעם קאָניג איין יונגער מענש אונד האָט געזאָגט, דאָס ער וועט איהם ברענגען לאָווין=מילך; נור מען זאָלל איהם געבען צעהן ציעגען (עזים). אונד מען האָט איהם גלייך געגעבען צעהן ציעגען אונד ער איזט געגאַנגען אין לאָווען=גרובּ; האָט ער געזעהען ווי איין לאָווין זייגט איהרע יונגע, האָט ער אריינגעוואָרפֿען איין ציעג אונד איזט אַוועקגעגאַנגען. די לאָווען האָט די ציעג אויפֿגעגעסען. אונד ער האָט אזוי געטהון דעם צווייטען טאָג אונד דעם דריטען, ביז דעם צעהנטען טאָג האָט די לאָווין שאָן געקאָנט דעם וואָס האָט איהר ציעגען געגעבען אונד זי האָט איהם געלאָזען איהר מעלקען. קיין פֿעדער האָט קיין קראַפֿט צו פֿאָר=שטעללען די פֿרייד פֿאָן זיין זעעלע מיט דעם וואָס זיין וואונש איזט געוואָרען ערפֿיללט, דען ער האָט געוואוסט דאָס דער קאָניג וועט ערפֿיללען וואָס ער האָט צוגעזאָגט. אין מיטען וועג האָט ער זיך געלעגט אָפּרוהען אונד ער איזט איינגעשלאָפֿען. האָט זיך איהם געטרוימט דאָס זיינע גלידער האָבען זיך אָנגעפֿאַנגען צו קריגען צווישען זיך; די פֿיס האָבען געזאָגט: ווען זיי וואָלטען ניכט געגאַנגען וואָלט דער מענש לאָווין=מילך ניכט בעקוממען. די האָנד האָבען געזאָגט דאָס אָהן זיי וואָלט גאָר ניכט געוועזען; דאָס הערץ האָט געזאָגט, דאָס ווען עס וואָלט איהם ניכט געגעבען דעם געדאַנקען וואָלט ער דאָך גאָר ניכט געטהון; די צונג זאָגט, ווער איזט שטאַרקער פֿאָן מיר, וואָס דער טויט אונד דאָס לעבען איזט ביי מיר (בּידי). האָבען אַללע גלידער אויף דער צונג איי

געשריי גענעבען; דו רעדסט ליגען, דען דו ביסט פֿערשלאָסען מיט צוויי מויערען, דו קאָנסט גאָר ניכט טהון. „איך וועל אייך וויזען ווער איזט שטאַרקער" האָט זיי די צונג געאַנטוואָרטעט. — דער מאַנן האָט זיך פֿאָן זיין שלאָף ערוואַכט אונד איזט געגאַנגען צו דעם קאָניג.

ווי ער איזט געקוממען אין קייזערליכען פּאַלאַץ האָט ער דערלאַנגט פֿאַר דעם קאָניג די לאָווין-מילך אונד האָט געזאָגט: איך האָב פֿיר דיר געבראַכט מילך פֿאָן איין הונד, טרינק אונד דו זועסט ווערען געזונד (וְתִרְפָּא). איזט דער קאָניג געוואָרען פֿול מיט צאָרען אויף איהם, אונד ער האָט בעפֿאָהלען איהם צו האָנגען. ווי ער איזט אַרויסגעפֿיהרט געוואָרען צו האָנגען, האָבען אללע גלידער אָנגעפֿאַנגען צו ציטערן. האָט זיי די צונג געזאָגט: „יעטצט זעהט איהר דאָס גענען מיר קאָנט איהר גאָר ניכט טהון. נור ווען איהר וועט מיך מאַכען פֿיר איין קאָניג אויף אייך, וועל איך אייך דערטטען פֿאָן טויט". אונד אללע גלידער האָבען איהם געקרוינט אויף זיך פֿיר איין קאָניג. זאָגט דער פֿעראורטהיילטער (הַנִּשְׁפָּט) צו די ריכטער: ברענגט מיך פֿאַר דעם קאָניג, דען איך האָב איהם צו זאָגען איין וואָרט, פֿילייכט וועט ער מיך לאָזען לעבען. — מען האָט איהם גלייך פֿאַר דעם קאָניג געבראַכט. פֿראָגט דער אומגליקליכער דעם קאָניג: מיין העררר קאָניג, וואַרום האָסט דו בעפֿאָהלען מיך האָנגען? — איך האָב דיך בעפֿאָהלען צו ברענגען לאָווין-מילך אונד דו האָסט געבראַכט מילך פֿאָן איין הונד, דען אזוי האָסט דו דאָך געזאָגט, אַנטוואָרטעט דער קאָניג. — ניט אזוי האָב איך געמיינט, מיין העררר קאָניג; איך האָב געזאָגט, דאָס דו זועסט ווערען געזונד פֿאָן דער מילך, עס זיי מילך פֿאָן איין הונד אָדער פֿאָן איין לאָווין. דער קאָניג האָט די מילך געטרונקען אונד ער איזט געזונד געוואָרען...

2.

רבן גמליאל האָט איינסט זיין קנעכט טבי געשיקט קויפֿען די בעסטע זאַך וואָס ער וועט פֿינדען אין מאַרק. איזט ער געגאַנגען אונד האָט איהם געבראַכט איין צונג. אין איינגע טאָג אַרום

האָט רבן גמליאל געשיקט זיין קנעכט ער זאָל ברענגען די ערנסטע זאַך וואָס ער וועט קריגען, האָט ער איהם ווייטער געבראַכט איין צונג. האָט אים רבן גמליאל געזאָגט: דו ביסט פערשטאָנדיג מיין קנעכט, דען אַזוי האָט שלמה דער קלוגער קאָניג געזאָגט דאָס „דער טויט אונד לעבען איזט ביי דער צונג"; ווען זי איזט גוט איזט ניכט דאָ קיין בעססערעס פאָן איהר; ווען זי איזט שלעכט איזט ניכט דאָ קיין אָרגערעס פאָן איהר... —

§ 58

מִי הָאִישׁ הֶחָפֵץ חַיִּים, אֹהֵב יָמִים לִרְאוֹת טוֹב; נְצוֹר לְשׁוֹנְךָ מֵרָע, וּשְׂפָתֶיךָ מִדַּבֵּר מִרְמָה.	ווער איזט דער מענש וואָס האָט לוסט צום לעבען אונ ווילל גערן אים אַלטער זיין גליקליך, היטט פאָן באָזעם דיין צונג, דיינע ליפפען פאָר בעטריגליך רעדען.
נִפְצַר בּוֹ וְלֹא הִרְפָּה מִמֶּנּוּ.	אונד ער האָט איהם שטאַרק געבעטען אונד האָט איהם ניכט אָפּגעלאָזען.
הָעוֹלָם הַזֶּה הוּא גַּלְגַּל הַחוֹזֵר.	דיעזע וועלט איזט איין ראַד וואָס דרעהט זיך.
הִנְנִי עַתָּה בְּעִיר נָכְרִיָּה.	איך געפין זיך יעצט אין איין פרעמדער שטאָדט.
אַךְ עוֹד בְּטֶרֶם נוֹסְדָה אֲגֻדָּתֵנוּ אַתְנֶה עִמְּךָ תְּנָאַי.	נור בעפאָר אונזער בינדניס איזט נאָך געגרינדעט געוואָרען וועלל איך מיט דיר אויסרעדען.
אֶת אֲשֶׁר עָבַר עָלֵינוּ עַד הֵנָּה.	וואָס מיט אונז איזט פערלאָפען ביז יעצט.
הַתּוּשִׁיָּה נִדְּחָה מִמֶּנִּי.	די וויזוהייט איזט פערשטויסען פאָן מיר.

כָּל הַמִּשְׁתַּבֵּר, מִשְׁתַּכֵּר אֶל צְרוֹר נָקוּב.	אונד יעדער געווינן (פֿערדינסט) צעררינגט ווי אין איין לאָכעריגען זאקק.
הוּא לֹא מָצָא לוֹ עֲבוֹדָה וּמְלָאכָה לְהִשְׂתַּכֵּר:	ער האָט זיך ניכט געפֿונען קיין ארבייט צו פֿערדינען.
הַשֶּׁלֶג הָרַב אֲשֶׁר יָרַד כִּסָּה אֶת כָּל פְּנֵי הָאָרֶץ.	די פֿיעל שניי וואָס איז געפֿאַלען האָט צוגעדעקט די פֿלאָכע פֿאָן דער ערד.
וַיָּסִירוּ אֶת גַּל הַשֶּׁלֶג.	אונד זיי האָבען אראָפּגענומען די הורבע (באַרג) שניי.
*הוּא חָפֵץ לֶאֱחֹז הַחֶבֶל בִּשְׁנֵי רָאשָׁיו.	ער וויללאָנגרייפֿען (אָננעהמען) די שטריק פֿאָן ביידע ברעגען.
*לֵךְ בִּשְׁבִיל הַזָּהָב.	געה אין דעם גאָלדענעם וועג (אין דעם מיטטעלסטען).
*אֵינוֹ דוֹמֶה מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ פַּת בְּסַלּוֹ לְמִי שֶׁאֵין לוֹ פַּת בְּסַלּוֹ.	עס איזט ניכט גלייך דער וואָס האָט אין זיין קאָרב ברויט צו דעם וואָס האָט ניכט.
*אִסְתִּירָא בִּלְגִינָא קִישׁ קִישׁ קָרְיָא.	איין מינץ (מַטְבֵּעַ) אין אַ קרוג (אַ פּוסטען) קלינגט.
עֹבֵד אַדְמָתוֹ יִשְׂבַּע לָחֶם.	ווער זיין פֿעלד בעאַרבייטעט וועט זיין זאט מיט ברויט.
יֵשׁ בּוֹטֶה כְּמַדְקְרוֹת חָרֶב	מאַנכע וואָרטער זיינען ווי דאָלכשטיכע (שווערד־שטיכע).

§ 59 ז. הִלֵּל דֶער נָשִׂיא.

הלל דער נשיא (פֿירשט) פֿאָן דעם לאַנד בבל האָט אין דער יונגענד ניכט געוואָלט זיך בעשאָפֿטיגען מיט געשאָפֿט, דען זיין

וועלע האָט נור געגלוסט לערנען גאָטס לעהרע, איזט ער געגאַנגען אין ירושלים צו הערען תורה פֿאָן שמעיה ואבטליון, וועלכע זיינען געוועזען די גראָסטע לעהרער פֿאָן זייער צייט. ער, הלל, איזט געוועזען איין האָלץ=האַקקער, אונד מיט דעם האָט ער זיך ערנאָהרט. ער האָט פֿערדינט איין טהאַלער יעדען טאָג, האָט ער איין האַלבען געגעבען דעם וועכטער (שומר) פון דער טהיר פֿאָן בית המדרש, אונד מיט איין האַלבען האָט ער זיך ערנאָהרט מיט זיין הויזגעזינד. איין מאָל האָט ער ניכט געקריגען (געפֿונען) קיין אַרבייט צו פֿערדינען, אונד ער האָט ניכט געהאַט מיט וואָס דעם וועכטער צו בעצאָהלען, אונד דער וועכטער האָט איהם ניכט געלאָזען אַריינגעהן אין בית המדרש. נור הלל האָט זיך ניכט געקאָנט איינהאַלטען איין גאַנצען טאָג ניכט לערנען, איז ער אַרויף אויף דעם דאַך אונד האָט זיך געזעצט פֿאָן דרויסען נעבען פֿענסטער, צו הערען פֿאָן וויטען די לעהרע פֿאָן די לעהרער. אונד דאַן איזט געוועזען ווינטער=צייט, איזט אויף דער נאַכט געגאַנגען זעהר פֿיעל שניי וועלכער האָט הלל'ן פֿאַרדעקט. אויף מאָרגען ווי דער מאָרגענשטערן איזט אויפֿגעגאַנגען האָבען זיך אַללע זיצער פֿאָן בית המדרש געוואונדערט, דאַס עס איזט דאָך שאָן גרויססער טאָג אונד עס איזט נאָך פֿינסטער אין פֿענסטער. ווי זיי האָבען אין דער הויך איין קוק געגעבען האָבען זיי געזעהען איין געשטאַלט (תְּמוּנָה) פֿאָן איין מענש ליגט נעבען פֿענסטער פֿערדעקט מיט שניי. באַלד זיינען איינינע מענשען אַרויף אויף דעם דאַך אונד האָבען אַראָפּגענוממען פֿאָן איהם דען שניי אונד זיי האָבען דערזעהען דאָס עס איזט הלל. זיי האָבען איהם אַריינגענוממען אין בית המדרש, האָבען איהם אָפּגעוואַרעמט מיט פֿערשיעדענע מיטלען ביז ער האָט אָפּגעלעבט. פֿאָן יענער צייט האָבען די רבנים בעפֿויהלען, מען זאָלל איהם לאָזען קוממען אין בית המדרש צו הערען תורה אומזאָנסט. ער האָט אין זיין לערנען בעגליקט ביז אין איין צייט אַרום איזט ער געוואָרען איין רב אונד נאָכדעם איין נשיא ביי יודען.

ח. רַבִּי אֱלִיעֶזֶר בֶּן חַרְסוֹם. § 60

רבי אליעזר בן חרסום איזט געוועזען זעהר רייך, דען זיין פאטער האט איהם געלאזען איין ערבטהייל פאן פיעל שטאדט אונד דארפער, קנעכט אונד דינסטען. ער אליין האט געלערנט תורה אונד האט געוואנדערט (נָסַע) פאן שטאדט צו שטאדט, פאן בית המדרש צו בית המדרש, צו לערנען תורה אונד קלוגשאפט. ער איזט געגאנגען צו פוס מיט זיין פאק (תַּרְמִילוֹ) אויף זיין שולטער, זיינע קנעכט האבען איהן פערזאנליך (פָּנִים אֶל פָּנִים) ניכט געקאנט, דען זיי האבען איהן ניעמאלס געזעהען. איינסט געהענדיג פארביי זיינע פעלדער האבען איהם זיינע קנעכט געהאפט אונד געצוואונגען צו ארבייטען אין פעלד פאן זייער הערר. ער האט זיך ביי זיי געבעטען זיי זאללען איהן לאזען געהן ווייטער אונד זיי האבען געשווארען מיט דעם לעבען פאן זייער הערר דאס זיי וועלען איהם ניכט לאזען געהן. אונד ער האט זיי געגעבען פיעל לאזעגעלט (פִּדְיוֹן).

§ 61

אֵין דָּבָר הָעוֹמֵד בִּפְנֵי הָרָצוֹן.	קיין זאך קאן ניכט בעשטעהן געגען דען וויללען.
לְאִישׁ חֲרוּצִים לְבַד יוּכַל הָאֹשֶׁר הוֹשִׁיעַ.	נור איין פלייססיגען מענשען קאנן דאס גליק העלפען.
קַנֹּא קִנֵּאתִי בְּךָ מִדֵּי קָרְאִי אֶת מִכְתָּבֶיךָ.	איך האב דיר בענײדעט לעזענדיג דיינע בריעף.
כַּעֲבֹר עִדָּן וְעִדָּנִים.	ווען עס זיינען פאראיבערגעגאנגען פיעל צייטען.
יְיָ חֲנָנוֹ בְּכִשְׁרוֹנוֹת נַעֲלִים	גאט האט איהם בעשאנקען מיט גוטע פעהיגקייטען.

על שרשי רגלי יתחקה.	ער שפירט מיינע טריט.
״אין חבוש מתיר עצמו מבית האסורים.	קיין געבונדענער (ארעסטאנט) קאָנן זיך זעלבסט ניכט בעפרייען פאָן קערקער (אסטראָג).
עד פה תבא ולא תוסיף.	ביז אהער זאָלסט דו קוממען אונד ניכט מעהר.
״למד לשונך לאמר איני יודע, שמא תתבדה ותאחז.	געוואָהן זיך צו זאָגען „איך ווייס ניכט", פיליכט וועסט דו ווערען אָפּגעלייקענט וועסט דו בעצוואונגען ווערען (מיט דיינע וואָרטער).
מנפשי חזיתי זאת.	פאָן זיך זעלבסט האָב איך דיעזעס גע‍זעהן.
״שרגא בטיהרא מאי אהני.	איין ליכט ביי טאָג וואָס קאָנן נוטצען (העלפען)?
קראתי את הגיונותיו והם כתובים בטוב טעם ודעת.	איך האָב געלעזען זיינע געדאנקען אונד זיי זיינען געשריבען מיט געשמאַק אונד פערשטאַנד.
נעמה עלי חברתך.	מיר איזט אנגענעהם דיין געזעלשאַפט.
דרכי המסחר שבו לתחיה.	די געשאַפטען האָבען אויפגעלעבט.
עת לעשות הגיעה.	עס איזט געקוממען די צייט פאָן ארבייט.
יום אחר יום אך חגים ינקפו.	אללע טאָג זיינען נור פייערטאָג.
״מעשיך ירחקוך ומעשיך יקרבוך.	דיינע טהאטען (אויפפיהרונגען) וועללען דיך ערווייטערן אונד דיינע טהאטען וועלען דיך גענאָהגען.
מהר נא ובוא הנה.	קום וואס גיכער אהער.

הָסֵר מִמְּךָ הָעַצְלוּת וְהַבַּטָּלָה אֲשֶׁר הֵן אֵם כָּל חַטָּאת.

טהו אָפּ פאָן דיר די פוילקייט אונד מיססיגגאַנג, וועלכע זיינען די מוטטער פאָן אללע פערברעכען.

נְקוֹט כְּלָל זֶה בְּיָדֶיךָ.

דו זאָלסט האַלטען דיעזע רעגעל (פראַווילע).

תָּשִׁיב בַּעַר עַל כֹּל, מִי זֶה יוֹדֵעַ כֹּל? אָכֵן, הַאַךְ רַק כֹּל, הֲלֹא כֹּל לֹא יָדַעְתָּ *).

דו אַנטוואָרטעסט, נאַרר, אויף אללעס, ווער וויים אללעס? אָבער צו דענן אללעס (ווייסט דו ניכט) — דו ווייסט דאָך גאָר ניכטס.

וַיִּקַּח אֶת הַגַּרְזֶן וַיְרוֹצֵץ אֶת גֻּלְגָּלְתּוֹ.

אונד ער האָט גענומען די האַק אונד האָט צושמעטטערט זיין קאָפּף.

62 § ט. איין מֶעדִיצִין צוּ לֶעבֶּען.

איין האָנדלער (קאָרבעלניק=רוֹכֵל) האָט אַרומגעקרייזט אין שטאָדט אונד האָט אויסגעשריען: ווער עס וויל קויפען איין מעדיצין צו לאַנג לעבען זאָלל קוממען צו מיר אונד קויפען. זאָגט איהם רבי ינאי: פערקויף מיר אויך די מעדיצין; האָט איהם דער האָנדלער געזאָגט: ניכט פיר דיר אונד דיין גלייכען איזט דיעזע מעדיצין. אָבער רבי ינאי האָט איהם שטאַרק געבעטען אונד האָט איהם ניכט אָפגעלאָזט ביז ער זאָלל איהם זאָגען וואָס איזט עס פיר איין מעדיצין. האָט דער האָנדלער אַרויסגענוממען פאָן זיין קעשענע (כיס) איין תהלים אונד האָט אויפגעעפענט דעם פסוק „ווער איזט דער מאַנן וואָס האָט לוסט צו לעבען אונד איזט גערן צו זיין גליקליך אים עלטער; היטט פאָן בּאָזעס דיין צונג,

---

*) כמו „כֹּל לֹא אֶתֵּן לָךְ" (גאָר ניכטס), לפי שעיקר הכונה על כל, ומתאר את השלילה (עיין אוצה"ש בן זאב).

דיינע ליפּפּען פֿאָן בעטריגליך רעדען". „טרעט אָפּ פֿאָן שלעכטעס אונד טהו גוטעס". זאָגט איהם רבי ינאי: דער קאָניג שלמה האָט אויך געזאָגט „דער וואָס היטט זיין מויל אונד זיין צונג, היטט ער פֿאָן שלעכטס זיין זעעלע"...

§ 63 י. די וועלט איזט איין ראָד וואָס דרעהט זיך.

דאָס גליק פֿאָן מענשען איזט איין ראָד וואָס דרעהט זיך אויף דער וועלט, דער געהט אַרויף אונד דער ניעדערט אַראָפּ. רבי חייא האָט געזאָגט צו זיין פֿרוי: ווען דו זעהסט איין אָרעמאַן זאָלסט דו געשווינד אַנטקעגען טראָגען דיין נדבה, אום מען זאָלל דיינע קינדער אויך געבען. זאָגט איהם די פֿרוי: דו פֿלוכסט דאָך דיינע קינדער? זאָגט ער איהר: די וועלט איזט איין ראָד וואָס דרעהט זיך, די קינדער פֿאָן רייכען קאָנען זיין אָרימע, אונד די קינדער פֿאָן אָרימע — זיין רייך.

§ 64 יא. די אַפּפּע (אָבעזיאַנע) אונד דער שפּיעגעל.

איין אַפּפּע (קוף) האָט איינסט זיין בילד אין שפּיעגעל (ראי) געזעהען, האָט ער איין שטוים געגעבען מיט זיין פֿוס דעם באָר אונד זאָגט צו איהם: זעה נור דאָס פֿעראַכטעטע בילד וואָס דאָרט איזט; איך וואָלט מיר זעלבסט געטוידט ווען איך וואָלט זיין גלייך (געראָטען) צו דיעזען בילד. איך ווייס אויך איינינע מיינע געזעלען וועלכע זיינען גלייך צו איהם, איך קאָנן דיר די ווייזען (ציינען). — „אַנשטאָט וואָס דו געהסט זוכען זאָלכע בילדער צווישען פֿרעמדע, וואָלט גלייכער (בעסער) געוועזען, דו זאָלסט אויף זיך זעלבסט איין קוק געבען", האָט איהם דער באָר געזאָגט „ציער (שטראָף) זיך זעלבסט נאָכדעם ווערסט דו ציערען (שטראָפען) אַנדערע". אָבער דער ראַטה פֿאָן באָר איזט פֿאַלש געבליבען; דען אַללע פֿעהלער זעהט איין מענש אויסער זיינע אייגענע.

§ 65

שָׂפָה זוּ מַה תְּהֵא עָלֶיהָ ?

וואָס וועט זיין מיט דיזער שפּראַכע ?

הַזּוֹרְעִים בְּדִמְעָה, בְּרִנָּה יִקְצֹרוּ.

די וועלכע זייען מיט טרערען, וועלען מיט פרייד שניידען.

כַּאֲשֶׁר יַעַבְרוּ יְמֵי הַמְּהוּמָה תָּשׁוּב עַל עֲקֵבֶיךָ:

ווען עס וועלען מיידען די טומעל־טאָג (גאַראַטשקע) וועסט דו זיך צוריקקעהרען.

כָּל בֵּית־מִסְחָר הַמַּרְבֶּה בַּאֲנָשִׁים הֲרֵי זֶה מְשֻׁבָּח.

יעדעס געשאַפטס־הויז וואָס האָט פיעל מענשען איזט בעססער.

יְקָרָה בְּעֵינַי שִׂיחָה קַלָּה בִּשְׂפַת עֵבֶר, מִמִּכְתָּב מָלֵא מְלִיצוֹת עַל כָּל גְּדוֹתָיו בְּשָׂפָה אַחֶרֶת.

ביי מיר איזט טהייערער איין קליי־נע רעדע אין העברעאיש, עהדער איין בריעף פול מיט שאָנרעדען אין איין אנדער שפּראַכע.

מַה יַּעֲצָרְךָ לְבַל תּוּכַל לָבֹא הֵנָּה ?

וואָס האַלט דיך אָפּ, דו זאָלסט אהער ניכט קאָנען קוממען ?

הוּא יָפִיק רָצוֹן מֵאֲדוֹנָיו.

ער געפאַלט זיינעם הערען.

טוֹב דַּעְתְּךָ הֵיטֵב, מִדַּעְתְּךָ הַרְבֵּה.

בעססער וויססען גוט, ווי צו וויססען פיעל.

שַׁמַּאי, בְּלָא מָתָא תּוּתְבָאֵי.

אין שטאָדט איזט דער נאָמען (געגנוג), אויסערן שטאָדט זיינען די קליידער (בעשוינען דעם מענשען).

לְפִי שִׂמְלָתוֹ יְקַדְּמוּ אוֹרֵחַ בְּבוֹאוֹ וּלְפִי שִׂכְלוֹ יְלַוֻּהוּ בְּצֵאתוֹ .

נאָך זיין קלייד עמפפאַנגט מען איין גאַסט ווען ער קוממט אונ נאָך זיין פערשטאַנד בעגלייטעט מען איהם ווען ער געהט אַרויס .

אֵין רַע כְּסָכָל , וְאֵין סָכָל כְּאִישׁ רָע .

עס גיבט ניכט קיין שלעכטערן פאָן איין נאַרר , אונד עס גיבט ניכט קיין נאַררישערן פון אַיין שלעכטען מענשען .

הַיּוֹם אָכַלְתִּי נוֹקְנִיקָה .

איך האָב היינט וואורשט גענעסען .

אַנְדְּרוֹלוֹמוּסְיָה בָּאָה לָעוֹלָם .

עס איזט אויף דער וועלט געקומ-מען איין צומישונג .

לֹא טוֹב הֱיוֹת אִישׁ נַקְרָן .

עס איזט ניכט גוט צו זיין איין פעדאַנט (קפדן) .

הוּא קַבְּלָן לַעֲשׂוֹת דְּרָכִים כְּבוּשׁוֹת .

ער איזט איין פאָדראַציק צו מאַכען שאָססען .

הַיּוֹם רָאִיתִי כְּלֵי קוּנְיָא (גָּבִישׁ) יְקָרִים .

איך האָב היינט געזעהן טהייערע פאַרצעלן-געשירר .

הוּא יָצָא וְיָדָיו עַל רֹאשׁוֹ .

ער איזט ארויס אונד די האַנד פערבראָכען אויף זיין קאָפף (ער האָט פערשפיעלט . ניכט אויסגעפיהרט זיין פערלאַנג) .

דָּמוֹ בְּרֹאשׁוֹ .

ער איזט אַליין שולדיג .

יְדֵי בַּעֲלֵי חֲרֹשֶׁת־הַמַּעֲשֶׂה מְלֵאוֹת עַתָּה עֲבוֹדָה רַבָּה .

די האָנד פאָן די פאַבריקאַנטען זיינען יעצט פולל מיט אַרבייט .

עֲזֹב נָא אֶת מְקוֹם שִׁבְתֶּךָ

פערלאָז דאָס אָרט וואָ דו געפינסט זיך .

כְּבָתֵּי חֲרֹשֶׁת־הַמַּעֲשֶׂה
יָכִינוּ חֲתִיכוֹת אֶרֶג צֶמֶר
לְיוֹם הַדְּרִישָׁה.

אין די פֿאבריקען פֿערפֿערטיגט
(גרייט) מען צו יעצט שטיקקער טוך
צום סעזאן.

§ 66 נֵיין אונד צוואנציגסטער בריעף.

מיין טייערער פֿריינד! איך האב דיר בענײדעט, מיין פֿריינד, ווען דו האסט מיר איין בריעף געשריבען, דען איך האב געזעהען ווי דו פֿערשטייסט צו בעשרייבען (בעצייכנען) אויף דעם פאפּיער מיט איין גוטען געשמאק איין העברעאישען בריעף, אונד לעזענדיג דיין בריעף האב איך געטראכט אין מיין הערץ, דאס (די) ווייזהייט איזט פֿאן מיר פֿערשטויסען, ווען איך וועל נאכט ווי טאג לערנען, וועל איך אויך דאנן ניכט קאָנען דיר דעריאָגען זיך פֿערגלייכען מיט דיר. נור ווי עס זיינען פֿאָראיבער איינינע צייטען אונד איך האב פֿלייסיג געלערנט האב איך געזעהען דאס קיין זאך קאן ניכט בעשטעהן געגען דען וויללען, דען יעדער קנאבע ווען ער וויל נור לערנען אונד וויסען, קאן ער זיין פֿאן די גראָסטע געלעהרטע, אבוואָהל גאָטט האט איהם ניכט בעשאָנקען מיט גוטע פֿאָהיגקייטען, דען איך האב עס פֿאן זיך זעלבסט געזעהען! אין אנפֿאנג איזט מיר זעהר שווער געוועזען דאס לערנען דיעזער שפּראכע אונד איך האב געטראכט, דאס איך וועל ניעמאלס קאָנען שרייבען אויף העברעאיש אייניגע סטראָפֿען (שורות, דְּלָתוֹת), אונד יעצט צו די פֿיעל פֿרייד פֿאן מיין הערצען, האבען פֿיעלע געזעהען מיינע געדאנקען אונד בריעף וועלכע איך שרייב אונד זיי ריהמען מיך! נור איך וועל ניכט רוהען אונד איך וועל ניכט זאגען „ביז אהער זאלסט דו קוממען אונד ניכט מעהר”, נור איך וועל שרייבען אונד לעזען אום איך זאלל ווערען איין געלעהרטער מענש אים פֿאללען זיין דעם וואָרטעס (כִּמְלֹא מוּבַן הַמִּלָּה), צו צייגען דאס פֿאן מיר זאלל מען זיך איין פרימער (מוּסָר) אפלערנען, דאס איין פֿלייסיגער מענש

קאָנן אללעס ערגרייכען (לְהַשִׂיג), ווי דער שפּריכוואָרט זאָגט דאס
.נור איין פלייסיגען מענשען קאָנן דאס גליק העלפען".
דיין פריינד...

67 § דְרַיסִיגְסְטֶער בְּרִיעף.

מיין טייערער פריינד! איך שטעל דיך פאָר (אין גערדאַנק), איך רוף דיך אָבוואָהל איך קענן דיך ניכט. — דיין בריעף האָב איך ערהאַלטען אונד איך האָב איהם געלעזען מיט פיעל פערגניגען, דען איך האָב איין געפינסט געפונען, אויף וועלכע איך האָב זיך קיין מאָל ניכט געריכט, דאס אין דער שטאָדט נ. וועלכע איזט וייט פאָן אונז די שטרעקע (גאַנג) פאָן נור איינינע מיילען, געפינט זיך איין פריינד מיינעס פאַטערס פאַמיליע אונד איך האָב ניכט געוואוסט! איך וועל דיר יעצט ניכט פאָרשטעללען די גרויסע פרייד פאָן מיין הערצען, ווען איך האָב זיך דערוואוסט דיעזע גוטע נאַכ־ריכט, דען איך רעכען עס פיר איבעריג אונד אָהן (לְלֹא) נוטצען; נור דיעזעס וועל איך פאָן דיר ביטטען, איין זאַך וועלכע ווערט זיין גוט פיר דיר אונד פיר מיר: אזוי ווי דו געפינסט זיך אין איין קליינער שטאָדט וועלכע איזט לעער פאָן קלוגע געבילדעטע לעהרער, וועלכע וייסען צו לערנען אונזער היילינע שפּראַכע נאָך די געזעטצע פאָן דער שפּראַכע, אונד איך געפין זיך אין איין גרויססער שטאָדט, דארום ראָטה איך דיר טריי, דו זאָלסט דיין פאָטער ביטטען ער זאָלל דיר לאָזען רייזען אין דער שטאָדט וואָ איך בעפינדע מיך. אונד מיר וועלען צוזאממען לערנען, דען .עס זיינען בעסער צוויי אלס איינער" האָט דער קלוגער קאָניג שלמה געזאָגט. — .אייזען דורך אייזען ווערט געשאַרפט (גע־שליפען), אונד איין פערשטאַנד ווערט געשאַרפט (יְשֻׁתּוּנַן) דורך דען אַנדערן פערשטאַנד". דיין פריינד וואס האלט דיך טהייער און־בעקאַנט...

§ 68

אֲמַהֵר לְהוֹדִיעֲךָ אֶת הַבְּשׂוֹרָה הַנְּעִימָה הַזֹּאת, לְמַעַן תִּשְׂמַח גַּם אַתָּה כָּמוֹנִי.	איך אייל זיך צו בענאַכריכטען דיר דיעזע ליעבליכע נאַכריכט, אום דו זאָלסט זיך פרייען ווי איך.
אֶתְפַּלֵּא עָלֶיךָ מַדּוּעַ תֵּשֵׁב בְּעִיר שְׁפָלָה כָּזֹאת?	איך וואונדער מיך אויף דיר, ווארום זיצסט דו אין זאָ איין פערוואָרפענע שטאָדט?
חֲזַק וֶאֱמַץ וֶהְיֵה לְאִישׁ.	שטאַרק זיך אונד זיי איין מענש.
אַל תִּדְאַג לָזֶה מְאוּמָה.	דו זאָלסט פאָן דעם גאַר ניכט זאָרגען.
קָשֶׁה (כָּבֵד) מִמֶּנִּי הַדָּבָר הַזֶּה.	די זאַך איזט מיר צו שווער.
הֵם פָּקְדוּ עָלָיו עֲוֹן אֲבוֹתָיו.	זיי האָבען איהם דערמאָנט די זינד פאָן זיינע עלטערן.
צַדִּיק מִצָּרָה נֶחֱלָץ וַיָּבֹא רָשָׁע תַּחְתָּיו.	דער גערעכטער ווערט פאָן דראַנג-זאַל (נויטה) בעפרייט, אונד אויף זיין שטעללע קומט דער שלעכטער.
אָנֹכִי אֵינֶנִּי אָשֵׁם בַּדָּבָר הַזֶּה.	איך בין אין דעם ניכט שולדיג.
הוּא נִפְתָּה לַעֲצָתוֹ.	ער איזט געוואָרען איבערגערעדט צו זיין ראַטה (ער האָט איהם געפאָלגט).
*טוֹבִיָּה חָטָא וְזִיגוּד מְנַגֵּד.	טוביה האָט געזינדיגט אונד זיגוד שלאָגט מען.
אָבוֹת יֹאכְלוּ בֹסֶר וְשִׁנֵּי בָנִים תִּקְהֶינָה.	די אָלטערן עססען אונרייפע פרוכט אונד די צאָהן פאָן די קינדער ווערען שטומפף (הייליג).

שְׁנֵי שׁוֹמְרִים הוֹשִׁיב בְּגַנּוֹ, עִוֵּר וּפִסֵּחַ.	צוויי וועכֿטער האָט ער אין זיין גאָרטען געזעצט, איין בּלינדען אונד איין הינקעדיגען.
פְּרִי נֶחְמָד לְמַרְאֶה וְטוֹב לְמַאֲכָל.	איין פֿרוכֿט וועלכֿע איזט ליעבּליך צו זעהען אונד גוט צו עססען.
הָאֱמֶת אַגִּיד לְךָ כִּי לֹא בַנְתָּ לְרֵעִי.	איך וועל דיר די וואַרהייט זאָגען דאָס דו האָסט ניכֿט פֿערשטאַנען מיינע געדאַנקען.
הַאַף אֵין זֹאת?	איזט דענן ניכֿט אזוי?
אָנֹכִי עָשִׂיתִי זֹאת לַמְרוֹת רְצוֹנִי.	איך האָבּ עס געטהון געגען מיין ווילען.
וַיָּסַר אוֹתָם מִמִּשְׁמַרְתָּם.	אונד ער האָט זיי אָפּגעזאָגט פֿאָן זייער שטעלע.
הוּא טָעָה בְּחֶשְׁבּוֹנוֹ.	ער האָט איין אירטהום געהאַט אין זיין רעכֿנונג.
הוּא הִשְׁחִית אֶת דַּרְכּוֹ עַל הָאָרֶץ.	ער האָט פֿערדאָרבּען זיין אויפֿפֿיהרונג אויף דער ערד.
כָּל עֹשֶׁר הוּא אֹשֶׁר אַךְ לֹא כָל עָשִׁיר מְאֻשָּׁר.	יעדער רייכֿטהום איזט איין גליק, נור ניכֿט יעדער רייכֿער איזט גליקליך.

§ 69 איין אוּנְד דְרַייסִיגְסְטֶער בְּרִיעף.

מיין פֿריינד! איך בין אויפֿגעזוכֿט געוואָרען צו וואָס דו האָסט פֿאָן מיר פֿערלאַנגט, איך בין געפֿונען געוואָרען צו וואָס דו האָסט מיר געבּעטען, אונד אויך נאָך איין אַנדערע זאַך וועל איך דיר בּענאַכֿריכֿטען, דאָס בּעפֿאָר דו האָסט מיך גערופֿען האָבּ איך דיעזעס געטראַכֿט אונד גערעכֿענט אונד איך בּין גרייט צו רייזען אין דער שטאָדט וואָ דו געפֿינסט זיך, צו לערנען פֿלייסיג

מיט דיר צוזאממען. נור איך מוז זיך נאך פערזאמען איינינע וואכען צו צוגרייטען מיר נייע קליידער אונד נאך פערשיעדענע זאכען וועלכע זיינען נאטהיג פיר דעם וואס קוממט אין איין גרויסער שטאדט צווישען אונבעקאנטע (זָרִים) מענשען. אונד ווען איך וועל אללעס צוגרייטען וועל איך גלייך צו דיר רייזען. אונד דיעזעס וועל איך דיר ביטטען: אזוי ווי די צייט איזט מיר זעהר טייער ניכט צו פערברענגען אין דומהייט אונד לעערע זאכען, דען איך האב שאן קיין לעהרער אויך ניכט, דארום ביטטע איך דיר, דו זאלסט מיר שרייבען אפט בריעף אונד איך וועל דיר אויך אנטווארטען מיט איין בריעף; איזט ווען איך וועל זאגאר קיין פארשריטטע ניכט מאכען, וועניגסטענס וועל איך ניכט פערגעסען דאס וואס איך וויים. דיין פריינד וואס ערווארטעט פאן דיר אין גיכען איין בריעף...

70 § צְוֵיי אוּנְד דְרַייסִיגְסְטֶער בְּרִיעף.

מיין טייערער פריינד! אין מיין מויל איז יעצט איין נאכריכט דיר צו בענאכריכטען, אונד איך אייל דיר צו וויסען געבען, אום דו זאלסט זיך אויך פרייען ווי איך. אין דריי טאג ארום וועל איך זיין אויף דעם וועג וועלכער געהט אין דער שטאדט וואו דו געפינסט זיך, צו שליססען מיט דיר איין בינדניס פאן ליעבשאפט אונד געזעלשאפט צוזאמען פלייסיג לערנען. נור איידער אונזער בונד איזט געגרינדעט געווארען (נוֹסְדָה אֲגֻדָּתֵנוּ), וועל איך מיט דיר אויסרעדען, דאס מיר זאללען פלייסיג לערנען אונד איבער אללע לערנונגען זאלל זיין דאס לערנען פאן אונזער היילינער, שאנער שפראכע, דען אהן דיעזער שפראכע וועלען מיר גאר ניכט וויסען אונזער געשיכטע פאן פערצייטיגע יאהרען, ווען עס האט אויף אונז געשיינט דאס ליכט פאן גליק, ווען מיר זיינען געזעסען אין אונזער לאנד אונד מיר האבען געהאט איין קאניג אונד פירשטען, אונד אללעס וואס איזט מיט אונז פערלאפען ביז יעצט, אונד ווען מיר וועלען ערווערבען דיעזע שפראכע, צו וויססען אללע איהרע וועגען אונד געזעטצע, דאמאלס וועלען

מיר ערקאָנען אונ וויססען אונזער פֿאָלק, אונד מיר וועלען וויססען וואַרום זיינען מיר פֿערשיעדען פֿאָן אללע פֿאָלקער.

דיין פֿריינד וואָס האָפֿט זיך זעהען מיט דיר אין גיבֿען...

§ 71

כַּאֲשֶׁר הָלַכְנוּ יַחְדָּו לְבֵית־הַסֵּפֶר כָּרַתְנוּ בְּרִית בֵּינֵינוּ.	ווען מיר זיינען צוזאַמען אין שולע געגאַנגען האָבען מיר צווישען זיך איין בינדניס געשלאָססען.
גַּם לָנוּ הָיְתָה לְפָנִים שָׂפָה חַיָּה וּמְדַבֶּרֶת.	מיר האָבען אויך געהאַט פֿאָר־ צייטען איין לעבענדע שפראַכֿע, אין וועלכע מען האָט געשפראָכען.
מַלֵּא נָא הַפַּעַם מִשְׁאֲלוֹת לֵב יְדִידֶךָ.	ערפֿיל דיזעס מאָל דען פֿערלאַנג (וואונש) פֿאָן דיין פֿריינדס הערץ.
עֲשֵׂה כַּאֲשֶׁר יְעַצְתִּיךָ.	טהו ווי איך האָב דיר געראַטהען.
שְׁמוּעָה טוֹבָה תְּדַשֶּׁן עָצֶם	איין גוטע נאַכֿריכֿט מאַכֿט פֿעטט (געזונד) דעם ביין (קנאָכֿען).
קְרִיָּנָא דְּאִגַּרְתָּא אִיהוּ לֶהֱוֵי פַּרְוַנְקָא.	דער לעזער פֿאָן דעם בריעף זאָלל זיין דער באָט (שליח).
עֲלוּבָה הִיא הָעִיסָה שֶׁנַּחְתּוֹמָהּ מֵעִיד עָלֶיהָ שֶׁהִיא רָעָה.	ווי פֿערשאָמט איזט די טייג אויף וועלכֿע דער באָקקער צייגט דאַס זי איזט שלעכֿט.
הַנֶּעֱלָבִים וְאֵינָם עוֹלְבִים.	זיי ווערען פֿערשאָמט אונד מאַכֿען ניכֿט פֿערשאָמען (דען צווייטען).
אִסְטְנִיס הוּא.	ער איזט איין קראָנקליכֿער (פֿער־ צערטעלטער).
הַכֹּל מוּכָן וּמְזֻמָּן לְפָנֵינוּ.	אַללעס איזט פֿאָר אונז גרייט.
תּוֹחַלְתִּי לֹא נִכְזָבָה.	מיין האָפֿפֿנונג איזט ניכֿט פֿאַלש געבֿליבען.

אִיעָצְךָ לְטוֹב לָךְ.	איך וועל דיר ראַטען צום גוטען.
לֹא אָשִׂים שֶׁקֶר בְּנַפְשִׁי לַעֲשׂוֹת לְךָ חֹנֶף.	איך וועל ניכט טהון קיין פֿאַלשקייט אונד שמייכלען (חנפֿנען) דיר
עוֹד תָּבוֹא עֵת לְחֶנְנָה.	עס וועט נאָך קומען איין צייט צו בעגנאָדיגען.
עֲשֵׂה נָא אַתָּה בְעַצְמְךָ כְּפִי עֲצָתְךָ אֵלַי.	טהו דו זעלבסט ווי דו האָסט מיר געראַטען.
הָרַס וְלֹא חָמַל אֶת מוֹסְדֵי בֵּית מִסְחָרֵנוּ.	ער האָט צערשטערט אָהן ערבאַרמונג די פֿונדאַמענטען פֿאָן אונזער געשעפֿט.
תּוֹחֶלֶת מִמַּחֲשָׁבָה אַךְ טוֹבָה בְּאַחֲרִיתָהּ.	איין לאַנגע האָפֿנונג נור מיט איין גוטער ענדע.
מִינֵיהּ וּבֵיהּ אַבָּא גֵּיזַל בֵּיהּ נַרְגָּא.	פֿאָן זעלבען וואַלד געהן אין דער האַקק. (דער וואַלד זעלבסט גיבט איין האַנד (טאָפּאָריסקע) פֿיר דער האַקק, וואָס האַקט די ביימער).
מְהָרְסַיִךְ וּמַחֲרִיבַיִךְ מִמֵּךְ יֵצֵאוּ *).	דיינע צערשטערער קוממען פֿאָן דיר זעלבסט אַרויס.
הוּא נָתַן רְשׁוּת (הַרְשָׁה).	ער האָט ערלויבט.
מַדּוּעַ חֲזַרְתָּ מִדְּבָרֶיךָ?	וואַרום האָסט דו חרטה געהאַט אויף דיינע וואָרטער?
לַחֲסִידָה חַרְטוֹם אָרוֹךְ.	דער שטאָרך (באָטשאַן) האָט איין לאַנגען שנאָבעל.
הוּא עוֹמֵד כְּעֶצֶם בִּגְרוֹנִי לֹא לִבְלוֹעַ וְלֹא לְהָקִיא.	ער שטעהט מיר ווי אַ ביין אין האַלז, ניכט אַראָפּשלינגען אונד ניכט אויסשפייען.

*) העתקתי כפי אשר ישתמשו במבטא הזה הסופרים החדשים, אך במקום בתנ"ך ענינו להיפך: „הם יצאו ממך לבלתי שוב עוד".

§ 72 דְרַיי אוּנְד דְרַייסִיגְסְטֶער בְּרִיעף.

מיין טייערער ברודער! מיר איזט וואונדערבאר ווארום זיצט אזוי לאנג אין דעם הויז פאן אונזער אנקעל, וואס דו האסט הין געררייזט אויף אייניגע טאג, דען עס זיינען דאך פאראיבער אייניגע וואכען אונד דו בענאכריכטעסט אונז ניכט ווען דו ווערסט קוממען; איך וויים ניכט וואס האלט דיך אויף דארט? אמת איך וויים, דאס דיר איזט אנגענעהם די געזעלשאפט פאן אונזער אנקעלס פאמיליע, דען זיי זיינען גוטהערציגע מענשען, אונד מיט אפפענע האנד האבען זיי דיך עמפפאנגען (אויפגענאמען) אונד אללע טאג זיינען נור ווי פייערטאג געקרייזט (יִנְקְפוּ). אבער ואלסט וויסען, מיין טייערער ברודער, דאס דו טהוסט ניכט רעכט. דו ווייסט דאך דאס דער סעזאן פאן אונזער וואארע (סחורה) קוממט גלייך אן, אונד דאס געשאפט פאן פאבריקאציאן וועט אויפלעבען אונד אללע האנד זיינען פול מיט ארבייט, צוגרייטען שטיקער צו פערקויפען אונד יעדעס געשאפט וואס האט מעהר מענשען איזט אלס בעססער (מְשֻׁבָּח) אונד ער פערדינט. דארום ביטטע איך דיך, פערלאז יעצט דיין פערגעניגען-פלאטץ, דען די צייט פאן ארבייט איזט געקוממען! אונד ווען עס וועט איבערגעהן די גראצקע צייט (טומעל) אונד די ארבייט ביי די קויפלייטע אונד פאבריקאנטען, ווערסט דו צוריק רייזען אויף א קורצער צייט צו אונזער אנקעל. נור קום אהער וואס צום גיכסטען, דען די צייט איזט קורץ אונד די ארבייט איזט פיעל.

דיין ברודער וואס ערווארטעט דיין קוממען...

§ 73 פִּיער אוּנְד דְרַייסִיגְסְטֶער בְּרִיעף.

מיין טייערער ברודער! היינט האב איך דיין בריעף ערהאל־טען אונד ווי גרוים איזט געוועזען מיין פרייד איבערצייגט ווערענ־דיג פאן דיין בריעף דאס, גאטט צו דאנקען, דיין צושטאנד איזט

יעצט בעסער ווי ביז יעצט, אונד דו געפאללסט (געפינסט גנאדע ביי) דיין ווירטה. געבע גאָטט עס זאָלל איממער אזוי זיין; נור שטאַרק זיך אונד זיי איין מענש. טהו אָפּ פאָן דיר די פוילהייט אונד דאָס לעדיגגעהן וועלכע זיינען די מוטטער פאָן אללע פערברעכען. איך ווייס ווירקליך דאַס דיר איזט שווער צו זיין אין איין פרעמדער שטאָדט אין וועלכער דו האָסט קיין פריינד ניכט, צווישען פרעמדע מענשען וועלכע דו האָסט זיי ניכט געקאָנט, נור דו זאָלסט זיך וועגען דעם ניכט בעזאָרגען, דען ווען דו וועסט זיין ארדענטליך (דו וועסט געהן אין דען גלייכען וועג) וועלען זיך מעהרען דיינע גוטע פריינד, דען: „דיינע טהאַטען (אויפפיהרונגען) וועלען דיך געגאָהנען, אונד דיינע טהאטען וועלען דיך ערווייטערען".— איך ווייס דאַס דיר איזט שווער דיזעס, דען דו ביסט נאָך ניכט געוועזען צווישען פרעמדע מענשען, נור זאָלסט וויסען דעם כלל „די וואָס זייען מיט טרעהרען שניידען מיט געזאנג".

דיין ברודער...

§ 74

לֹא יָדַעְתִּי אַף שֶׁמֶץ מִנְהוּ	איך ווייס גאָר ניכט דערפון.
זֶה יָמִים רַבִּים הִתְעוֹרֵר בְּקִרְבִּי הָרַעְיוֹן הַזֶּה.	שאָן איין לאַנגע צייט האָט זיך אין מיר ערוועקט דיעזער געדאנקען.
אַל תַּבֵּט אֶל מַרְאֵהוּ וְאֶל גְּבֹהַּ קוֹמָתוֹ.	קוק ניכט אויף זיין אויסזיכט אונד הויכען וואוקס.
לֹא לְמַרְאֵה עֵינַיִם נוּכַל לִשְׁפֹּט מַה טִּיבוֹ שֶׁל אָדָם.	ניכט לויט ווי די אויגען זעהען קאָננען מיר אורטהיילען די נאַטור (חאַראַקטער) פאָן איין מענשען.
כָּל אָח עָקוֹב יַעְקֹב.	יעדער ברודער דענקט אויף נאָכשטעללונג (אָפּנאַררען).

הַכָּרַת פָּנָיו תַּעֲנֶה בּוֹ
עַל יִשְׁרַת לִבּוֹ.

זיין אויסזיכט צייגט דאס ער האט
איין ארדענטליך הערץ.

הָאָדָם יִרְאֶה לַעֵינַיִם וַיְיָ
יִרְאֶה לַלֵּבָב.

דער מענש זעהט וואס פאר די
אויגען איזט, אונד גאטט זעהט דאס
הערץ.

שְׁמֹר דִּבְרֵי אֵלֶּה בִּלְבָבֶךָ.

היטע דיעזע ווארטער מיינע אין
דיין הערץ.

דַּי לְךָ כִּי הוֹצֵאתָ אֶת
צַוָּארְךָ מִפִּי בָרִיא וְשָׁלֵם.

גענוג פיר דיר וואס דו האסט
דיין האלז ארויסגענומען פאן מיין
מויל געזונד אונד גאנץ.

עַל הַבְּאֵר מוּטָל עֵץ אֲשֶׁר
בְּאֶמְצָעוֹ נָתוּן חֶבֶל, אֲשֶׁר
בִּשְׁנֵי רָאשָׁיו שְׁנֵי דְלָיִים
קְשׁוּרִים בּוֹ.

אויף דעם ברונען איזט איין האלץ,
וועלכער האט אין מיטען איין שטריק
וועלכער האט איןביידע ברעגעס
אנגעבונדען צוויי עמער.

הַזְּאֵב יָרַד בַּדְּלִי הָרִאשׁוֹן
וְהַשּׁוּעָל עָלָה בַּדְּלִי הַשֵּׁנִי

דער וואלף האט אראפגענידערט
אין ערשטען עמער אונד דער פוכס
איזט ארויף מיט דעם צווייטען עמער.

וַיָּשֶׁב אֶת עֲבָדָיו
הָרִאשׁוֹנִים עַל כַּנָּם
וּמִשְׁמַרְתָּם.

אונד ער האט צוריקגעקערט זיינע
ערשטע קנעכט אויף זייער שטעלע.

הָאֲנָשִׁים הָאֵלֶּה הֵם רָעִים
וְחַטָּאִים.

דיעזע מענשען זיינען שלעכטע
אונד זינדיגע.

מִקֹּלוֹת מַיִם רַבִּים,
אַדִּירִים מִשְׁבְּרֵי יָם,
אַדִּיר בַּמָּרוֹם יְיָ.

פאן דער שטיממע פאן פיעלע
וואססער, די שטארקע וועלען פאן
מעער, גאטט איזט שטארק אין
הימעל.

הֵם נָסַבּוּ עָלָיו וַיַּכֻּהוּ
מַכּוֹת נִמְרָצוֹת.

זיי האבען זיך אויף איהם פער-
זאממעלט אונד האבען איהן זעהר
געשלאגען.

אַבְרָהָם אָבִינוּ הָשְׁלַךְ אֶל כִּבְשַׁן הָאֵשׁ.	אונזער פֿאָטער אברהם איזט גע־וואָרפֿען געוואָרען אין קאַלך־אויבען.
הָאָדָם יָכֹל לְסַבֵּל אֶת הָרוּחַ.	דער מענש קאָנן פֿערטראָגען דעם ווינד.
מַיִם מְכַבִּים אֵשׁ.	וואססער לעשט פֿייער.
בֵּין הָרוֹעֶה וּבֵין הַזְּאֵב נִבְקַע הַשֶּׂה.	צווישען דעם הירט (פֿאַסטוך) אונד דעם וואָלף איזט צושפּאָלטען געוואָרען די שעפּס.
אֵין מַפְשִׁיטִין שְׁנֵי עוֹרוֹת מִשּׁוֹר אֶחָד.	מען ציהט ניכֿט פֿאָן איין אָכּס צוויי פֿעלל.

75 § פֿינף אונד דרייסיגסטער בריעף.

מיין טייערער פֿריינד! ווען מיר זיינען צוזאַמען אין שולע געגאַנגען האָבען מיר צווישען זיך איין בונד געשלאָססען, דאַס מיר זאָללען איינער דעם צווייטען בריעף שרייבען נור אין אונזער היילינער שפּראַכֿע אונד מיר זאָללען שטענדיג געדיינקען, דאַס מיר האָבען אויך געהאַט איין שפּראַכֿע מיט וועלכֿער מיר האָבען גערעדט ווען מיר זיינען אויף אונזער לאַנד געזעססען; אונד יעצט צו מיין בעדויערן זעה איך, דאַס דו היטטס ניכֿט דען אויסשפּרוך פֿאָן דיין מויל, דען דו האָסט מיר שאָן פֿיעל בריעף געשיקט אונד זאָגאַר איינעם האָסט דו ניכֿט געשריבען אויף העברעאיש. דו ווייסט דאָך, דאַס ביי מיר איזט טייערער איינינע וואָרטער אונד איין קורצער בריעף אין העברעאיש געשריבען, ווי איין גרויסער בריעף גע־שריבען פֿאָן אַללע זייטען אין איין אַנדער שפּראַכֿע, דען די אַללע שפּראַכֿען האָרען מיר אָפֿט צו הויזע, אין געזעלשאַפֿט אונד אויך זאָגאַר געהענדיג שפּאַצירען; אָבער אונזער העברעאישע שפּראַכֿע האָרען מיר פֿאָן אַנדערע ניכֿט, אונד ווען מיר וועלען איינער מיט דעם צווייטען אויך ניכֿט שפּרעכֿען, וואָס ווערט מיט דיעזער

שפראַכע זיין? דאַנן וועלען מיר דאָך די שפּראַכע אין גאַנצען פערגעסען! נעהם דיר אין זינען (שִׂים לְבָךְ) מיינע ריכטיגע ווערטער, אונד ערפילל דעם וואונש פאָן דיין פריינד...

§ 76 זעכס אונד דרייסיגסטער בריעף.

מיין פריינד! איך קום דיר נייעס בענאַכריכטען, נייעס וועלכע אונזער זעעלע גלוסט שאָן לאַנג דיעזעס. דיין פאָטער איזט היינט ביי אונז צו הויזע געוועזען דורכרייזענדיג דורך אונזער שטאָדט נאָך פראַנקרייך, אונד ער האָט געראַטען מיינעם פאָטער, ער זאָלל מיך שיקקען מיט דיר צוזאַמען לערנען אין פראַנקרייך. אָך מיין פריינד, יעצט האָב איך געזעהען אונד בין איבערצייגט געוואָרען, דאַס אונזער האָפפנונג איזט ניכט פאַלש געבליבען, אונזער האָפפנונג האָט זיך טאַקע לאַנג געצויגען אָבער מיט איין גוטער ענדע! יעצט ראָטה איך דיר, מיין פריינד, דו זאָלסט דערווייל פלייסיג לערנען פראַנצאָזיש אין דער קורצער צייט וואָס מיר וועלען זיך נאָך פערזאַמען ביי אונזערע עלטערן, אום מיר זאָללען קאָנען צזאַמען געהן אין איין קלאַסס אין דער שולע, דען עס וועט פאָראיבערגעהן איינינע מאָנאַטען ביז מיר וועלען זיך צוגרייטען צו דער רייזע; דען דיין פאָטער וועט נאָך דאָרט אויסזוכען איין גוטע שולע, וואו מיר זאָללען לערנען. שרייב מיר איין אנטוואָרט צו האָסט דו געטהון ווי איך האָב דיר געראַטהען.

דיין פריינד וואָס ערוואַרטעט אין גיכען צו בעקוממען פאָן דיר איין בריעף...

§ 77 זיבען אונד דרייסיגסטער בריעף.

מיין טייערער פריינד! דו ווייסט דאָך די ווערטער פאָן דעם קלוגען קעניג „איין גוטע נאַכריכט מאַכט פעט (געזונד) דעם ביין", דען די נאַכריכט וואָס דו האָסט מיר געלאָזט הערען (הִשְׁמַעְתַּנִי)

האָט מיר זעהר ערפֿרייט. אמת איך וועל נים זיין פֿאַלש אוּנ דיר שמייכלען (חנפֿנען) אוּנד זאָגען, דאַס נוּר דוּרך דיר איזט מיר מיין פֿרייד געקוּממען, דען איידער דוּ האָסט מיר נאָך דיין בריעף געשריבען, אוּנד איידער דוּ האָסט נאָך עטוואָס דערפֿוּן געוואוּסט איזט ביי מיר שאָן אַללעס גרייט געוועזען, דען איך נוּר איך האָב מיין פֿאָטער ווי אוּיך דיין פֿאָטער אוּיף דעם ערוועקט.— אוּנד וועגען דעם וואָס דוּ האָסט מיר געראַטהען, איך זאָלל יעצט פֿלייסיגער לערנען פֿראַנצאָזיש, קאָנן איך דיר זאָגען דעם פֿערציימיגען (הַקַדְמוֹנִי) שפּריכוואָרט „דער לעזער פֿאָן דעם בריעף זאָלל זיין דער באָט" (געשיקטער—שָׁלִיחַ). איך, וואָס דער געדאַנק צוּ רייזען נאָך פֿראַנקרייך האָט זיך אין מיר ערוועקט שאָן צוויי יאָהר, האָב זעהר פֿלייסיג פֿראַנצאָזיש געלערנט. אָבער מיט דיר איזט דאָך ניכט אזוי געוועזען. אָבוואָהל איך האָב דיר ערוועקט אוּנד איך האָב דיר אָפֿט געשריבען אַז איך האָף דאַס עס וועט קוּממען איין צייט צוּ בעגנאָדיגען, עס וועט קוּממען דער טאָג וואָס מיר וועלען נאָך פֿראַנקרייך רייזען, אָבער דוּ האָסט מיר ניכט געגלויבט, אוּנד דוּ האָסט עס גערעכענט פֿיר איין אוּנמאָגליכער זאַך! דערוויל האָסט דוּ ניכט געטהוּן ווי איך האָב דיר געשריבען. לערן דוּ יעצט פֿלייסיג אוּנד טהוּ ווי דוּ האָסט מיר געראַטהען.

דיין פֿריינד...

§ 78

אוֹי לַדּוֹר שֶׁהָעֲבָדִים חוֹשְׁבִים אֶת עַצְמָם לַאֲדוֹנִים.	וועה איז צוּ דער צייט (געשלעכט) וואָס די קנעכט רעכנען זיך זעלבסט פֿיר הררען.
וַיַּרְכִּיבֵהוּ עַל שִׁכְמוֹ.	אוּנד ער האָט איהם געמאַכט רייטען אוּיף זיינע שוּלטערן.
הַמֶּלֶךְ הוֹשִׁיב שׁוֹמְרִים אִלְּמִים לִשְׁמֹר אֶת הֵיכָלוֹ.	דער קאָניג האָט אריינגעזעצט שטוּממע וועכטער, צוּ היטען זיין טעמפעל.

וַתִּיטַב מִשְׁמַרְתָּם בְּעֵינֵיהֶם וַיָּבִיאוּ לוֹ אֶת תּוֹדָתָם בְּאוֹתוֹת.

אונד זייער שטעלע איזט זיי געפאַלען געוועזען אונד זיי האַבען איהם זייער דאַנק אויסגערעדעט מיט צייכען.

צַר לִי פֹּה הַמָּקוֹם. (הַמָּקוֹם לֹא יַכִּירֵנִי פֹה).

מיר איזט דאַ ענג (איך קאָנן דאַ ניכט זיין).

וַיָּכֶן אֶת סְעוּדָתוֹ עִמָּהֶם.

אונד ער האַט צוגעגרייט זיין שפּייזע מיט זיי.

כַּאֲשֶׁר בָּא בַּעַל הַגַּן לֶאֱסֹף אֶת הַפֵּירוֹת, רָאָה וְהִנֵּה נִפְקַד הַפְּרִי הַיָּקָר.

ווי דער גאָרטנער איזט געקוממען צו איינזאַמלען די פרוכט, האַט ער געזעהען דאַס די טהייער עפרוכט פעהלט.

לָמִי אַתָּה עָמֵל?

פיר וועמען בעמיהסט דו דיך?

וַיָּקָץ בְּחַיָּיו.

אונד ער האַט זיין לעבען פעראַכטעט.

עֵץ חָרוּב.

איין פייגען־בוים.

וַתַּעַל סְבִיבוֹ שֵׁן סֶלַע וַתְּכַסֵּהוּ מֵעֵין רוֹאִים.

איזט אַרום אַרום איהם איין פעלזען־שפּיץ אונד האַט איהם פערדעקט פאַן איין זעהענדיג אויג.

וַיִּתְחַבֵּא בִּמְקוֹם חֹשֶׁךְ לְבַל תְּשׁוּרֶנּוּ עָיִן.

אונד ער האַט זיך פערשטעקט אין איין פינסטערן אָרט, דאַס קיין אויג זאָלל איהם ניכט זעהען.

יַד הַמִּקְרֶה הָיְתָה עָלַי לְטוֹב.

דער צופאַלל (טרעפונג, סלוצאי) איזט מיר געוועזען צו גוטען.

וְלֹא יֶחֱרַךְ עוֹד רְמִיָּה צֵידוֹ.

דער בעטרוג וועט שאָן זיין פאַנג ניכט ברעננען (עס וועט זיין פאַנג ביי איהם ניכט בלייבען).

קָצְרוּ שְׂפָתַי מֵהַבִּיעַ לְךָ שִׂמְחָתִי כָּמוֹ.

מיינע ליפּפען זיינען קורץ (ניכט אין שטאַנד) צו אויסרעדען דיר מיין פרייד ריכטיג.

*בְּאַתְרָא דְּלֵיעוּל יַרְקָא, לֵיעוּל בִּשְׂרָא דְּתוֹרָא.

אין דעם אָרט וואָס געהט אריין גרינס (גראָז), קאָנן בעססער אַריין אָקסען פֿלייש (אָנשטאָט וואָס מען פֿערברייננט די צייט אויף פוסטע זאַכען, קאָנן מען זי בענוטצען אויף נוטצבאַרע).

הוֹן וָעֹשֶׁר תַּעֲשֶׂה בְּתַחְבֻּלוֹת חָכְמָה, וְחָכְמָה לֹא תִקְנֶה בְּהוֹן עָתָק.

פֿערמאָגען אונד רייכטהום וועסט דו בעקוממען דורך וויזהייט (קלוגשאַפֿט) אָבער וויזהייט וועסט דו ניכט קויפֿען מיט פֿערמאָגען (רייכטהום).

חָכְמָה כִּי תַעֲזֹב יוֹם, יוֹמַיִם תַּעַזְבֶךָּ, וּבְיוֹם עָמְדְךָ מִלֶּכֶת בָּהּ נְסוֹגוֹתָ אָחוֹר.

די וויזהייט ווען דו וועסט אָפּלאָזען איין טאָג (ניכט לערנען), וועט זי דיך אויף צוויי טאָג פֿערלאָזען, אונד ווען דו געהסט ניט פֿאָרוואָרטס געהסט דו צוריק.

~~~~~~~~~~

79 § יב. דֶער פוּכְּס אוּנְד דֶער וָואלְף.

דער וואָלף האָט זיך געלאָזט אָנרעדען פֿון דעם ראַטה (נִפְתֶּה לְעֵצַת) פֿאָן פוּכּס, צו קוממען אין הויף פֿאָן די יודען פֿרייטאָג, צו צוגרייטען מיט זיי שפייז אויף שבת, ער וואָלל אויך קאָננען עססען מיט זיי שבת. ווי דער אומגעבעטענער (לֹא קָרוּא) גאַסט האָט זיך געוויזען אין דער שטראַססע, האָבען זיך אללע אויף איהם פֿערזאַמעלט אונד האָבען איהם גוט געשלאָגען אונד האָבען איהן אַרויסגעטריבען. איז דער וואָלף געוואָרען פֿולל צאָרען אויף דעם פוּכּס וואָס האָט איהם גענאַררט אונד ער האָט איהם געוואָלט טוידטען; האָט איהם דער פוּכּס געאָנטפֿערט: איך בין אין דעם גאָר ניכט שולדיג, דען מען האָט אויף דיר אויסגעלאָזט דעם צאָרען פֿאָן דיין פֿאָטער, וואָס איז איין מאָל געקוממען זיי
~~~~~~~~~~

העלפֿען צוגרייטען שפּייז אויף שבת, האָט ער אַללע שפּייז אויפֿגעגעסען. פֿראָגט דער וואָלף: צו ליעב מיין פֿאָטערס זינד שטראָפֿט מען מיך? זאָגט דער פֿוכס: אַזוי איזט געשריבען „די אָלטערן עססען אונרייפֿע פֿרוכֿט אונ די צאָהן פֿון די קינדער ווערען שטומפּף (הייליג)״.

קום מיט מיר, זאָגט וויעדער דער פֿוכס, וועל איך דיר וויזען איין אַנדער אָרט צו עססען זאַטט (לְשֹׂבַע), אונד זוי זיינעןביידע צוזאַממען געגאַנגען צו איין ברונען. אויף דעם ברונען איזט געלעגען איין לאַנגער האָלץ אונד אין מיטען איזט געוועזען איין שטריק, וועלכֿער האָט געהאַט אין ביידע ברעגען אַנגעבונדען עמער. איז דער פֿוכס אריין אין איין עמער אונד האָט אַראָפּגעניעדערט אונטען, אונד דער צווייטער עמער איזט ארויף אין דער הויך. פֿרעגט איהם דער וואָלף: וואָס טהוסט דו דאָרט? האָט דער פֿוכס דעם וואָלף געוויזען דען מאָנד (לְבָנָה) אונד זאָגט צו איהם: איך עסס קאָז אונד פֿלייש. פֿרעגט וויעדער דער וואָלף: ווי קאָנן איך דאָרט אַראָבניעדערן? זאָגט איהם דער פֿוכס: דו געה אריין אין עמער אוּנד איך וועל דיר העלפֿען. איז דער וואָלף אריין אין עמער אונד האָט זיך אַראָפּגעלאָזען אונטען, אונד דער פֿוכס איז ארויף אויבען. אוועקגעהענדיג פֿאָן דאָרט זאָגט דער פֿוכס צו דעם וואָלף: „דער פֿרומער (עהרליכֿער) ווערט געראַטעט פֿאָן נויטה אונד דער שלעכֿטער קוממט אויף זיין אָרט״.

---

§ 80

לֹא אוּכַל לְכַלֵּא בְקִרְבִּי אֶת רִגְשֵׁי לִבִּי.	איך קאָנן אין זיך ניכֿט איינהאַלטען די אויפֿרעגונג פֿון מיין הערצען.
כָּל מַחְסוֹרַי עָלָיו.	אַללעס וואָס פֿעהלט מיר איזט אויף איהם (ער גיט מיר אַללעס וואָס מיר פֿעהלט).
נִתְפַּשׂ הַגַּנָּב בְּמַחְתֶּרֶת.	אונד דער דיעב איזט געהאַפּט געוואָרען אין זיין איינברוך (אריינגגבענדיג זיך).

וַיַּעֲמֹד לוֹטָה בְּאַדַּרְתּוֹ
בְּפִנַּת הֶחָצֵר.

אונד ער איז געשטאַנען פערהילט אין זיין קלייד (מאַנטעל) אין ווינקעל פאָן הויף.

וְהֵם לֹא הֶאֱמִינוּ בִּדְבָרָיו
וַיִּשְׂחֲקוּ עָלָיו.

אונד זיי האָבען איהם ניכט געגלויבט אונד האָבען פאָן איהם געלאַכט.

וַיִּקָּחֵהוּ אֱלֹהִים לֵאוֹר
בְּאוֹר הַחַיִּים.

אונד גאָטט האָט איהן גענוממען צו לייכטען אין לעבענס־ליכט.

לְקוֹל צַעֲקָתוֹ חָרְדוּ וְלֹא
יָכְלוּ לָמוּשׁ מִמְּקוֹמָם.

פאָן זיין געשריי זיינען זיי אויפגעציטטערט (דערשראָקען) געוואָרען אונד האָבען זיך פאָן אָרט ניכט געקאָנט ריהרען.

אָנָה פָּנֶיךָ מוּעָדוֹת?

וואָהין איזט זיין געזיכט גרייט? (וואָהין געהסט דו?)

הוּא עָשָׂה אֶת מְלַאכְתּוֹ
רְמִיָּה וַיַּצִּיגֵנִי כִּכְלִי רֵיק.

ער האָט זיין ווערק (אַרבייט) געטהון מיט בעטרוג, אונד האָט מיך געשטעלט לעער.

וָאֵרֶא לְתִמְהוֹן לְבָבִי.

אונד איך האָב געזעהן צו די פערוואונדערונג פאָן מיין הערצען.

*אַרְבָּעָה דַיָּנֵי הָיוּ
בִּסְדוֹם: שַׁקְרָאֵי
וְשַׁקְרוּרָאֵי, זַיְפֵי וּמַצְלֵי
דִינָא. (אַרְבָּעָה דַיָּנִים
הָיוּ בִסְדוֹם: דוֹבְרֵי שֶׁקֶר,
חוֹמְדֵי לָצוֹן, מְזַיְּפִים
(נוֹכְלִים) וּמַטֵּי־מִשְׁפָּט).

פיער ריכטער זיינען געוועזען אין סדום: פאַלשער, בעטריגער (אָפּלאַכער), ליגנער אונד רעכט־פערבייגער.

וַיִּמְרְחוּ אוֹתָהּ בִּדְבַשׁ
וַיַּנִּיחוּהָ בֵּין הַדְּבוֹרִים.

אונד זיי האָבען זי אָנגעשמירט מיט האָניג אונד געלעגט צווישען בינגען.

וַיִּדַּר נֶדֶר, כִּי לֹא יִישַׁן כָּל הַלָּיְלָה.	אונד ער האָט איין נדר געטהון ער זאָל די גאַנצע נאַכט ניכט שלאָפֿען.
הַחֻקִּים וְהַמִּשְׁפָּטִים הָאֵלֶּה הֵם לְפִי חֻקֵּי הַצֶּדֶק וְהַיֹּשֶׁר.	דיעזע געזעטצע אונד געריכטע זיינען לויט די געזעטצע פֿאָן גע־רעכטיגקייט אונד רעדליכקייט.
וַיִּקֶר מִקְרֵהוּ.	אונד עס האָט איהם געטראָפֿען (עס האט זיך איהם געמאַכט).
אֵרֲדָה נָּא וְאֶרְאֶה הַכְּצַעֲקָתָהּ הַבָּאָה אֵלַי עָשׂוּ, כָּלָה.	איך וועל זעהן אויב עס איזט ווירק־ליך ווי איהר געשריי וואָס איזט פֿאַר מיר געקוממען, וועל איך פֿערניכטען.

81 § יג. דֶער בְּלִינְדֶער אוּנְד דֶער הִינְקֶעדִיגֶער.

איין רייכער מאַן האָט געהאַט איין גאָרטען מיט זעהר טייערע פֿרוכט, האָט ער ארייננעזעצט צוויי היטטער, צו היטטען דעם גאָרטען, איין בלינדען אונד איין הינקעדיגען. אַמאָל זאָגט דער הינקעדיגער צו דעם בלינדען: איך זעה אין גאָרטען זעהר גוטע פֿרוכט, ליעבליך (נֶחְמָד) צו זעהען אונד גוט צו עססען. מאַך מיר רייטען אויף דיינע שולטערן (אַכסלען), איך וועל עס נעהמען אונד מיר וועלען צוזאַממען עססען. דער בלינדער האָט איהם גע־פֿאָלגט אונד האָט געטהון ווי ער האָט איהם געזאָגט; אונד זיי האָבען די פֿרוכט צוזאַממען געגעססען. אין איין צייט ארום איזט דער ווירטה געקוממען אויפֿקלייבען די פֿרוכט פֿאָן זיין גאָרטען, האָט ער דערזעהן, דאַס עס פֿעהלט די בעסטע פֿרוכט. האָט ער געפֿרעגט זיינע וואָכטער. זאָגט דער בלינדער: האָב איך דענן אויגען צו זעהען? דער הינקעדיגער זאָגט: האָב איך דענן פֿיסס צו געהען? האָט דער גאָרטנער געמאַכט רייטען דעם הינקעדיגען אויף דעם בלינדען אונד האָט זיי צוזאַממען גערייכטעט, זאָגענדיג:

„איין בלינדער אונד איין הינקעדיגער ווען זיי בעהעפטען זיך צו־זאממען (יִתְחַבְּרוּ) וועללען זיי קוממען אין דעם אָרט פאָן זייער וואונש"...

§ 82 יד. דער מַבּוּל.

איין קאָניג האָט געבויט איין גרויסען פאַלאַץ אונד האָט אין איהם געזעצט שטומע וועכטער איהם צו היטטען. די וועכטער זיינען געוועזען זעהר צופרידען מיט זייער שטעללע, אונד זיי האָבען איהם געצייגט (אויסגערעדט) זייער דאַנקבאַרקייט מיט צייכען; דאַנן האָט דער קאָניג געטראַכט: ווי וואָלטען מיר שאָן מענשען, וואָס קאָנען רעדען, געדאַנקט מיט זייער מויל! האָט ער די שטומע וועכטער פאָן זייער שטעללע אָפּגעשאַפט (הֵסִיר), אונד האָט אויף זייער אָרט רעדענדע וועכטער געזעצט. אין איינינע צייטען אַרום האָט דער קאָניג געזעהן דאָס ער האָט איין אירטהום געהאַט אין זיין רעכנונג, דען די וועכטער האָבען זיך גערעכענט פיר ווירטען אונד ה...ן איהם גאָר ניכט געפאָלגט אונד האָבען איהם געצייגט אונדאַנקבאַרקייט (אי־תּוֹדָה). דאַנן האָט דער קאָניג געזאָגט: איך וועל צוריקקעהרען מיינע טרייע שטומע וועכטער אויף זייער שטעלע...

אזוי איזט געוועזען ביי דער וועלטבעשאַפונג. אַללעס איזט געוועזען פולל מיט וואַססער, אונד די שטומע וואַססער האָבען גאָטט געלויבט, ווי עס איזט געשריבען: „פאָן דער שטיממע פאָן פיעלע וואַססער, די שטאַרקע וועללען פאָן מעער, גאָטט איזט שטאַרק אין דער הויך!"; זיי האָבען צו וויסען געגעבען, דאָס גאָטט איזט שטאַרק אין הימעל. האָט גאָטט געזאָגט: ווען די וואַססער וואָס האָבען ניכט קיין מויל לויבען אזוי גאָטט, ווי וואָלטען שאָן לויבען גאָטט, מענשען מיט מיילער! אונד ער האָט בעשאַפען דעם מענשען. אָבער די מענשען זיינען געוואָרען זינדיג אונד האָבען פערדאָרבען זייער אויפפיהרונג אויף דער ערד. האָט גאָטט געזאָגט:

זאָל שאָן זיין ווי פֿריהער איזט געוועזען . אונד ער האָט געבראַכט די וואַססער־פֿערפֿלייצונג אויף דער ערד...

§ 83

שָׁפַכְתִּי לְפָנָיו אֶת תְּחִנָּתִי וּבַקָּשָׁתִי , כִּי יְקַבְּלֵנִי בְּבֵית סֵפֶר הָרַבָּנִים .

איך האָב פֿערגאָססען מיין געבעט פֿאַר איהם ער זאָלל מיך אין ראַבינער־שולע צונעהמען .

חָפֵץ אַתָּה לְהַעֲלוֹת פִּילָא בְּקוּפָּא דְמַחְטָא .

דו ווילסט אריינטהון איין עלפֿאַנט אין איין לאָך (אָהר) פֿאָן איין נאָדעל (דו זאָגסט (טהוסט) אונמאָגליכעס) .

חֶפְצִי צָלַח בְּיָדִי אַחֲרֵי עֲמָלִי הָרַב .

מיין וואונש האָט זיך מיר איינגעגעבען נאָך פֿיעל מיה .

הוּא הֵקִים עָלַי רָעָה גְדוֹלָה .

ער האָט אויף מיר זעהר איין גרויס שלעכטס אויפֿגעשטעלט (ער האָט מיר שלעכטס געטהון) .

מֶרְכָּבָה מְרַקָּדָה תְּחַכֶּה לְךָ .

איין דראָזשקע וועט אויף דיר וואַרטען .

הוּא הִתְחַבֵּר אֶל אַנְשֵׁי בְלִיַּעַל וַיְהִי עִמָּהֶם לַאֲגֻדָּה אֶחָת :

ער האָט זיך געזעלנט מיט נידער־טראָכטיגע מענשען אונד איזט מיט זיי געוואָרען איין קאָמפּאַניע .

אַל תִּבְטַח בְּבֶן אָדָם בְּטֶרֶם בָּחַנְתָּ אוֹתוֹ בְּעֵת צָרָה , אִם אָח לְצָרָה הוּא .

דו זאָלסט דיך ניט פֿערזיכערן אויף אַיין מענשען בעפֿאָר דו האָסט איהם אין אַ נויטה געפּראָבירט אויב ער איזט אַיין ברודער אין דער נויטה .

הֵם אֵינָם מַכְשָׁרִים לַעֲשׂוֹת רָע .

זיי זיינען ניכט פֿאָהיג צו טהון שלעכטס .

הַמִּקְרֶה הַזֶּה יִהְיֶה לָּנוּ לְאוֹת נֶאֱמָן.	דיעזער צופאלל ווערט אונז זיין איין ריכטיגער צייכען.
אֶת בְּנוֹ גֵּרַשׁ מֵעַל פָּנָיו.	זיין זוהן האט ער פאן זיך פערטריבען.
אַתֶּם בְּעַצְמְכֶם הֲקִימוֹתֶם עֲלֵיכֶם רָעָה בְּבֵיתְכֶם.	איהר זעלבסט האט אויף זיך אויפגעשטעלט שלעכטס אין אייער הויז.
שְׂפַת חֲלָקוֹת לָהֶם וְנִיבָם נָעִים.	זיי האבען גלאטטע ליפפען אונד זייער שפראכען איז ליעבליך.
הוּא חוֹרֵשׁ עָלֶיךָ רָעָה.	ער טראכט אויף דיר שלעכטס.
אֵין דָּבָר אֲשֶׁר יִקָּשֶׁה מִמֶּנִּי.	עס איזט ניכט דא קיין זאך וואס זאלל מיר שווער זיין.
הוּא פּוֹסֵחַ עַל שְׁתֵּי הַסְּעִפִּים.	ער שפרינגט אויף צוויי שוועלען (ער צווייפעלט).
כְּבִכּוּרָה בְּטֶרֶם קַיִץ יְבַלְּעֶנָּה.	ער פערשלינגט זי ווי רייפע (צייטיגע) פרוכט פאר דער רייפצייט.
אָנֹכִי הֵבֵאתִי הַכֹּל עַל מְקוֹמוֹ בְּשָׁלוֹם.	איך האב אללעס אין ארדענונג געבראכט.
לוּ נִתְּנוּ לֶחָתוּל כְּנָפַיִם, אָז תַּמּוּ כָּל עוֹף הַשָּׁמָיִם.	ווען די קאטץ וואלט פליגעל האבען, דאנן וואלט קיין פויגעל געבליבען.

84 § טו. סְדוֹם אוּנְד עֲמוֹרָה.

אין די שטאדט סדום אונד עמורה איזט געוועזען געזעטצע אונד געריכטע, וועלכע זיינען ניכט געוועזען לויט די גערעכטיגקייט אונד ארענטליכקייט, נור זינד אונד בעטרוג. ווען איינער האט איין קוה געהאט האט ער געמוזט ווידען (פאשען) אללע פיה

פאָן שטאָרט איין טאָג, אונד דער וואָס האָט קיינע געהאַט האָט געמוזט צוויי טאָג פאַשען די סטאַדע (עֵדֶר). איין מאָל איזט געפאַללען דער לאָאָז (גוֹרָל) אויף איין וויטוועס זוהן, וועלכע האָט גאָר קיין פיה ניט געהאַט אונד ער האָט געדאַרפט ווידען צוויי טאָג. אָבער ער האָט זיי בעצאָהלט ווי זייער שלעכטס; ער האָט געשאָכטען אללע פיה אונד האָט אַלעמען גערופען אויף דעם מאָהלצייט אונד האָט געזאָגט: דער וואָס האָט איין קוה וועט בעקוממען איין טהייל, אונד דער וואָס האָט גאָר ניכטס—צוויי טהייל, איך טהו ווי אייער געזעטץ איזט...

אין סדום איזט געוועזען פיער ריכטער: פאַלשער, בעטריגער (אָפּלאַבער), ליגנער אונד רעכט=פערביעגער. ווען איינער האָט אָפגעשניטטען די אויערן פאָן זיין נאַכבאַרס עזעל האָט דער ריכטער געריכטעט, דאַס דער עזעל זאָל זיין ביי דעם אָפשניידער ביז די אויערן וועלען אויף איהם אָפוואַקסען אונד דערווייל קאָנן ער מיט דעם עזעל אַרבייטען זיין אַרבייט. זיי האָבען געהאַט איין בעטט פיר גאָסט; ווען דער גאַסט איזט געוועזען לאָנגער ווי די בעטט, האָט מען איהם אויסגעצויגען גלייך מיט דער בעטט. איין מאָל איזט אליעזר אברהם׳ס קנעכט געוועזען אין סדום, האָט זיך איהם געטראָפען דאַס ער האָט זיך מיט איינעם געקריגט אונד יענער האָט איהם געשלאָגען ביז ער האָט אליעזר׳ן געבלוטיגט. זיינען זיי געגאַנגען צו דעם ריכטער, אונד ער האָט געריכטעט דאַס אליעזר זאָלל דעם שלאָגער בעצאָהלען. אליעזר ניכט טראַכטענדיג לאַנג, האָט גלייך איין קלאַפּ געגעבען דעם ריכטער אין קאָפף, דאַס בלוט האָט געפלייצט (זָב) פאָן זיין קאָפף אונד ער האָט געזאָגט: דאַס געלט וואָס דו דאַרפסט מיר געבען פיר דעם וואָס איך האָב דיך געשלאָגען, גיב מיינעם שלאָגער— אונד ער איזט אַוועקגעגאַנגען. אליעזר׳ן האָט מען אויך געוואָלט אריינלעגען אין בעטט אונד טהון ווי זיי טהוען אללע געסט, נור אליעזר האָט זיי געזאָגט: דאַס צייט זיין מוטטער איזט געשטאָרבען האָט ער איין נדר געטהון, ער זאָלל אין איין בעטט ניכט שלאָפען.—איין ארימען האָבען זיי קיין ברויט געגעבען, נו יעדערער

האָט איהם געגעבען איין מינץ אויף וועלכען זיין נאָמען איזט געוועזען אויסגעקריצט (חָרוּת); אונד וויל קיינער האָט איהם קיין שפייז פערקויפט איזט ער פאָן הונגער געשטאָרבען, אונד יעדערער איזט געקוממען אונד האָט צוגענוממען זיין מינץ. איין מעדכען האָט דאָרט אַמאָל איין גרויסע זינד געטהון, זי האָט זיך ערבאַרעמט אויף איין אָרמען, אונ ווען זי פלעגט געהן נאָך וואַססער האָט זי אין קרוג פיר איהם איין שטיקעל ברוידט געטראָגען. ווען מען האָט זיך דערוואוסט פאָן דעם פערברעך האָבען זיי איהר אויסגעטהון נאַקעט ווי זי איזט געוואָרען געבאָרען אונד האָבען זי בעשמיערט מיט האָניג אונד געלייגט צווישען בינגען. דאַנן האָט גאָטט געזאָגט: „איך וועל געהן זעהען אויב ווי איהר געשריי (פאָן דעם מעדכען) וואָס איזט פאָר מיר געקוממען, האָבען זיי געטהון, וועל איך זיי פערדאַרבען"; אונד ער האָט אויף זיי געשיקט פייער אונד שוועבעל (גָּפְרִית)...

§ 85

אוֹדִיעֲךָ חֲדָשׁוֹת אֲשֶׁר בָּמוֹה תִתְעַנֵּג עֲלֵיהֶם.

איך בענאַכריכטע דיר נייעס פאָן וועלכע דו ווערסט געוויס פערגניגען האָבען.

מִבְּלִי מֵשִׂים פְּסַחְתִּי עַל בֵּיתוֹ.

ניכט מערקענדיג האָב איך איבער־געהיפערט זיין הויז.

כָּל מוֹרַי יְהַלְלוּנִי וַיְנַבְּאוּ לִי עֲתִידוֹת טוֹבוֹת, כִּי לִגְדוֹלוֹת נוֹצַרְתִּי.

אַללע מיינע לעהרער ריהמען מיך אונד זאָגען אויף מיר גוטע צוקונפט, דאָס איך בין בעשאַפען צו גרויסקייט.

בַּעַל כִּשְׁרוֹן נִפְלָא אַתָּה.

דו האָסט וואונדערבאַרע פאָהיג־קייט.

אנכי השכלתי לענות למורי בית הספר על כל שאלותיהם, דבר דבר על אפניו.	איך האב גוט געאנטפערט די לעהרער פאן דער שולע אויף אללע זייערע פראגען, יעדע זאך ריכטיג.
אחיש ולא אתמהמה להודיעך חדשות ונצרות	איך איל ניכט געזוימט צו בע־נאכריכטען דיר נייעס אונד פערבאר־גענעס.
מה נעמה לי ידידותך.	ווי אנגענעהם איזט מיר דיין פריינדליכקייט.
חמודות אתה לי, ידידי.	דו ביסט מיר ליעבליך (געלוסטיג) מיין פריינד.
אנכי ואחות מרעי הלכנו לרחץ בנהר.	איך מיט [illegible] מיינע געזעלען (קאמעראדען) זיינען זיך געגאנגען באדען אין טייך.
בלי כל סבה נכונה.	אהן איין ריכטיגע אורזאכע.
אל תמנע את טובך ממני בהיות לאל ידך לעשות.	פערמייד פאן מיר דיין גוטעס ניכט, ווען דו קאנסט עס טהון.
לא יעשה כן.	מען טהוט ניכט אזוי.
עמדתי למבחן ויצאתי מכתר בתאר נער בעל כשרון נפלא.	איך בין צום עקזאמען געשטאנען אונד בין ארויס בעקרוינט מיט דעם נאמען: איין וואונדערבארער פעהיגער קנאבע.
הכינותי את עצמי למחלקה השלישית.	איך האב זיך פערפערטיגט צו דער דריטטער קלאססע.
תהלתך נודעה בשערים.	דיין רוהם (לויב) איזט בעוואוסט.

הֶעֱבַרְתִּי בְּרַעְיוֹנַי אֶת כָּל הַמִּקְרִים אֲשֶׁר קָרוּנִי בַּיָּמִים הָאַחֲרוֹנִים הָאֵלֶּה.	איך האָב אין מיין געדאַנקען דורכ־ געפֿיהרט אַללעס וואָס מיט מיר האָט זיך געטראָפֿען אין די לעצטע טאָג.
רוֹדֵף אַחַר שְׁנֵי שׁוּעָלִים כְּאֶחָד לֹא יַשִּׂיג גַּם הָאֶחָד.	דער וואָס יאָגט צוויי פֿוקסען צו־ זאַמען ווערט איינעם אויך ניכט חאַפּען.
*נָאֶה דוֹרֵשׁ וְאֵין נָאֶה מְקַיֵּם.	ער רעדט גוט אָבער ער אַליי ערפֿיללט ניכט גוט.
*עוֹלָם כְּמִנְהָגוֹ נוֹהֵג.	די וועלט געהט זיך מיט איהר שטייגער.
* *פּוּק חֲזִי מָה עַמָּא דָבָר.	געה זעה ווי די וועלט פֿיהרט זיך.
*לְפוּם גַּמְלָא שִׁיחְנָא.	נאָך דעם קאַמעל איזט די לאַסט (לאַדונג).

~~~~~~~~

§ 86 אַכְט אוּנְד דְרַייסִיגְסְטֶער בְּרִיעף.

מיין טייערער פֿריינד! די אויפֿרעגונג פֿאָן מיין הערצען קאָנן איך ניכט אין זיך איינהאַלטען, אָהנע זי אויסגיססען (אויס־רעדען) פֿאָר דיר, מיין טרייער פֿריינד! געווים האָסט דו געהאָרט פֿאָן דעם אונגליק וואָס אונז האָט געטראָפֿען, דאָס דער מענש וואָס האָט אונזער ברוידט געגעססען אונד אונזער וואַססער גע־טרונקען, אונד וואָס איהם האָט געפֿעהלט האָבען מיר איהם געגעבען (וְכָל מַחְסוֹרָיו עָלֵינוּ), האָט אויף אונז אַ גרויס שלעכטס אויפֿגע־שטעלט, אונד האָט צערשטערט אָהן ערבאַרמען אַללע פֿונדאַ־מענטען פֿאָן אונזער געשאָפֿט, דען ער האָט זיך בעפֿריינדעט (אָרַח לְחֶבְרָה) מיט ניעדערטראָכטיגע מענשען, אונד ער איזט מיט זיי געוואָרען איין קאָמפּאַניע (געזעללשאַפֿט) צו שטילע[n] שטיקער טוך (חֲתִיכוֹת צֶמֶר), זיידען אונד נאָך פֿערשיעדענע טייער[e] אַרטיקלען (חֲפָצִים) אונד ווער וויים ביז וואַנען ער וואָלט דיעז[e]
~~~~~~~~

שלעכטס געטהון אונד ער וואלט אונז בלויז געלאזען, ווען דער צופאלל וואלט זיך אויף אונז ניכט ערבארעמט צו ענטדעקען זיינע פערבארגענעש (מצפוניו) אונד דער בעטרוג וועט ניכט בע-גליקען. אזוי איזט די געשיכטע געוועזען:

אמאל אויף דער נאכט געהט מיין פאטער ארויס פאן הויז אין מיטען דער נאכט, האט ער דערזעהען דאס אין הויף וואו אונזער הויז איזט, שטעהט אין איין ווינקעל איין אונבעקאנטער מענש פערוויקעלט (פערהילט) אין איין גרויסען מאנטעל; האט מיין פאטער פערשטאנען דאס עס איזט אין דעם איין בעטרוג, האט ער, מיין פאטער, זיך פערשטעקט אין איין טונקעלען (פינסטערן) ארט, ער זאלל קאנען זעהען אונד איהם זאל קיין אויג ניכט זעהען; האט ער דערזעהען צו זיין גרויס וואונדער, דאס דער מענש דער בעגלויבטער פאן אונזער געשאפט געהט אויך צו-זאממען מיט דעם פרעמדען מענשען אונד זיי בײדע טראגען איין שטיקק ויידענס, וועלכע זיי האבען ארויסגענוממען פאן איין פער-בארגענעם ארט, אונד זיי זיינען גרייט ארויס צו געהן פאן הויף אונד זיך זעטצען אין איין דראזשקע, וועלכע האט אויף זיי גע-געווארט. האט מיין פאטער איין געשריי געגעבען: שטעהט, שטעהט, דיעבע! אונד פון זיין געשריי וואס זיי האבען פלוצלינג דערהארט, זיינען זיי אויפגעציטערט געווארען אונד זיי האבען זיך ניכט געקאנט ריהרען פאן זייער ארט. דערהארענדיג זיין געשריי זיינען מיר פאן הויז ארויס מיט שרעק אונד דער דיעב איזט געחאפט געווארען אין זיין איינברוך...

§ 87

הַיּוֹם עָמַדְתִּי לְמִבְחָן
וְאָפֵק רָצוֹן מֵהַבּוֹחֲנִים
עַל צַד הַיּוֹתֵר טוֹב.

איך בין היינט געשטאנען צום עקזאמען אונד האב אויסגענומען ביי די עקזאמענאטארם אויף דעם בעסטען פאך.

יְהִי נָא טוּבְךָ לָבוֹא אֵלַי הַיּוֹם.

ווי אַזוי גוט אונד קום היינט צו מיר.

הַמּוֹרִים הִתְווּ לִי צִיּוּנִים גְּדוֹלִים.

די לעהרער האָבען מיר געשטעלט גרויסע (גוטע) באַללען.

מִדֵּי יוֹם בְּיוֹמוֹ אָנֹכִי מִתְהַלֵּךְ לָשׂוּחַ בְּגַנִּים וּפַרְדֵּסִים.

יעדען טאָג געה איך שפאַצירען אין גאָרטנער אונד וויינגאָרטנער.

עוֹד לֹא מָשַׁכְתִּי אֶת יָדִי מִזֶּה מִכֹּל וָכֹל.

איך האָב נאָך מיין האַנד פֿאָן דעם ניכט אָוועקגענוממען אין גאַנצען (איך האָב עס ניכט אויפֿגעהערט; זיך ענטזאַגט).

לָמַדְתִּי לִשְׂחוֹת בַּנָּהָר.

איך האָב זיך געלערנט שווימען אין טייך.

בַּבֹּקֶר הַשְׁכֵּם כַּעֲלוֹת הַשַּׁחַר.

גאַנץ פֿריה ווי דער מאָרגענ־שטערן געהט אויף.

בְּאֶמְצַע (בְּתוֹךְ) הָעִיר יֵשׁ יַעַר אַלּוֹנִים.

אין מיטען שטאָדט איזט דאָ איין סאָסנאָווער וואלד.

רָאִיתִי דְּבָרִים חֲדָשִׁים וְנִפְלָאִים אֲשֶׁר לֹא רָאִיתִי כָּמוֹהֶם מִיָּמָי.

איך האָב געזעהען נייע אונד וואונדערבאַרע זאַכען וועלכע איך האָב ניעמאַלס געזעהען.

בָּעִיר הַזֹּאת מָצָאתִי לִי גּוֹאֲלִים וּמַכִּירִים וְהִנְנִי עָלֵז וְשָׂמֵחַ בְּחֶבְרָתָם.

איך האָב אין דיעזע שטאָדט געפֿונען פֿריינד אונד בעקאַנטע אונד איך געפֿינן מיך פֿרייליך אין זייער געזעלשאַפֿט.

דְּרוֹר אַחַת לֹא תָבִיא אֶת הָאָבִיב בִּכְנָפֶיהָ.

איינע שוואַלב קאָנן קיין פֿריהלינג ניכט ברייננען.

שָׁבָא חֲדָא פִּלְפְּלָא חֲרִיפְתָּא מִמְּלָא צַנָּא דְקָרֵי.	עס איז בעססער איין שאַרפער פעפער ווי אַיין גאַנצער קאָרב פאָלל מיט פלוצערן (בעססער ווייניג אונד גוט).
קֶשֶׁר יְדִידוּתֵנוּ הוּא קֶשֶׁר שֶׁל קַיָּמָא.	דער בונד פאָן אונזער פריינד־שאַפט איזט אַיין פעסטער בונד (בע־שטענדיגער).
אֶת דְּבָרֶיךָ אֲרַצֶּה לִפְנֵי יוֹדְעֵי דָּת וָדִין.	דיינע וואָרטער וועל איך פאָר־לייגען פאַר די וואָס וויסען דאָס געזעטץ.
עֲשֵׂה זֹאת אֵיפֹא, יַקִּירִי.	טהו אַלזאָ דיעזעס, מיין טייערער.
הַדָּבָר הַזֶּה יָבִיא לְךָ תּוֹעֶלֶת גְּדוֹלָה.	דיעזע זאַך וועט דיר גרויס נוטצען ברייגגען.
אַהֲבַת יְדִידִים הַתְּלוּיָה בִּדְבַר חָכְמָה וּמַדָּע מִתְקַיֶּמֶת.	ליעבע פאָן גוטע פריינד וואָס הענגט אָן קלוגשאַפט אונד וויססענ־שאַפט האָט איין בעשטאַנד (בלייבט אימּמער).
לֹא מֵרֹעַ לְבָבִי עָשִׂיתִי כָּזֹאת.	ניכט אויס שלעכטקייט האָב איך עס געטהון.
וַיַּלְשֵׁן עָלָיו לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ.	ער האָט איהם געמסערט פאָר דעם קאָניג.
אֲכַל קוּרְצָא בֵּי מַלְכָּא.	ער האָט געגעססען איין קוכען (געמסערט) פאָר דעם קאָניג.

§ 88 נײַן אונד דרײַסיגסטער בריעף.

מיין טייערער פריינד! ווי ריכטיג זיינען די וואָרטער פאָן ראָפעט: „דיינע צערשטערער אונד וויסטמאַכער קימּען פאָן

דיר ארוים", דען עס איזט ארוים אויף אייך איין שלעכטס פאן אייער הויז, אונד איהר זעלבסט האט עס אויף זיך געבראכט, דען דעם בעגלייבטען פאן אייער געשאפט וואס ער האט אייך טריי געדיענט פיעל יאהר האט איהר פאן זיך פערטריבען, אונד איהר האט גענוממען איין אנדער מענשען אויף זיין ארט, וועלכען איהר האט נאך ניכט געפראבירט. דיעזער צופאלל ווערט אונז זיין פיר איין ריכטיגען צייכען, לערנען צו וויססען, דאס יעדער געזעלן קאנן זיין טראכט (חוֹרֵשׁ) שלעכטס אויף דיר, אונד מיר דארפען זיך ניכט פערטרויען אין איין מענשען וועלכער דאס געזיכט (הַכָּרַת פָּנָיו) זאגט, דאס ער איזט איין ארענטליכער מאנן, בעפאר מיר האבען איהם פראבירט; דען ניכט לויט וואס די אויגען זעהען קאנען מיר אורטהיילען איין מענשען. עס גיבט פיעל מענשען וואס האבען גלאטע ליפפען אונד זיי שפראכען ליעבליך (נִיבָם נָעִים), דאס קיינער גלויבט אויף זיי ניכט דאס זיי זיינען פאהיג שלעכטס צו טהון; אונד אויף דעם האט גאטט געזאגט צו שמואל דעם פראפעט ווען ער האט איין קאניג אויף די יודען אויסערוואהלט: „דו זאלסט ניכט קוקען אויף זיין געשטאלט אונד הויכען וואוקס, דען עס איזט ניכט ווי איין מענש זעהט; איין מענש זעהט וואס פאר די אויגען איזט, אונד גאטט זעהט דאס הערץ". אונד דיעזעס ווערט דיר זיין פיר איין גרויססען ביישפיל, ווען דו ווערסט זיך בעפריינדען מיט איין געזעלן, דאס דו זאלסט ניכט קוקען אויף זיין אנזיכט אונד אויף זיינע ליעבליכע ווארטער, בעפאר דו האסט איהם גע־פראבירט אויב ער איזט איין ארענטליכער אונד אויב ער איזט גוט פיר איין געזעלן זיך געזעלנען מיט איהם. דיעזעס אונד נאך איין אנדער זאך „דאס עס איזט בעסער איין גוטער־פריינד איין אלטער פיר צוויי גוטע־פריינד נייע". היטט מיינע ווארטער אין דיין הערץ.

דיין פריינד...

89 § פֿיערציגסטער בריעף.

מיין טייערער פֿאטער! איך קום בענאַכריכטען דיר גוטע נייעס, פֿאָן וועלכע דו וועסט געוויס פֿערגעניגען האָבען ווי איך. דו האָסט דאָך שאָן פֿיעל מאָל געהאָרט, דאס מיינע לעהרער ריהמען מיך אונד אַללע האָבען אויף מיר געזאָגט, דאס איך בין בעשאַפֿען צו גרויסקייט, דען איך האָב זעהר גוטע פֿעהיגקייטען. נור בעפֿאָר דו ביסט איבערצייגט געוואָרען אין דער טהאַט צו וויסען די ווארהייט, האָסט דו ניכט געגלויבט, אונד אויך איך זעלבסט, אָבוואָהל איך האָב געזעהן דאס אַללע לערנונגען וועלכע איך לערן זיינען מיר ניכט שווער, אונד אזוי ווי די רייפֿע (בִּכּוּרָה) פֿרוכט פֿאַר דער רייפֿצייט שלינג איך עס איין; אָבער איך האָב ניכט געגלויבט, דאס איך זאָלל קאָנען זיך פֿערפֿערטיגען לערנענדיג אין דער דריטטער קלאַסס צו איבערהיפּען (לִפְסוֹחַ) די פֿיערטע קלאַסס אונד אָנקומען אין דער פֿינפֿטער קלאַסס. איך זעלבסט האָב עס ניכט געגלויבט ביז היינטיגען טאָג, וואָס איך האָב גע־ענדיגט דעם עקזאַמען אונד בין אַרויס בעקרוינט מיט דעם נאָמען „וואונדערבאַרער יונגע מיט זעהר גוטע פֿעהיגקייט". אַללע לעהרער האָבען זיך אויף מיר געוואונדערט אויף מיינע פֿיעלע וויססענשאַפֿט. יעצט זאָג איך דיר צו, דאס איך וועל דיין וואונש אויך ערפֿילען צו לערנען אונד וויססען גוט די העברעאישע שפּראַכע, דען איך זעה דאס קיין זאַך קאָנן ניכט בעשטעהן געגען דעם וויללען אונד קיין זאַך איזט מיר ניכט שווער, ווען איך וויל עס נור.

P. S. דער זוהן פֿאָן ש. איזט אַרויס פֿאָן עקזאַמען אונד די האָנד אויף זיין קאָפּף פֿערלעגט (פֿערטרויערט), דען ער האָט דעם עקזאַמען ניכט אויסגעהאַלטען. ווי איך זעה האָט ער ניכט געלערנט פֿלייסיג, אונד ער זעלבסט איזט אין דעם שולדיג, דען ער האָט אויך גוטע פֿעהיגקייטען, נור דאס לעדיגגעהן האָט איהם פֿעראונגליקט (הָיְתָה בְּעוֹכְרָיו)...

§ 90

אָנֹכִי לֹא יָדַעְתִּי אֶת הַמִּקְרֶה אֲשֶׁר הֵסֵב בָּנוּ לְהַפְרִיד בֵּין הַדְּבֵקִים.	איך ווייס ניכט דעם צופאַלל וואָס האָט ביי אונז פֿעראורזאַכט צו פֿער־נאַנדערשיידען צווישען די אויפגע־העפֿטע.
מַדּוּעַ יִחַר אַפְּךָ בִּי?	וואַרום צאָרענסט דו אויף מיר?
בְּנוֹהֵג שֶׁבָּעוֹלָם.	דער שטייגער פֿאָן דער וועלט.
סַדְנָא דְאַרְעָא חַד הוּא.	אומעטום איזט איין וועלט (סדנא=וואָרצעל, שטאַמם).
מַדּוּעַ תַּאְטֵם אָזְנֶיךָ מִשְּׁמֹעַ לְדִבְרֵי תוֹכְחוֹת מוּסַר הוֹרֶיךָ וּמוֹרֶיךָ?	וואַרום פֿערשטאָפּסט דו דיינע אויערן נישט צו האָרען די שטראָפֿרייד פֿאָן דיינע עלטערן אונד לעהרער?
לֹא כֵן אַתָּה עִמְּךָ.	דו ביסט ניכט אַזוי.
מֵעוֹלָם לֹא עָלְתָה כָזֹאת עַל דַּעְתִּי.	איך האָב עס ניעמאַלס גערעכענט.
הֱיֵה נָא אַתָּה עַתָּה לְשׁוֹפֵט בֵּינֵינוּ.	זיי דו זעלבסט יעצט איין ריכטער צווישען אונז.
וַיָּשֶׁב אֶת פָּנַי רֵיקָם.	אונד ער האָט מיר ענטזאַגט.
הִנְנִי שׁוֹלֵחַ לְךָ לוּטִים בָּזֶה שְׁנֵי מִכְתָּבִים.	איך שיקק דיר דאָ פֿערהיללט (פֿערוויקעלט) צווי בריעף.
מַה נָּעַמְתָּ וּמַה יָּקַרְתָּ לִי!	ווי אַנגענעהם אונ טהייער דו ביסט מיר!
דְּבָרֶיךָ הַקָּשִׁים הָיוּ לִי לְמַפַּח נֶפֶשׁ.	דיינע האַרטע וואָרטער זיינען מיר געוועזען איין הערץ=לייד.
אִם תָּנוּס מִפְּנֵי רוֹדְפֶךָ, אַל תִּדְאַג לְאָבְדַן נְעָלֶיךָ.	ווען דו ענטלויפסט פֿאָן דיין יאָגער זאָלסט דו ניכט זאָרגען וואָס דו פֿער־ליערסט דיינע שיך.

מְדֵי יוֹם בְּיוֹמוֹ אֲנַחְנוּ כֻּלָּנוּ מִתְאַסְּפִים יַחַד לַהֲגוֹת בַּלִּמּוּדִים.	יעדען טאָג קלייבען מיר זיך צו־נויף צוזאַממען צו רעדען (בעשעֶפ־טיגען) אין לערנען.
מָה הוּא הַדָּבָר אֲשֶׁר הֵעִיב אֶת שְׁמֵי הַשָּׁלוֹם אֲשֶׁר מֵעַל לְרֹאשֵׁנוּ?	וועלכע זאַך האָט פערוואָלקענט דעם היממעל פאָן פריעדען וועלכער איזט איבער אונזער קאָפּף?
שְׁאֵלָה הִיא וַתְּהִי לִשְׁאֵלָה	דאָס איזט איין פראַגע אונ עס בלייבט אַיין פראַגע.
הוּא מֹשֵׁךְ אֶת יָדוֹ מִמֶּנּוּ וַיָּפֶר אֶת בְּרִיתוֹ אִתּוֹ.	ער האָט זיין האַנד פאָן איהם אָפּגעצויגען אונד האָט זיין בינדניס מיט איהם פערשטאָרט.
מַדּוּעַ תָּלַן אִתְּךָ מְשׁוּגָתֶךָ?	וואַרום זאָלל ביי דיר בלייבען דיין פעראירראונג?
חֲבַל עַל דְּאַבְדִין וְלָא מִשְׁתַּכְּחִין.	שאדע (וועה) די וואָס ווערען פער־לאָרען אונד ווערען שאָן מעהר ניכט געפוננען.
הַטּוֹבֵעַ בְּשִׁבֹּלֶת יַחֲזִיק בְּרֹאשׁ שִׁבֹּלֶת.	דער וואָס טרינקט זיך אין איין פלוסס וואַססער האַפט זיך אָן אָן דעם ברעג פאָן איין זאַנג (שטריי).

91 § אֵיין אוּנְד פִיעְרְצִיגְסְטֶער בְּרִיעף.

מיין טייערער פאָטער! איך אַייל אונד פערזאַם ניכט דיר צו בענאַכריכטען נייעס, וועלכע דו האָסט זיך לאַנג פאָן זיי ענ־זאַגט: דאָס איך בין ביי דעם עקזאַמען געשטאַנען אונד האָב אויסגענוממען (געפאָללען, וְאָפֶק רָצוֹן) אויף דעם בעסטען פאַך אונד אללע לעהרער וועלכע האָבען עקזאַמענירט האָבען מיר געשטעלט גוטע באַללען, דען איך האָב ריכטיג געאנטוואָרטעט אויף זייערע אללע פראַגען, יעדע זאַך אין אָרדענונג (אַללעס צו דער זאַך). יעצט

פֿערלאַנג איך נור דיעזעס פֿאָן דיר, דאַס דו זאָלסט אַזוי גוט זיין אונד שיקקען מיר געלט וועלכֿעס איזט מיר יעצט נאָטהיג, צו קויפֿען נייע קליידער אונד פֿערשיעדענע ביכֿער; אונד ווען דער צושטאַנד פֿאָן דיינע געשעפֿטען וועט דיר ערלויבען צו קוממען אלליין אַהער, וואָלט פֿיר מיר זעהר גוט געוועזען, דען דו וואָלסט מיר אַללעס צוגרייטען וואָס מיר איזט נאָטהיג, אונד וואָלסט אַללעס אין אָרדענונג געמאַכֿט. יעצט קוואַטיר איך ביי נ. נור ניכֿט אויף לאַנג, דען ער מיט זיין פֿרוי אונד זיין גאַנצע הויזגעזינד רייזען נאָך אויסלאַנד אין די באָדער אונ זיי וועלען זיך דאָרט פֿערזאַממען ביז נאָך פֿייערטאַג, אונד איך מוז יעצט זוכֿען איין אַנדער קוואַטיר, אונד ווען דו וואָלסט דאָ געוועזען וואָלסט דו פֿיר מיר געפֿונגען איין גוטע קוואַטיר.

דיין זוהן...

איך גריסס הערצליך מיין באַרימהערציגע מוטטער. יעצט דאָ פֿיהל איך ווי טייער אונד ליעבליך דו ביסט מיר. יעדע סעקונדע דענק איך וועגען דיר אונד ווער וויים אויב איך וואָלט קאָנען פֿערטראָגען אונזער צושיידונג, ווען איך וואָלט ניכֿט לערנען גערן, אונד נור מיין פֿלייסיגקייט אין לערנען גיט מיר קראַפֿט (און וְעָצְמָה) זיך שטאַרקען אויף מיין קוממער (יְגוֹנִי).

דיין זוהן וואָס ליעבט אונד שאָטצט דיך...

גריסס אין מיינעם נאָמען מיינע ליעבע ברידער אונד שוועסטער...

§ 92 צְוֵויי אוּנְד פִֿיעְרְצִיגְסְטֶער בְּרִיעף.

מיין טייערער פֿאָטער! איך בין שאָן געקוממען אין דעם אָרט פֿאָן מיין וואונש, אין די באָדער, אונד איך בין זעהר פֿריילִיך, דען אַללעס וואָס איך זעה דאָ איזט מיר ניי אונד וואונדערבאַר; איך האָב עס קיין מאָהל ניכֿט געזעהן. אַך! מיין טייערער פֿאָטער, ווי גוט אונד אנגענעהם מיר איזט זיטצען היר אונד ווי

ליעבליך מיר איזט דיעזער אָרט. אויך פֿיעל גוטע פֿריינד, געזעלען אונד בעקאַנטע האָב איך היר געפֿונען אונד איך בין זעהר פֿריילִיך. יעדען טאָג געה איך שפּאַצירען צווישען גאָרטנער אונד וויינגאָרטנער אָדער אין סאָסנאָװען וואַלד וועלכער איזט אין מיטטען דער שטאָדט, אונד אַללע פֿריהמאָרגען גלייך מיט דער זונן־אויפֿגאַנג געה איך מיט מיינע געזעלען זיך באָדען אין טייך אונד שווימען, דען אַזוי האָט אונז דער אַרצט (דאָקטאָר) בעפֿאָהלען. אויך פֿאָן לערנען האָב איך זיך ניכט אין גאַנצען ענטזאַגט (אָפּגעצייגען מיין האַנד), דען איך מיט מיינע קאַמראַדען האָבען צווישען זיך איין בינדנים געמאַכט, דאָס צוויי שטונדען יעדען טאָג זאָללען מיר זיך אַללע צוזאַממען קלייבען אונד פֿערברייגגען אין לערנען אונד אויף יעדען פֿאָן אונז איזט צו שפּרעכען יעדען טאָג וועגען איין זאַך. אונד יעצט וועל איך פֿאָן דיר דיעזעס ביטטען: אַזוי ווי דו ביסט איין בעוואוסטער מאַנן מיט דיינע פֿיעלע וויססענשאַפֿט, דאַרום טהו דאָס פֿיר מיך דיין זוהן שרייב מיר בריעף פֿולל מיט קלוגשאַפֿט, דען דיעזעס וועט מיר זעהר פֿיעל נוטצען ברענגען, ווייל איך וועל פֿאָן זיי לערנען צו וויססען אונד פֿערשטיין וואָרטער וואָס זיינען פֿולל מיט קלוגשאַפֿט אונד וויסענשאַפֿט; איך וועל זיי אויך פֿאָרלעזען פֿאָר מיינע געזעלען דאָס זיי זאָללען אויך וויססען אונד דורך דעם וועט אונזער בונד זיין איין דויערהאַפֿטער פֿעסטער בונד, אונד מיר וועלען זיך אויף עוויג ניכט צושיידען, אבוואָהל מיר וועלען יעדערער אין זיין שטאָדט אונד הויז רייזען; דען די פֿריינדליכקייט אונד ליעבשאַפֿט וועלכע העננט אָן איין זאַך פֿאָן קלוגשאַפֿט אונד וויססענשאַפֿט איזט איין שטענדיגע (האָט איין בעשטאַנד), אַזוי אַז טאָג אונד יאָהרען, אינזלען אונד לאָנדער וועלען ניכט שיידען די הערצער איינער פֿאָן דעם צווייטען. טהו מיין ליעבענדער פֿאָטער ווי מיין פֿערלאַנג.

דיין זוהן וואָס ערוואַרטעט דיינעם בריעף מיט אונגעדולד...

§ 93

עַמִּים רַבִּים הָיוּ נוֹשְׂאִים מַס לַמֶּלֶךְ.	פיעל פאָלקער האָבען דעם קאָניג געטראָגען (געצאָהלט) אָבצאָהל.
וַיְבַצֵּר אֶת הָעִיר בְּמִבְצָרִים וּבְחוֹמוֹת.	אונד ער האָט די שטאָדט גע־פעסטיגט מיט פעסטונגען אונד מויערען.
וְאֶת בְּנוֹ הִשְׁאִיר אַחֲרָיו עַל מְקוֹמוֹ, כִּי הוּא יִהְיֶה הַמּוֹצִיא וְהַמֵּבִיא.	אונד זיין זוהן האָט ער אויף זיין אָרט געלאָזען, דאַס ער זאָלל זיין דער גאַנצער פיהרער.
וַיֵּלֶךְ לְהִלָּחֵם עִם עֲבָדָיו הַמִּתְפָּרְצִים מִפָּנָיו לִמְרֹד בּוֹ.	אונד ער איזט געגאַנגען שטרייטען מיט זיינע קנעכט וועלכע רייסען זיך אָב צו ווידערשפעניגען אין איהם.
מִיּוֹם אֶל יוֹם אֲחַכֶּה לִרְאוֹתְךָ פָּנִים אֶל פָּנִים.	יעדען טאָג האָף איך צו זעהן דיך געזיכט געגען געזיכט.
שְׁקוֹל נָא בְּמֹאזְנֵי שִׂכְלְךָ אֶת מִי הַצֶּדֶק.	וועג מיט דער וואָגשאָלל פאָן דיין פערשטאַנד ווער איזט גערעכט.
אֵיךְ נוֹאַלְתָּ לְהַאֲמִין בַּשָּׁוְא, כִּי בָגַדְתִּי בִּבְרִית אַהֲבַת יְדִידִים וְרֵעִים.	ווי פערנאַרעשט דו ביסט צו גלויבען אין פאַלשקייט, דאַס איך בין אונטריי געוואָרען דעם בינדנים פאָן געזעלען־ליעבע.
לָזֹאת מָנַעְתִּי מִמְּךָ פְּרִי עִטִּי.	דאַרום האָב איך פאָן דיר פער־מיעדען די פרוכט פאָן מיין פעדער.
לֹא אוּכַל הוֹשִׁיעֲךָ בְּרַב אוֹ בִמְעָט.	איך קאָנן דיר גאָר ניכט העלפען, ניכט פיעל און ניכט ווייניג.
וַיִּבְכּוּ וַיִּתְחַנְּנוּ לְפָנָיו, כִּי יַצִּילֵם מֵרָעָתָם.	אונד זיי האָבען געוויינט אונד זיך געבעטען פאַר איהם ער זאָלל זיי רעטטען פאָן זייער שלעכטס.

בְּזֹאת יִבָּחֵן.

מיט דעם וועט ער ווערען געפּראָבירט.

עֲצָתְךָ מָצְאָה חֵן בְּעֵינָי.

דיין ראַטה איזט מיר געפאֶללען.

וְזֶה יִהְיֶה לָּנוּ לְאוֹת, כִּי הוּא יוֹדֵעַ לְהַבְחִין בֵּין טוֹב וָרָע.

אונד דיעזעס וועט אונז זיין איין צייכען, דאַס ער וויים צו אונטערשיידען צווישען גוטס אונד שלעכטס.

אִם נֶאֱמָנִים אַתֶּם לִי בֶּאֱמֶת וַחֲפֵצִים בְּאָשְׁרְכֶם שְׁמָעוּנִי לַאֲשֶׁר אֲצַוֶּה אֶתְכֶם.

ווען איהר זייט מיר ריכטיג טריי אונד איהר וויללט אייער גליק, פאָלגט מיר וואָס איך וועל אייך בעפאהלען.

וּמַה גָּדְלָה פַּחְדָּתוֹ וִיגוֹן לִבּוֹ.

אונד ווי גרוים איזט געוועזן זיין שרעק אונד זיין הערץ־קוממער.

וַיַּהֲרֹג לְפִי חֶרֶב אֶת הַפּוֹשְׁעִים וְהַמּוֹרְדִים.

אונד ער האָט געטוידט מיט דעם שאַרפען שווערד אללע פערברעכער אונד ווידערשפענסטיגער.

אָנֹכִי אֲמַלֵּא אֶת חֶפְצְךָ בִּרְצוֹנִי הַטּוֹב.

איך וועל ערפיללען דיין וואונש מיט מיין גוטען וויללען.

*אָטוּ בְּשׁוּפְטָנָא עַסְקִינָן?

רעדען מיר דענן וועגען טהאָרען? (נאַררען).

~~~~~~~~

§ 94 דְרַיי אוּנְד פִּיעְרְצִיגְסְטֶער בְּרִיעְף.

מיין פריינד אונד געזעלען! מיין צאָרען איזט אויף דיר (איך בין אין כַּעַס אויף דיר) מיין פריינד, דאַס פלוצלינג, גאָר אָהן איין ריכטיגע אורזאַכע, האָסט דו דיין מויל פערשלאָסען אונד דו האלטסט אויף (מָנוֹעַ) דיין גוטעס פאן מיר, מיר בריעף צו שרייבען
~~~~~~~~

ווען דו האָסט עס מאָגליך; איך האָב אין מיין הערץ געזוכט
די אורזאַכע פאָן דיעזעם, אויך האָב איך אין מיין גערדאַנק דורכ־
געפיהרט אַללע טרעפפונגען פאָן די לעצטע צייטען אונד איך האָב
ניכט געפונען קיין זאַך אויף וועלכע איך זאָלל קאָנען זאָגען,
דאַס זי האָט פערשאַפפט (פעראורזאַכט) צווישען אונז צו פער־
נאַנדערשיידען צווישען אויפגעהעפטע אונד צו פערוואָלקענען דעם
פרידען־הימעל, וואָס איזט געוועזען פערשפרייט אויף אונז. אונד
ווען עס איזט אַזוי, וואַרום צאָרענסט דו אויף מיר? דאָס איזט איין
פראַגע וואָס נאָר דו קאָנסט איהר געפינען בעדייטונג (פִּתְרוֹנִים).
פיללייכט האָב איך געגען דיר געזינדיגט, וואַרום גיבסט דו מיר
ניכט צו וויססען מיין זינד? דען אונבעוואוסטע פעהלער ווער
קאָנן וויססען? דער שטייגער פאָן דער וועלט איזט, ווען יעמאַנדס
(אִישׁ) וואָרטער אָדער טהאַטען געפאָללען מיר ניכט ערוועק איך
איהם (אָעִיר אֶת אָזְנוֹ) אויף דעם דאַס ער זאָלל עס מעהר ניכט
טהון, אונד ווען ער פערשטאָפפט זיינע אויערען ניכט צו האָרען די
שטראָפרייד, דאַנן צערשטער איך דעם פריעדענס־בינדנים מיט
איהם; אָבער דו ביסט ניכט אַזוי, דען אָהן מיין וויססען אונד
ניכט ערוועקען מיר אויף מיין פעראירונג אונד זינד, האָסט דו
פערשטערט דען פריעדענס־בינדנים. זאָלכעס ווערט ניכט געטהון
צווישען גוטע פריינד. איך ביטטע דיר בענאַכריכטע מיר אַללעס
ריכטיג ערקלערט, אום איך זעלבסט זאָלל עס וויססען.
דיין פריינד וועלכער וויל אויף אימער דיין פריינד בלייבען...

95 § פִּיער אוּנְד פִּיעְרְצִיגְסְטֶער בְּרִיעְף.

מיין פריינד אונד געזעלען! דיין מורמלען אויף מיר אין
דיין בריעף האָב איך געלעזען אונד ער איזט מיר געוועזען איין
הערץ־לייד, דען איך האָב פאָן איהם איינגעזעהן (הֶרְאֵיתִי) צו
וויססען, דאַס דו ביסט פעראירט געוואָרען צו גלויבען אין פאַלש־
קייט, דאַס איך בין טריילאָז אונזער פריעדענס־בינדנים אונד האָב
פאַרגעססען אונזער יוגענד־ליבשאַפט, אָבער איך בין ניכט אַזוי

מיט מיר מיין פֿריינד, קיין מאל איזט מיר אויף מיין געדאַנקען ניכֿט אַרויף איך זאָלל זיין טריילאָז מיין געזעלען מיט וועלכֿען איך האָב זיך געזעללט אַזאַ לאַנגע צייט. דען ווען דו וואָלסט גוט בעטראַכֿט מיין לעצטען בריעף וואָס איך האָב דיר געשיקט, וואָלסט דו וויסען צו אורטהיילען ווער עס איזט גערעכֿט אונד דאַס איך האָב געגען דיר ניכֿט אַזוי געזינדיגט. אַזוי זיינען דאָך געוועזען מיינע וואָרטער צו דיר אין מיין לעצטען בריעף: דאַס יעדען טאָג האָף איך צו רייזען אין דער שטאָדט וואָ דו געפֿינסט זיך אונד זעהען זיך מיט דיר, דען אַזוי האָט מיר מיין פֿאָטער געזאָגט, אונד דאַרום האָב איך אויפֿגעהאַלטען מיין שרייבען צו דיר ווייל יעדע צייט אונד יעדע שטונדע בין איך געוועזען גרייט צו רייזען צו דיר. זיי יעצט דו זעלבסט דער ריכֿטער צווישען אונז אונד וועג מיט דער וואָגשאָל פֿאָן דיין פֿערשטאַנד, אויב איך בין גערעכֿט אָדער ניכֿט, נור דעם שאַטען (צֵל) פֿאָן בערג זעהסט דו ווי בערג.

דיין פֿריינד וועלכֿער איזט געוועזען, איזט אונד וועט זיין דיין געטרייער פֿריינד...

§ 96

הוּא עָבַד בְּחֵיל הַמֶּלֶךְ.	ער האָט געדיענט אין קאָניג׳ס מיליטער.
אֲנַחְנוּ גִּדַּלְנוּ בְּבֵיתֵנוּ חֲסִידָה וַנְּלַמֵּד אוֹתָהּ לָעוּף אֶל כָּל מָקוֹם אֲשֶׁר הֶרְאֵינוּ לָהּ.	מיר האָבען אין אונזער הויז איין באָטשאַן געהאָדעוועט אונד מיר האָבען איהם געלערנט פֿליהען אין יעדען אָרט וואו מיר האָבען איהם געציייגט.
וַיַּעַל מַעְלָה מָּעְלָה.	אונד ער האָט געשטייגט האָכֿער אונד האָכֿער.
וַיּוֹשִׁיבֵהוּ בְּחֵיקוֹ וַיְחַבְּקֵהוּ וַיְנַשְּׁקֵהוּ.	ער האָט איהם אין זיין שויס געזעצט אונד האָט איהם געהאַלזט אונד געקושט.

הָאִישׁ הַזֶּה הוּא אֶחָד
מִגְּדוֹלֵי הַשָּׂרִים רוֹאֵי פְּנֵי
הַמֶּלֶךְ׃

וַיּוֹשֶׁט אֶת יָדוֹ וַיִּקַּח
אֶת גַּחֲלֵי הָאֵשׁ.

וַיִּכְוֶה אֶת לְשׁוֹנוֹ וַיְהִי
לִכְבַד־פֶּה.

כֹּחַ נֶעְלָם הֲדָפוֹ מֵהֶם.

כַּאֲשֶׁר גְּמָלַתּוּ.

הַמֶּלֶךְ כָּבַשׁ אֶת
הַמּוֹרְדִים בּוֹ וַיָּשָׁב אֶל
אַרְצוֹ בַּעֲטֶרֶת נִצָּחוֹן.

בִּלְעָם הֵבִיא בִּכְשָׁפָיו
נְחָשִׁים וְעַקְרַבִּים.

הִנְנִי יָכֹל לְהִתְפָּאֵר.

מַדּוּעַ תִּמְנַע מִמֶּנִּי אֶת
חֶפְצִי זֶה?

קְרוֹבִים אֲנַחְנוּ אִישׁ אֶל
רֵעֵהוּ בְּבָשָׂר וָרוּחַ.

הֶאָח, מַה נָּעִים שֶׁבֶת
אַחִים גַּם יַחַד!

גַּנָּבָא אַפּוּם מַחְתַּרְתָּא
רַחֲמָנָא קָרֵי.

דיעזער מאַנן איזט איינער פֿאָן
די גרעסטע הערען וועלכע זעהען
דעם קאָניג.

אונד ער האָט זיין האַנד אויס-
געשטרעקט אונד האָט גענומען די
פֿייערדיגע קויהלען.

אונד ער האָט זיין צונג אָבגע-
בריהט אונד איזט געוואָרען איין
שווערערדנער (זאַאיקעדיגער).

איין פֿערבאָרגענע קראַפֿט האָט
איהם פֿאָן זיי אָפּגעשטויסען.

ווען זי האָט איהם ענטוויינט.

דער קאָניג האָט איינגענוממען די
ווידערשפענסטיגע אונד האָט זיך
צוריק געקעהרט אין זיין לאַנד מיט
איין קרוין פֿאָן זיעג.

בלעם האָט מיט זיין צויבעריי גע-
בראַכט שלאַנגען אונד שקאָרפּיאָנען.

איך קאָנן זיך ריהמען.

וואַרום טהוסט דו מיר ניכט
דיעזען וואונש מיינעם?

מיר זיינען נאָהענט איינער דעם
צווייטען קאָרפּערליך אונד גייסטיג.

אַך! ווי ליעבליך איזט דאַס זיטצען
פֿאָן ברידער צוזאַממען!

א״ן שטוילער (גנב) אין זיין איינ-
ברוך (ווען ער גנבעט זיך אריין)
בעט אויך גאָטט.

'חַסְרֵיהּ לְגַנָּבָא נַפְשֵׁיהּ לְשְׁלָמָא נָקִיט.

'לָאו עַכְבְּרָא גַּנָּב אֶלָּא חוֹרָא גַּנָּב.

ווען דעם שטוילער פעהלט ן געפינט ניכט וואָס צו שטוילען) האָ ער זיך אין פריעדען (פרוּם).

ניכט די מויז שטוילט, נור לאָך (נאָרע) [ניכט דער גנב זאָנדי דער צונעהמער פון דער גנבה גנבע

97 § טז. אַבְרָהָם אָבִינוּ אִין קַאלְךְ אוֹיבֶען.

תֶּרַח אַברהם'ס פאָטער האָט געמאַכט געצענבילדער. איינסט האָט ער אָפגערייזט אין איין וויטען וועג אונד זיין זוהן אברהם האָט ער איבערגעלאָזען אין זיין געשעפט. איזט צו איהם געקוממען איין אלטער מאַנן אונד האָט געוואָלט קויפען אַיין אָפגאָטט (אֱלִיל). ווי אַלט ביסט דו? האָט איהם אברהם געפראָגט. — איך בין זעכציג יאָהר אַלט — אַנטוואָרטעט איהם דער מענש. — ווי שאָמסט דו זיך ניכט צו דיענען איין גאָט וועלכער איזט נור איין טאָג אַלט (בֶּן יוֹמוֹ)? — אונד דער מענש איזט מיט שאַנדע פאָן איהם אַוועקגעגאַנגען. נאָכדעם האָט איינע פרוי געבראַכט איין שיססעל מעהל פיר איין אָפפער צו די גאָטטער. ווי די פרוי איזט פאָן איהם אַוועקגעגאַנגען, האָט אברהם גענוממען איין האַק אונד האָט צערשמעטערט (נִיְרוֹצֵץ) אַללע גאָטטער, נור דעם גראָסטען גאָט האָט אברהם איבערגעלאָזען אונד האָט איהם אין האַנד ארייגעשטעקט (נִיְתַקַּע) די האַק.

ווי תרח איזט צוריק געקוממען פאָן זיין רייזע אונד האָט געזעהען די גרויס צערשטאָרונג (הַהֶרֶס), האָט ער אברהם'ן געפראָגט: וואָס האָט דאָ געטראָפען? האָט איהם אברהם געאַנטוואָרטעט: אַיינע פרוי האָט אַהער געבראַכט איין שיססעל מיט מעהל פיר איין אָפפער, האָבען זיך אַללע גאָטער אָנגעפאַנגען צו קריגען, דען יעדערער האָט געוואָלט דער ערשטער פערזוכען, איזט דער גראָסטער גאָט געוואָרען פולל מיט צאָרען אויף זיי,

אונד ער האָט זיי מיט דער האַק געטווירט. שפּאָסט (הְהַתֵל) דו פֿאָן מיר? האָט איהם תרח מיט צאָרען געזאָגט. קאָנן דענן איין שטיק (בּול) האָלץ זאָלכֿעס טהון? — ליעבּער פֿאָטער, זאָגט אברהם צו תּרח'ן, מאַך האָרען דיינע אויערען וואָס דיין מויל רעדט. ווען דיין גאָט קאָנן דיעזעס ניכֿט טהון, ווארום גלויבּסט דו איהם אונד דו דיענסט איהם? — אָבער תּרח האָט ניכֿט געהאָרט אברהם'ס רייד אונד איז געגאַנגען אונד האָט דיעזעס דערציילט דעם קאָניג נמרוד.

דער קאָניג נמרוד האָט גערופֿען אברהם'ן אונד האָט צו איהם געזאָגט: בּוק זיך צו דעם פֿייער מיין גאָטט. — בּעסער זיך בּוקען צו דעם וואַססער, וואָס לעשט דאָס פֿייער, האָט איהם אברהם געאַנטוואָרטעט. — בּוק זיך צו דעם וואַססער. — בּעסער זיך בּוקען צו דעם וואָלקען וואָס טראָגט דאָס וואַסער. — בּוק זיך צו דעם וואָלקען, זאָגט נמרוד. — בּעסער זיך בּוקען צו דעם ווינט וואָס צושפּרייט (הַמְפַזֵר) דעם וואָלקען. — בּוק זיך צו דעם ווינד, זאָגט נמרוד מיט צאָרען. — איז דאָך גלייכֿער זיך בּוקען פֿיר איין מענשען וואָס קאָנן פֿארטראָגען (לְסְבּול) דעם ווינט. — דאַנן האָט נמרוד שאָן מעהר ניכֿט געקאָנט איינהאַלטען זיין צאָרען, אונד ער האָט בּעפֿאָהלען אברהם'ן אַריינוואַרפֿען אין קאַלך-אויבען (כִּבְשָׁן), זאָגענדיג: לאָז דיר דיין גאָט רעטטען. אברהם איז גלייך אַריינגעוואָרפֿען געוואָרען אין קאַלך-אויבען, אָבער ער איז אַרויס גאַנץ אונ געזונד, צו דיענען זיין גאָטט דער שאָפֿפֿער פֿאָן די הימּמעל אונד די ערד מיט אַללעם וואָס אויף איהר געפֿינט זיך.

§ 98

גְּמוּל רְשָׁעִים.	דער לאָהן פֿאָן שלעכֿטע.
חֲסָדִים יְשָׁנִים נִשְׁכָּחִים.	אַלטע גנאָדע פֿערגעססט זיך.
טוֹב לְבִישׁ לָא תֶּעֱבֵד.	זאָלסט איין שלעכֿטען קיין גוטס ניכֿט טהון.

יָנֵבַח בָּךְ כַּלְבָּא עוּל, נָבַח בָּךְ גּוּרְיְיתָא פּוּק.	ווען איין הונד ביללט געה אריין, ווען איין לאָווע — געה ארויס.
בַּיּוֹם אֲכָלַנִי חֹרֶב וְהַקֶּרַח בַּלָּיְלָה.	ביי טאָג האָט מיר די היטץ גע־בראָנט אונד אין דער נאַכט די קאָלט.
הָאִישׁ הַזֶּה בַּעַל מוּם הוּא	דיעזער מענש האָט איין פעהלער.
יָנוּקָא פְּסוֹק לִי פְּסוּקָךְ.	קינד, זאָג מיר דיין פסוק (וואָס דו האָסט אין חדר געלערענט).
שְׁדָא גִירָא (הִשְׁלִיךְ חִצִּים) לְאַרְבַּע רוּחוֹת.	ער האָט אין אללע זייטען פיילען געוואָרפען.
וַיָּצַר עַל הָעִיר שָׁלֹשׁ שָׁנִים	אונד ער האָט אויף דער שטאָדט בעלאַגערט דריי יאָהר.
הוּא כִלְכֵּל אֶת כָּל יוֹשְׁבֵי הָעִיר בְּחִטִּים וּבִשְׂעוֹרִים.	ער האָט געשפייזט די גאַנצע שטאָדט מיט ווייץ אונד גערשטען.
כָּל הָאוֹצָרוֹת נִשְׂרְפוּ בָּאֵשׁ.	אללע שאָטצע זיינען פערברענט געוואָרען.
אַרְבֵּי נַפְשִׁי לִסְפּוֹתָהּ.	די וואָס לויערן אויף מיין יעעלע צו פערניכטען זי.
בְּרֹב עָמָל וּתְלָאָה צָלְחָה בְּיָדִי לְהִמָּלֵט.	מיט פיעל מיה האָט מיר געגליקט צו רעטטען זיך.
וַיַּעֲמִיסֵהוּ עַל שִׁכְמוֹ וַיִּשָּׂאֵהוּ.	אונד ער האָט איהם אויף זיינע שולטערן ארויפגעלאָדען אונד האָט איהם געטראָגען.
הַרְאֵינִי נָא אֵיךְ דַּשְׁתָּ בַּמּוֹרַג אֶת דְּגָנֶךָ.	ציינ מיר ווי האָסט דו מיט דעם דרעשראָד דיינע קאָרען געדראָשען.
אִישׁ נָבוֹן יוֹדֵעַ עֵת לְכָל חֵפֶץ.	איין פערשטאָנדיגער מענש וויים די צייט פאָן יעדער זאַך.

זֶה פְּעָמִים רַבּוֹת גִּלִּיתִי
לְפָנֶיךָ אֶת חֶפְצִי וּרְצוֹנִי .

שאָן פיעל מאָל האָב איך פאַר דיר
ענטדעקט מיין פערלאַנג אונד וואונש .

לֹא עָלֶיךָ יִזְעַף לִבִּי .

ניכט אויף דיר בין איך אין צאָרען .

בְּאַחֲרִית דָּבָר רַבִּים
יְחַכְּמוּ וּמֵבִין מֵרֵאשִׁית
אַחֲרִית נָבוֹן .

ביי דער ענדע פון איין זאַך
זיינען אַללע קלוג אונד צו פערשטיין
פאָן אַנפאַנג די ענדע (קאָנן נור) איין
פערשטאָנדיגער .

הַיּוֹם נִרְאֲתָה הַקֶּשֶׁת
בְּאֹפֶק הָרָקִיעַ .

היינט האָט זיך געוויזען איין
רעגענבויגען אויף דעם האָריזאָנט
פאָן הימעל .

יֵשׁ לִי אַדְרַכְתָּא לִגְבּוֹת
אֶת חוֹבִי הַמַּגִּיעַ לִי מִמֶּנּוּ .

איך האָב איין פאָללמאַכט
Исполнительный листъ צו אויפ-
מאָנען מיין שולד (געלד) וואָס מיר
קומט פאָן איהם .

§ 99 יז. די קינדהייט פאָן משה׳ן .

ווען יוכבד משה׳ס מוטטער האָט איהם געבראַכט צו פרעה׳ס טאָכטער ווען זי האָט איהם ענטוויינט, איז ער געוועזען זעהר איין שאָנעס ליעבליכעס קינד, אונד פרעה׳ס טאָכטער האָט איהן געליבט ווי איין צאָרטליכע (רַחֲמָנִיָּה) מוטטער. זי האָט משה׳ן אָפט געבראַכט פאָר פרעה׳ן אונ ער האָט איהם געליבט, גע-האַלדזט אונד געקושט ווי איין אייגען קינד. איין מאָל האָט איהם פרעה גענומען אונד האָט איהם אין זיין שויס געזעצט אונד האָט זיך מיט איהם געשפיעלט. דאַס קינד האָט אַראָפגענומען די קרוין פאָן פרעה׳ס קאָפף אונד האָט זי אַרויפגעטהון (נִישְׁמָה) אויף זייי קאָפף. ווי די צויבערער (הַחַרְטוּמִים) האָבען עס געזעהען, האָבען זיי געזאָגט, דאַס ער וועט דעם קאָניג פאָן זיין טראָן (שטוהל) שטירצען (יוֹרִיד), אונד אַללע האָבען געזאָגט, דאַס מען זאָלל איהם

פוידטען. נור יתרו, דער גראָסטער הערר פאָן די וועלבע שטעהען פאַר דעם קאָניג, האָט זיך פאָן זיין שטוהל אויפגעהויבען אונד האָט געזאָגט: איהר טהוט אונרעכט, דען איהר וויסט דאָך ניכט אויב ער האָט עס געטהון מיט פערשטאַנד. דארום זאָלל מען איהם פראָבירען אויב ער האָט פערשטאַנד: מען זאָלל פאַר איהם בריינגען צוויי שיסלען, איינע פולל מיט דימאַנטען אונד גאָלד אונד די אַנדערע פולל מיט פייערדיגע קויהלען; ווען דאָס קינד וועט נעהמען די דימאַנטען וועט זיין איין צייכען דאָס ער איזט פערשטאַנדיג צו אונטערשיידען פאָן גוטם צו שלעכטס, אָבער ווען ער וועט נעהמען די ברענענדיגע קויהלען, איזט איין בעוויז דאָס ער טהוט נאָך אָהן פערשטאַנד. מען האָט אַזוי געטהון, דען זיין ראַטה איזט אַלעמען געפאַלען געוואָרען. משה האָט געוואָלט אויסציהען זיין האַנד אונד נעהמען די דימאַנטען, אָבער איין גאָטליכע קראַפט האָט איהם אָפגעשטויסען (הֲדָפוֹ) צו די ברע־נענדיגע קויהלען. דאָס קינד האָט זעהר געשריען פאָן זיינע שטאַרקע (מְעֻצְּמַת) וויטאָגען, אונד ער האָט גענומען זיין האַנד מיט די ברענענדיגע קויהלען צו זיין מויל אונד ער האָט זיין צונג אָפגעברענט, דארום איזט ער געוואָרען איין שווערערדנער...

100 § יח. דֶער זִיעבְּצִיגְיֶאהְרִיגֶער שְׁלָאף.

חוני המעגל האָט איין מאָל געריטטען אויף זיין עזעל אונד ער האָט געזעהען, דאָס איין מאַנן פלאַנצט איין פייגען־בוים וואָס ער וועט געבען זיינע פרוכט אין זיבעציג יאָהר אַרום. פראָגט איהם חוני המעגל: פאַר וועמען מאַטערסט דו זיך? ווערסט דו דענן עססען די פרוכט פאָן דיזען בוים? — איך טהו ווי מיינע עלטערן האָבען געטהון, אַנטוואָרטעט דער מענש; זיי האָבען געפלאַנצט בוימער אונד האָבען פיר מיר געגרייט; אַזוי וועל איך פלאַנצען פיר מיינע קינדער. — האָט זיך חוני המעגל געזעצט עססען אונד איזט איינגעשלאָפען; איזט אַרוים איין פעלזען אַרום איהם אונד

האָט איהם פערדעקט פאָן איין זעהענדיג אויג אונד ער האָט אַזוי אָפגעשלאָפען זיבעציג יאָהר. אַם ענדע זיבעציג יאָהר האָט ער זיך אויפגעוואַכט פאָן זיין שלאָף אונד האָט דערזעהן איין מענש קלויבט פרוכט פאָן דעם פייגען־בוים, האָט ער איהם געפראָגט: דו ביסט דער מאַנן וואָס האָט דען בוים געפלאַנצט? „איך בין זיין זוהנס זוהן". האָט ער אין זיין הערץ געטראַכט: איך האָב היר זיבעציג יאָהר געשלאָפען. חוני האָט זיך צוריק געקעהרט אין זיין הויז, האָט ער געפונגען זיינע אייניקלאַך זיינעןווירטהען (מוֹשְׁלֵי) פאָן זיין הויז אונד זיין גאַנץ פערמאָגען; האָט ער זיי געזאָגט, דאַס ער איזט חוני זייער גרויספאַטער, אָבער זיי האָבען איהם ניכט געגלויבט אונד זיי האָבען פאָן איהם געלאַכט. האָט ער גערעכענט דאַס אין בית המדרש וועט מען איהם ערקענען; איזט ער געקומען אין בית המדרש אונד האָט געהאָרט, דאַס מען האָט זיין נאָמען דערמאָנט מיט גרויס עהרע. האָט ער געזאָגט: איך בין חוני המעגל, אָבער קיינער האָט איהם ניכט געגלויבט. האָט ער פעראַכטעט זיין לעבען, דען ער איזט פרעמד צו אַלעמען אונד ער האָט גאָטט געבעטען ער זאָלל שטאַרבען אונד גאָט האָט איהם גענומען צו לייבטען אין לעבענסליכט אין דער אמת'ר וועלט. —

§ 101

הָאָדָם חוֹטֵא בַּסֵּתֶר וַיי מַעֲנִישֵׁהוּ בְּגָלוּי.

דער מענש זינדיגט פערבאָרגען אונד גאָטט שטראָפט איהם אָפפענטליך.

לֹא אוּכַל לְהָקֵל בִּכְבוֹד כָּל אָדָם וּמַה גַּם אִם מֵת הוּא.

איך קאָנן ניכט פיר גרינג האַלטען די עהרע פאָן קיין מענשען, אונד אום זאָ מעהר ווען ער איזט געשטאָרבען.

מַלֵּא נָא מִשְׁאֲלוֹת לִבֵּנוּ לְטוֹבָה.

ערפיל די ווינשע פאָן אונזער הערץ צו גוטען.

כְּתֹב לָנוּ מִכְתָּב אִם גַּם בְּקִצּוּר נִמְרָץ, לְהַרְגִּיעַ רוּחֵנוּ.

שרייב אונז איין בריעף אָבוואָהל ועתר קורץ, אום אונז צו בערוהיגען.

לָאִישׁ הַזֶּה כֶּרֶם בְּפַרְוַר הָעִיר הַזֹּאת.

דיעזער מאַנן האָט איין וויינגאָרטען אין פאָרשטאָדט פאָן דיעזער שטאָדט.

נָקֵל לְךָ לְהָבִין אֶת דַּאֲבוֹן לִבֵּנוּ וּמְצוּקַת נַפְשֵׁנוּ.

דיר איזט לייכט צו פערשטיין די שמערצען פאָן אונזער הערץ אונד די קוואל פאָן אונזער זעעלע.

לִבִּי יִכְאַב לִי עַל כִּי מְהִיר חֵמָה אָתָּה.

מיין הערץ טהוט מיר וועה אויף דעם וואָס דו ווערסט גיך אין צאָרען.

הוּא אָמַר וְעָשָׂה.

ער האָט געזאָגט אונד געטהון.

נֶחֱרָצָה נֶעֱשָׂתָה.

עס איזט געוואָרען בעשטימט אונד געטהון.

בּוֹר כָּרָה וַיַּחְפְּרֵהוּ וַיִּפֹּל בְּשַׁחַת יִפְעָל.

ער האָט איין גרוב געגראָבען אונד איזט אריינגעפאַללען אין דער גרוב וועלכער ער האָט געמאַכט (ער האָט געמיינט יעמאַנדען טהון שלעכטס אונד איז אליין אריינגעפאַללען).

הַפֶּה שֶׁאָסַר הוּא הַפֶּה שֶׁהִתִּיר.

דער מויל וואָס האָט פערבאָטען, דער מויל האָט ערלויבט.

נֵר לְאֶחָד, נֵר לְמֵאָה.

איין ליכט פיר איינעם אונד דאָס גלייכען פיר הונדערט.

זָכַרְנוּ אֶת הַיָּמִים אֲשֶׁר שָׁפַכְנוּ אֶת שִׂיחֵנוּ אִישׁ בְּחֵיק רֵעֵהוּ.

מיר געדיינקען די טאָג וואָס מיר האָבען זיך אונטערגעהאַלטען אין איין שמועס [מיר האָבען פערגאָסען (ענטדעקט) אונזער רעדען איינער פאַר דעם צווייטען].

לֹא תִכְלָא מִכְתָּבֶיךָ מִמֶּנִּי.
דו זאָלסט ניכט פערמיידען דיינע בריעף פאָן מיר.

קְשׁוּרִים וּדְבוּקִים אֲנַחְנוּ בָּךְ.
מיר זיינען אָנגעבונדען אונד בעהעפט צו דיר.

הַשְּׁמוּעָה הַזֹּאת הֵבִיאָה לִי בִּכְנָפֶיהָ שִׂמְחָה רַבָּה, אַךְ גַּם מְעַט עֶצֶב מָהוּל בָּהּ.
דיעזע נאַכריכט האָט מיר געבראַכט (פערשאַפט) גרויס פרייד, אָבער אויך אַביסעל קוממער איזט אין איהר דאָ.

הֱיֵה נָכוֹן מָחָר לַמּוֹעֵד הַזֶּה, כִּי אָבוֹא אֶל בֵּיתֶךָ.
זיי גרייט מאָרגען אין דיעזער צייט, דען איך וועל צו דיר אַהיים קוממען.

כָּל פָּנִים קִבְּצוּ פָארוּר.
יעדעס געזיכט איזט שוואַרץ.

יחֶרֶב חַדָּה מוּנַחַת עַל צַוָּארוֹ.
עס ליגט איהם איין שאַרפע שווערד אויפן האַלדז.

יאוֹי לָרָשָׁע וְאוֹי לִשְׁכֵנוֹ.
וועה איזט דעם פרעפלער (שלעכטען) אונד וועה זיין נאַכבאַר

102 § יט. משה איזט קֶאָניג אין דעם לאַנד כוש.

ווען פרעה דער קאָניג פאָן מצרים האָט זיך דערוואוסט אַז משה האָט געטויטעט דעם מצרי, האָט ער איהם געוואָלט טויטען, איזט משה פאָן איהם ענטלאָפען אין דעם לאַנד כוש. אין דיעזען לאַנד האָט דאַמאָלס געקאָניגט זעהר איין העלדישער קאָניג. פיעל פאָלקער האָבען איהם געדיענט אונד געצאָהלט צינזען (אָפצאָהל). נור דערנאָך האָבען זיינע אונטערטהאַנען ווידערגעשפעניגט אין איהם אונד האָבען איהם מעהר ניכט געוואָלט דיענען; איזט דער קאָניג אויף זיי אַרויס אויף אַ מִלְחָמָה (שטרייט) אונד אויף זיין אָרט האָט ער געלאָזען בלעם'ן דעם צויבערער

(הַמְכַשֵּׁף) ער זאָלל זיין דער פיהרער פאָן דער קאָניגרייך ביז ער ווערט צוריק קוממען פאָן דער שטרייט. ווי דער קאָניג מיט זיין מיליטער זיינען אַרוים פאָן דער רעזידענץ־שטאָדט (הַבִּירָה) האָט בלעם זיך אויסגערופען פיר איין קאָניג אונד די שטאָדט האָט ער בעפעסטיגט מיט שטאַרקע פעסטונגען אונד האָט מיט זיין צויבעריי געבראַכט שלאַנגען אונד שקאָרפיאָנען, דאַס מען זאָלל פאָן קיין זייט ניכט קאָנען צוקוממען צו דער שטאָדט. דער קאָניג האָט זיינע אונטערטהאַנען איינגענוממען אין דער שטרייט אונד ער איזט צוריקגעגאַנגען אין זיין לאַנד מיט גרויס פרייד, אָבער ווי גרויס איז געווען דער שרעק אונד קומער פון דעם קאָניג מיט זיין מיליטער, ווען זיי האָבען דערזעהן דאַס די שטאָדט איזט אַרומגעקרייזט מיט פעסטונגען אונד מויערען אונד אַללע טויערן זיינען פערשלאָסען. זיי האָבען גלייך פערשטאַנען דאַס בלעם דער צויבערער האָט עס געטהון אונד אַללע האָבען געקלאָגט, דער אויף זיין פרוי אונד קינדער, דער אויף זיין פאַמיליע. אָבער זיי האָבען גאָר ניכט געקאָנט העלפען, האָבען זיי בעשלאָסען צו בעלאַגערן די שטאָדט.— אין יענער צייט איזט דאָרט אָנגעקוממען משה אונד ער האָט זיך אָנגעגעבען צו דיענען ביי דעם קאָניגס מיליטער. דער קאָניג האָט איהם מיט גרויס עהרע עמפפאַנגען אונד האָט איהם געמאַכט פיר איין הויפט־מאַנן. משה האָט זעהר פיעל העלדענשאַפט געוויזען אונד האָט אַללע מאָל געשטיגען האָבער אונד האָבער; אויך דאַס גאַנצע מיליטער האָט איהם זעהר געליעבט פיר זיין גוט הערץ. ניין יאָהר האָבען זיי די שטאָדט בעלאַגערט אונד נאָכדעם איזט דער קאָניג געשטאָרבען פאָן גרויס טרויער אונד קומער אונד דאַס מיליטער האָט משה'ן געקריינט אויף זיך פיר איין קאָניג, אונד זיי האָבען געוויינט אונד זיך גע־בעטען ביי משה'ן, ער זאָלל זיי רעטטען; דען זיי איזט עס שאָן איבערדריססיג (קָצוּ) צו שטעהן אַרום שטאָדט. האָט משה בעפאָה־לען, דאַס זיי אַללע זאָללען זיך צוזאַמען קלייבען, אונד ער האָט די אַזוי געזאָגט: ווען איהר זייט מיר ריכטיג טריי אונד איהר ווילט אייער גליק, האָרט מיר צו וואָס איך וועל אייך זאָגען. געהט אַללע אין וואַלד אונד יעדער פאָן אייך זאָל פאַנגען איין

ינגען שטאַרך (באָטשאָן, בושעל) אונד איהר זאָלט איהם האָרע־וזען אונד לערנען פֿליהען וואָהין מען וועט איהם ווייזען (צייגען).

ווי משה האָט זיין בעפֿאָהל געגעבען, זיינען זיי אַללע גלייך (באַלד) אין וואַלד געגאַנגען אונד יעדער האָט געפֿאַנגען איין שטאָרך ווי משה האָט בעפֿאהלען. נאָכדעם ווי די באָטשאַנעס זיינען גרוים געוואָרען, האָט משה בעפֿאהלען, מען זאָלל זיי דריי טאָג ניכט געבען עססען, אונ דאָס מיליטער האָט אַזוי געטהון. דערנאָך איזט משה געגאַנגען מיט זיין מיליטער צו דער זייט פֿאָן שטאָדט וואו די שלאַנגען זיינען אונד ער האָט בעפֿאהלען, דאַס זיי זאָללען די באָטשאַנעס פֿריי (חָפְשִׁי) לאָזען; אונד וויל די באָטשאַנעס זיינען געוועזען זעהר הונגעריג זיינען זיי אָנגעפֿאַללען אויף די שלאַנגען אונד זיי האָבען זיי אויפֿגעגעסען, דאַס עס איזט איינער ניכט געבליבען. דורך דער זייט זיינען זיי אין שטאָדט אַריין אונד זיי האָבען געטוידט מיט דעם שאַרפֿען שווערד אַללע בונטאָוושציקעס; נור בלעם מיט זיינע קינדער זיינען פֿאָן דאָרט ענטלאָפֿען. דאָס גאַנצע פֿאָלק האָט משה'ן געקרוינט פֿיר איין קאָניג אונד זיי האָבען איהם געגעבען דעם געשטאָרבענעמס קאָניגס פֿרוי פֿיר איין ווייב. נור וויל משה האָט געגלויבט אין גאָטט אונד די אַללע שטאָדט־לייט זיינען געוועזען געצענדיענער האָבען די שטאָדט־לייט איהם ניכט געליעבט, אונד אויך זיין פֿרוי האָט פֿאָן איהם פֿערלאַנגט, ער זאָלל איבערגעבען די קאָניג־רייך איהר אָלטסטען זוהן פֿאָן דעם ערשטען מאַנן. משה האָט איהר וואונש ערפֿילט מיט זיין גוטען ווילען אונד דאָס פֿאָלק האָט איהם פֿיעל געשאַנקע געגעבען אונד ער איזט פֿאָן דאָרט אָפּגערייזט...

§ 103

פְּקְדֵנִי נָא לִפְעָמִים — ערמאָן מיך אָפֿט מיט בריעף

חֲדָשִׁים לַבְּקָרִים — (שרייב מיר אָפֿט).

בְּמִכְתָּבִים.

הַרְאֵנִי נָא לָדַעַת כִּי שָׁגִיתִי.	ווייז מיר (צייג מיר) דאָס איך האָב איין אירטהום.
נָקֵל לִהְיוֹת מְבַקֵּר מִהְיוֹת מְחַבֵּר.	עס איזט לייכטער צו זיין איין קריטיקער ווי איין פּערפֿאַסער.
*אַל תָּדִין אֶת חֲבֵרְךָ עַד שֶׁתַּגִּיעַ לִמְקוֹמוֹ.	דו זאָלסט דיין געזעלן ניכט ריכ־טען בעפֿאָר דו קומסט אויף זיין אָרט (שטעללע).
בְּחָפְזָה נָקֵל לְהוֹצִיא מִשְׁפָּט מְעֻקָּל.	אַיילענדיג איזט לייכט צו אַרויס־געבען איין פֿאַלשען אורטהייל.
הַאִם רַק אָח לְצָרָה הִנְנִי?	בין איך דען איין ברודער נור אין אַ נויטה?
בִּזְמַן לֹא כַבִּיר.	ניכט אין איין לאַנגער צייט (אין גיכען).
לְהַשְׂבִּיעַ נַפְשֵׁנוּ הַשּׁוֹקֵקָה וְהַצְּמֵאָה אֵלֶיךָ.	צו זאַטטיגען אונזער זעעלע וועלכע גלוסט אונד דורשט צו דיר.
הָאִישׁ הֶעָשִׁיר וְרַב הָאוֹצָרוֹת.	דער רייכער מאַנן מיט די פֿיעל שאַטצע.
וַיִּקַּח אֶת פְּרִידָתוֹ מֵהֶם.	אונד ער האָט זיך מיט זיי געזועגענט.
(וַיִּפָּרֵד מֵהֶם).	(ער האָט זיך פֿון זיי געשיידט).
וְחֶרֶב פִּיפִיּוֹת בְּיָדָם.	אונד איין שאַרפֿער שווערד אין זייער האַנד.
וַיִּכְרֶה שׁוּחָה עֲמוּקָה.	אונד ער האָט געגראָבען איין טיעפֿע גרוב.
תְּצִלֶּינָה שְׁתֵּי אָזְנָי.	מיינע ביידע אויערן קלינגען.
*חֲבַל עַל דְּלֵית לֵיהּ דַּרְתָּא וְתַרְעָא לְדַרְתָּא עָבִיד.	וועה איזט דעם וואָס האָט קיין הויז אונד ער מאַכט איין טהיר צו דעם הויז.

*דֵּעָה קָנִיתָ מָה חָסַרְתָּ, דֵּעָה חָסַרְתָּ מַה קָנִיתָ?

ווען דו האָסט ערוואָרבען וויססענשאַפט וואָס פעהלט דיר? ווען דיר פעהלט וויססענשאַפט וואָס האָסט דו ערוואָרבען?

*אַדְמוּקְדָךְ יָקוּד זִיל קוֹץ קְנָךְ וְצָלִי.

ווען עס ברענט נאָך דער פייער האַקק (שנייד) דיין פלוצער אונד בראָט.

לָמָּה תִסָּפֶה בַּעֲוֹן חַטָּאתִי?

וואַרום זאָלסט דו פערדאָרבען (פערניכטעט) ווערען דורך מיינע זינד?

הַחוֹלֶה מִתְאַבֵּק עִם מַר הַמָּוֶת.

דער קראַנקער ראַנגעלט זיך מיט דעם ביטטערן טוידט.

הֵמָּה מִתְלַחֲשִׁים בֵּינֵיהֶם.

זיי שושקען זיך צווישען זיך.

דָּאִיתִי אֶל בֵּית אָבִי כְּעַל כַּנְפֵי נְשָׁרִים.

איך האָב צו מיין פאָטערס הויז געפלויגען ווי אויף אָדלער פליגלען.

הָאִישׁ הַזֶּה מְבַקֵּשׁ לוֹ אֵיזוֹ מִשְׂרָה וַעֲבוֹדָה;

דיעזער מאַנן זוכט זיך איין שטעלע אונד אַרבייט.

אַל נָכוֹן טָרוּד אַתָּה בְּיוֹם שׁוּק הַצֶּמֶר.

געוויסס ביסט דו זעהר בעשאָפטיגט מיט דעם וואָלל-מאַרקט.

§ 104 פִינְף אוּנְד פִיעְרְצִיגְסְטֶער בְּרִיעְף.

מיין טייערער פאָטער! שאָן איינינע מאָל האָב איך פאַר דיר ענטדעקט מיין פערלאַנג, דו זאָלסט מיר נאָך אויסלאַנד שיקקען צו האָרען לערנען אין איין שולע, אונד דו האָסט מיר ניכט ענטזאַגט (לא הֱשִׁיבוֹתָ פְּנֵי רֵיקָם) צו פערמיידען פאָן מיר מיין פערלאַנג, נור דיעזעס האָסט דו מיר שטאַנדיג געזאָגט: דו ביסט נאָך צו יונג צו רייזען אין איין פרעמדער שטאָדט אונד לאַנד, אונד דיין קענטנים אין שפראַכען אונד אין אַנדערע וויססענ-שאַפטען זיינען קליין (וועניג). אָבער יעצט קאָנן איך דיר בע-

נאַכריכטען, מיין טייערער פֿאָטער, צו די פֿרייד פֿאָן מיין הערצען אונד געוויסס אויך דיר וועט עס זיין איין פֿרייד, דאַס אין פֿערלויף פֿאָן דער צייט וואָס דו ביסט געוועזען ווייט פֿאָן דיין הויז דורך (לְרַגְלַי) דיין געשאֶפֿט, האָב איך ערוואָרבען פֿיעל וויססענשאַפֿט, אונד איך קאָנן זיך יעצט ריהמען דאַס איך קאָנן (וויים) לעזען אונד שרייבען אַללע מיינע גדאַנקען אין פֿראַנצאָזיש אונד דייטש, אונד איך בין יעצט, גאָטט צו דאַנקען, איין קנאַבע וואָס וויים די צייט פֿון יעדער זאַך (הַיּוֹדֵעַ עֵת לְכָל חֵפֶץ), אונד איך קאָנן זיך שאָן געפֿינען צווישען פֿרעמדע מענשען. — פֿיר איין ריכטיגע צייגנים אויף מיינע קאָנשאַפֿט שיק איך דיר היר אַיינ־געהילט (פֿערוויקעלט) אין זעלבען קאָנווערט (מַעֲטָפָה) צוויי בריעף וועלכע איך האָב דיר געשריבען, איינעם אין פֿראַנצאָזיש אונד דעם אַנדערן אין דייטש, אויך איין בריעף פֿאָן מיינע לעהרער וואָס זיי צייגען (מְעִידִים), דאַס איך האָב פֿלייסיג געלערנט אונד אַללע מיינע וואָרטער צו דיר זיינען וואַהר אונד ריכטיג. קום נור, מיין טייערער פֿאָטער, אַהער אונד שיק מיך נאָך אויסלאַנד אום איך זאָלל ווערען איין פֿערשטאָנדיגער מענש, דען דאָ איזט פֿיר מיר קיין אָרט נישט. איך ערוואַרט דיר אונגעדולדיג.

דיין זוהן וואָס האָפֿט זיך זעהען מיט דיר אין גיכען...

§ 105 זֶעכְּס אוּנְד פִיעְרְצִיגְסְטֶער בְּרִיעְף.

מיין טייערער פֿריינד! איך זאָג דיר אָן נייעס, נייעס פֿון וועלכע מיר האָבען שאָן איינינע מאָל גערעדט איינער צום צווייטען אונד געגלוסט אַז זיי זאָללען שאָן קומען. אונד דאַס איזט עס: צוליעב (לְרַגְלֵי) מיין פֿאָטערס געשאָפֿט וועלען מיר זיך אַריינ־ציהען (נָבוֹא) וואָהנען אין דער שטאָדט וואָ דו געפֿינסט זיך, דאַנן וועלען זיך שאָן בעשטאָטיגען (יְקֻיְּמוּ) אונזערע וואָרטער אונד וואונש, אויף וואָס מיר האָבען יעדען טאָג געבעטען (הִתְפַּלַּלְנוּ), דאַס אַזוי ווי מיר זיינען יעצט נאָהענט גייסטליך אַזוי זאָללען מיר

זיין נאָהענט איינער צו דעם צווייטען קאָרפּערליך, אום מיר וואָללען קאָנען ענטדעקען אונזערע געדאַנקען איינער פיר דעם צווייטען מינדליך, אונד מיר ווען צוזאַממען פלייסיג לערנען; „דען עס איזט בעססער צוויי אַלס איינער” האָט געזאָגט דער קלוגער קאָניג. אַך! ווי אַנגענעהם (ליעבליך) איזט דאָס זיטצען ברידערליך צוזאַמען אונד לערנען פלייסיג אונד אונטערהאַלטען זיך (לְהִשְׁתַּעֲשֵׁעַ) אין געזעלשאַפט פאָן איין ליעבליבען פריינד. אונד יעצט, מיין פריינד, זיי גרייט צו דער צייט וואָס איך וועל קוממען אין דער שטאָדט וואָ דו וואָהנסט. נור איידער עס וועט קומען די גוטע צייט אונד בעפאָר מיר וועלען זיך זעהען געזיכט געגען געזיכט זאָלסט דו דיין גוטס פאָן מיר ניכט פערמיידען אונד זאָלסט ניכט אָפּהאַלטען (פערמיידען) דיינע בריעף פאָן מיר, דען דו ווייסט דאָך ווי טהייער איזט דיין בריעף אין מיינע אויגען אונד ווי ליעבליך זיינען מיר דיינע וואָרטער. זעה ערפילל מיינע וואָרטער.

דיין פריינד...

§ 106

שְׁפִיל וְאָזִיל בַּר־אַוְזָא וְעֵינוֹהִי מְטַיְּפָא.

איינע ענטע (קאַטשקע) געהט ניעדעריג, אַבער איהרע אויגען קוקען וויט.

בְּרֹאשׁ הָעִיר עוֹמֵד אַנְדַּרְטָא לְזֵכֶר הַגִּבּוֹר הַנַּעֲרָץ.

אין רעכטען מיטטען שטאָדט שטעהט איין מאָנומענט (סטאַטוע=בילד) צום אַנדענקען פאָן דעם שטאַרקען העלד.

כַּאֲשֶׁר יִקְרָא הַבַּלָּן: „מִי פֶּתִי יֵצֵא מִבֵּית־הָרַחְצָה” יְמַהֵר הַכְּסִיל לַעֲנוֹת: „גַּם כַּסְפִּי לֹא עָפָר הוּא”.

ווען דער באָדער רופט אוים: „איין נאַרר פאָן באָד אַרויס!” אָנטפערט געשווינד דער נאַרר: „מיין דרייער איזט דען קיין דרייער ניכט?”

הֲלֹא יָדַעַתְּ כִּי לָקַחְתִּי חֵבֶל בְּדַאֲגָתֵךְ וְתוּגָתֵךְ.	דו ווייסט דאָך דאס איך האָבֿ איין טהייל גענומען אין דיין זאָרג אונד דיין קוממער.
הַקֻּלְמֹר עוֹמֵד עַל שֻׁלְחַן הַכְּתִיבָה.	דאָס שרייבֿ־געצייג שטעהט אויף דעם שרייבֿ־טיש.
כַּאֲשֶׁר עֵינֶיךָ תֶּחֱזֶינָה מֵישָׁרִים.	ווי דיינע אויגען וועלען ריכֿטיג זעהען.
הִזָּהֵר בְּרוּחֲךָ כִּי כֵן לֹא יָאֲתָה לְאִישׁ כָּמוֹךָ.	היטט דיך מיט דיין גייסט (צאָרן), דען אזוי פאסט ניכֿט פֿיר איין מענשען ווי דו.
לֹא כִחַדְתִּי מִמְּךָ דָּבָר.	איך האָבֿ פֿאָן דיר קיין זאַך גע־לייקענט.
הִיא בָאָה בִּמְסֹרֶת בְּרִית הַנִּשּׂוּאִין.	זי האָט געהייראַטעט (חתונה גע־האט).
יְפַת תֹּאַר וִיפַת מַרְאֶה.	איין שאָן געשטאַלט אונד איין שאָנעם בילד.
אֵין מְבִיאִין רְאָיָה מִן הַשּׁוֹטִים.	מען ברענגט ניכֿט קיין בעוויז פֿאָן נאַררען.
לִבִּי וְנַפְשִׁי נְתוּנִים הֵם לָךְ.	מיין הערץ אונד מיין זעעלע וויינען דיר איבערגעגעבען.
נַחְתִּי מֵעֲמָלִי הָרַב וְנַפְשִׁי שָׁבָה לִמְנוּחָתָהּ.	איך האָבֿ גערוהט פֿאָן מיין פֿיעל מיה אונד מיין זעעלע האָט זיך בערוהיגט.
חֲשַׁדְתָּ אוֹתִי בְּמַה שֶׁאֵין בִּי.	דו האָסט אויף מיר פֿערדאַכֿט אין דעם וואָס איך וויים ניכֿט.
אֵין כָּל נִסְתָּר וְנֶעְלָם מִמֶּנּוּ	עס איזט פֿיר איהם ניכֿט דאָ קיין פֿערבאָרגענעס.

מִקְרֶה זָר וְנִפְלָא.	איין פרעמדע (אונגעוואָהנליכע) אונד וואונדערבאַרע טרעפפונג (אַ זעלטענער צופאַלל).
עָנִי הַמְחַזֵּיר עַל הַפְּתָחִים	איין אָרמער וועלכער געהט אין די הייזער.
וַיַּרְא כִּי בֶרַע הוּא.	ער האָט געזעהען דאַס עס איזט שלעכט מיט איהם.
נִשְׁחַק עַל מִשְׁבַּתּוֹ וַיַּסְגִּירֵהוּ לַשּׁוֹפְטִים.	ער האָט געלאַכט אויף זיין מַפָּלָה אונד ער האָט איהם איבערגעגעבען צו די ריכטער.
בַּעֲבוּעַ שֶׁבְּחָבִיּוֹת שֵׁכָר.	דער שוים (די בלאָזלעך) פאָן די פאָססער ביער.
הַיּוֹם שָׁתִיתִי יֵין צִמּוּקִים.	איך האָב היינט געטרונקען ראָזינקעס וויין.
הַמַּיִם יוֹרְדִים מִן הַמַּזְחִילָה (הַמַּרְזֵב) אֶל הַבִּיב.	דאָס וואַססער רינט פאָן רינע אין רינשטאָקק.
אִם יַשְׁלִיךְ כְּסִיל אֶבֶן אֶל בּוֹר, לֹא יוֹצִיאוּהָ כָּל חַכְמֵי הַדּוֹר.	ווען איין נאַרר וואַרפט אַריין איין שטיין אין גרוב, וועלען צעהן קלוגע ניכט אַרויסנעהמען.

§ 107 זִיעבֶּען אוּנְד פִיעְרְצִיגְסְטֶער בְּרִיעְף.

מיין טייערער פאָטער! עס איזט שאָן פאָראיבער פיעל טאָג וואָס מיר האָבען פאָן דיר, מיין טייערער פאָטער, קיין בריעף ניכט ערהאַלטען. דו קאָנסט זיך פאָרשטעללען אונד פערשטיין דעם קומער פאָן אונזער הערץ אונד די דריקונג וואָס דריקט אונז דיין לאַנג שטילשווייגען, דען דו ווייסט דאָך ווי מיר זיינען צו דיר צוגעבונדען אונד בעהעפט, אונד דיינע בריעף זיינען אונז ווי קוועליגע וואַססער מיט וועלכע מיר זאָטיגען אונזער גייסט וואָס

גלוסט אונד דורשט צו דיר. איך וויס גוט, דאס דיר איזט שווער צו שרייבען אונז בריעף שטאנדיג אין ארדענונג, דורך דעם וואללמארק וואס דו ביסט אין איהם זעהר בעשעפטיגט, נור פיר אונז רעכען איך אויף ריכטיג, קאנסט דו אפרויבען פיעל ווענ̇יג צייט, נור פינף מינוט, אונז שרייבען גאנץ קורץ, בענאכריכטען אונז פאן דיין פריעד אונד געזונד אום אונז צו בערוהיגען. מיט דעם ווערסט דו אונז גאר בעלעבט מאכען אונד דען פריעדען פאן אונזער הויז אויף זיין ארט (כנו) שטעללען; דען ווען דו ביסט ניכט מיט אונז אונד איין בריעף פאן דיר אויך ניכט, וואס איזט מיט אונז? ועה, טהייערער פאטער, צו ערפיעלען דען וואונש פאן אונזער הערץ צו גוטען אונד אונז דערמאנען אפט מיט בריעף, אבוואהל ניכט קיין גרויסע אונד לאנגע געשריבען פאן אללע זייטען.

דיין זוהן...

§ 108 אַכְט אוּנְד פִיעְרְצִיגְסְטֶער בְּרִיעְף.

מיין פריינד אונד געזעלען! איך האב אויף דיר געהארט דאס דו ביסט צום עקזאמען געשטאנען אונד דו האסט אויסגענוממען ביי די עקזאמענירער (פראבירער), דען דו האסט קלוג געאנטווארטעט (השׂכּלת לענות) זיי אויף זייערע אללע פראגען, אונד אין קורצען ביסט דו שאן איין שילער פאן גימנאזיום. דיעזע נאכריכט האט מיר ווירקליך פערשאפט פיעל פרייד אונד פערגעניגען, נור עטוואס קומער אונד שמערץ איזט אין איהר געמישט (מהול), דאס וואס דו האסט מיך ניכט דערמאנט ווען דיר איזט פראהליך (ווען דו פריידסט זיך) אונד גוט, אונד דו האסט מיך אין גאנצען פערגעססען צו בענאכריכטען מיר פאן דיין גליק אונד גוטס. דו וויסט דאך ווי איך האב איין טהייל גענומען אין דיין זארג אונד קומער אין פאריגען יאהר ווען דו ביסט ארויס פאן עקזאמען פארבראכען די האנד (ווען דו האסט ניכט אויסגעהאלטען), אונד יעצט האסט דו מיר גאר אין גאנצען פערגעססען.

בין איך דענן דיר נור א ברודער אין נויטה? אונד איזט דאס דער־
לאהן פאן ארענטליכע, אונד די ליעבשאפט פאן גוטע פריינד?
אזוי ווערט ניכט געטהון! אייל נור, מיין פריינד, צו בענאכריכטען
מיר די אורזאכע פאן דער פערמיידונג דיינער בריעף צו מיר;
אונד ווער וואלט געבען דאס איך זאלל איין אירטהום האבען
(אֶשְׁגֶּה) אין מיין אורטהייל אויף דיר, דו זאלסט מיר צייגען דאס
איך האב געאיררט אונד איך זאל זאגען דאס איילענדיג האב איך
איין פאלשען אורטהייל אויף דיר ארויסגעגעבען (הוֹצֵאתִי עָלֶיךָ
מִשְׁפָּט מְעֻקָּל).

דיין פריינד וועלכער ערווארטעט אונגעדולדיג דיין בריעף...

109 § נֵיין אוּנְד פִּיעְרְצִיגְסְטֶער בְּרִיעְף.

מיין פריינד אונד געזעלען! דו ווייסט דאך דעם שפריכווארט;
„עס איזט לייכטער (גרינגער) צו זיין איין קריטיקער ווי איין פער־
פאסער" אונד איך וועל נאך צוגעבען (אוֹסִיף) דאס „עס איזט
לייכט ארויסגעבען (לְהוֹצִיא) אין קרומען אורטהייל אויף איין מענשען,
בעפאר דו ווערסט קוממען (גרייכען) צו זיין ארט, אונד בעפאר
דיר האט געטראפען דאס וואס איהם האט געטראפען". דען אויך
דו, וואס דו ביסט שאן לאנג איבערציינגט געווארען אונד ווייסט
(נוֹכַחְתָּ לָדַעַת) מיינע שטארקע פריינדליכקייט צו דיר, ווי מיין
הערץ אונד זעעלע זיינען איבערגעגעבען צו דיר אונד קיין זאך
איזט פערבארגען פאן דיר פאן אללעם וואס מיט מיר איזט, פאן
דעסטוועגען האסט דו מיר פערדאכט (חושד געוועזען) אין דעם;
דען ווי באלד איך בין נור פאן שולע־עקזאמען ארוים האב איך
ווי אויף אדלער־פליגלען געפלויגען אהיים צו מיינע עלטערן. אונד
נאכדעם ווי איך האב אביססעל אפגערוהט פאן מיינע פיעלע אונד
שווערע ארבייט, אונד ווי מיין הערץ (זעעלע) האט זיך בערוהיגט
איזט גלייך דאס שרייב־געצייג אויף דעם טיש געשטעלט געווארען
אונד איך האב גלייך מיין האנד צו דער פעדער אויסגעצויגען דיר
איין בריעף צו שרייבען, בענאכריכטען דיר פאן דעם אונד פאר־

שטעלען דיר אַללעס ריכטיג, יעדער זאַך בעזונדער. איך האָב קיין זאַך ניכט פערבאָרגען, ווי דו ווערסט ריכטיג זעהן פאָן מיין בריעף, וועלכען דו האָסט יעצט שאָן געוויס בעקוממען. יעצט קאָנן איך דיר זאָגען, מיין פריינד, דאָס איך צאָרען ניכט אויף דיר פיר דיין בריעף, דען איך וויים דאָס ניכט אוים שלעכטס אונד צאָרן אויף מיר האָסט דו דיעזעס מיר געשריבען, נור אוים דיין גרוים פריינדשאַפט צו מיר. מיר פערדריסט נור וואָס דו ווערסט גיך אין צאָרן אונד אַזאָלכעס פאַסט ניכט פיר איין מענשען ווי דו.

דיין פריינד...

§ 110

לֹא יְאֻמַּן כִּי יְסֻפָּר.	עס גלויבט זיך ניכט ווען מען וועט ערצהאָלען.
יְהַלֶּלְךָ זָר וְלֹא פִיךָ.	זאָלל דיך איין פרעמדער ריהמען אָבער ניכט דיין אייגען מויל.
הָאִישׁ הַזֶּה הוּא מִשְּׁלֹמֵי אֱמוּנֵי יִשְׂרָאֵל.	דיעזער מענש איזט איין פרומער יודע.
דָּבָר מַה יָּצוּק בָּזֶה.	עס איזט עטוואָס פערשטעקט אין דעם.
וַיִּדְפֹּק אֶת סוּסוֹ וַיַּעֲבֹר מִמֶּנּוּ.	ער האָט זיינע פערד אָנגעטריבען אונד האָט פאָן איהם אָפגערייזט.
וַיִּתְוַדֶּה וַיֹּאמַר, כִּי רוּחַ רָעָה עָבְרָה עָלָיו לַעֲשׂוֹת מִדָּה.	אונד ער האָט זיך מודה געוועזען, דאָס איין שלעכטער גייסט איז אויף איהם געקוממען, צו טהון איין פעהלער (זינד).
הֲיָדַעְתָּ אֶת הָאִישׁ הַזֶּה וְשִׂיחוֹ וְשִׁגּוֹ?	קאָנסט דו דיעזען מאַנן אונד זיינע רייד? (זיינע אונטע־האַלטונג אונד אויפפיהרונג).

טוֹב אוֹהֵב יָשָׁן אֶחָד מִשְּׁנַיִם חֲדָשִׁים.

בעסער איין אַלטער גוטער פריינד פיר צוויי נייע.

יָם זוֹעֵף חַיֵּינוּ.

אונזער לעבען איזט איין שטורעמדיגער מעער.

הָאֱמֶת נֶעְדֶּרֶת.

די וואַרהייט פעהלט.

הוּא בָא מִבְּעוֹד יוֹם.

ער איזט געקומען ווען עס איזט נאָך גרויסער טאָג געוועזען.

דּוֹדִי מַחֲזִיק אֶת בֵּית־הַמָּלוֹן הָעוֹמֵד בְּאֶמְצַע הַדָּרֶךְ.

מיין אָנקעל האַלט די קרעצמע וועלכע שטעהט אין מיטטען וועג.

נִפְצַר בּוֹ עַד מְאֹד.

ער האָט איהם שטאַרק געבעטען.

וַיַּשְׁלֵךְ אֶת צְרוֹר כַּסְפּוֹ עַל הָאָרֶץ.

ער האָט זיין בינדעל געלד געוואָרפען אויף דער ערד.

וַיָּקָם עָלָיו לְהָרְגֵהוּ:

אונד ער איזט אויפגעשטאַנען אויף איהם צו ערמאָרדען איהם.

זוּג תְּפִלִּין.

איין פּאָאר תפלין.

וַיְסַפֵּר אֶת הַמִּקְרֶה הַמּוּזָר הַזֶּה לְמַכִּירָיו.

אונד ער האָט ערצאָהלט די וואונדערבאַרע טראָפפונג צו זיינע בעקאַנטע.

הַנַּעַר נִשְׁאַר עָרֹם וְעֶרְיָה מִכָּל יְרֻשַּׁת אָבִיו.

דער קנאַבע איזט געבליבען לעדיג אונד נאַקעט פאַן זיין גאַנץ פאָטערס ערבטהייל.

אַל תִּדְאַג דַּאֲגַת מָחָר, כִּי לֹא תֵדַע מַה יֵּלֶד יוֹם.

זאָרג ניכט וועגען מאָרגען, דען דו ווייסט ניכט וואָס מאָרגען וועט זיין.

טוֹב בֵּיצָה אַחַת הַיּוֹם מִשִּׁבְעָה אֶפְרֹחִים לְמָחֳרָתוֹ.

בעסער היינט איין איי ווי זיעבען יונגע פאָגליך מאָרגען.

טָבָא חֲדָא צִפֳּרָא בְּכַפּוּתָא מִן מְאָה פָּרְחִין.

בעסער איין פֿויגעל אַ געבונדענע פֿיר הונדערט פֿליהענדע.

יָקָר מִכֹּל אִמְרֵי שֶׁפֶר יֹדֵעַ לַחֲשׁוֹת בְּעִתּוֹ.

טהייערער פֿיר אַללע שאָנע וואָרטער איזט צו קאָנען שווייגען אין דער צייט.

מַעֲנֵה הֶחָכָם לְאִישׁ כְּסִיל הַחֲרֵשׁ וְדוּמָם.

די אַנטוואָרט פֿאָן קלוגען צו דעם נאַרר איזט דאַס שווייגען.

יְפִי הַגְּבָרִים שִׂכְלָם.

די שאָנהייט פֿאָן מאַנסלייט איזט זייער פֿערשטאַנד (קלוגשאַפֿט).

§III כ. די דְרַיי רַייכֶע פָאן יְרוּשָׁלַיִם.

ווען נירון קיסר איזט ענטלאָפֿען פֿאָן זיין שטרייט מיט די יודען אונד ער האָט זיך מְגַיֵר געוועזען, האָט דער ראָמישער קאָניג געשיקט אַספּסינוס קיסר אונד ער האָט איף ירושלים בעלאַגערט דריי יאָהר. זיינען דאָרט געוועזען דריי רייכֿע: נקדימון בן גוריון, כלבא שבוע, ובן ציצית הכסת. איינער האָט געזאָגט: ער וועט שפּייזען די גאַנצע שטאָדט מיט ווייץ אונד גערשטען, איינער — מיט וויין אונד זאַלץ אונד איינער — מיט האָלץ. זיי האָבען מיט דעם געקאָנט שפּייזען די אַללע אַיינוואָהנער פֿאָן ירושלים איין אונד צוואַנציג יאָהר. די געלעהרטע (קלוגע) האָבען געוואָלט מאַכֿען פֿריעדען, האָבען די שלעכֿטע מענשען (בְּנֵי בַרְיוֹנֵי) ניכֿט געלאָנען, דען זיי האָבען געוואָלט נור שטרייטען, האָבען די געלעהרטע געזאָגט דאַס זיי וועלען ניכֿט קאָנען איינעהמען (לִכְבּשׁ) אונד זיך שטאַרקען גענען דעם פֿיינד; האָבען די שלעכֿטע פֿערברענט די אַללע שאָטצע, אום זיי זאָללען מוזען געהן שטרייטען מיט די ראָמער...

112 § כא. די צערשטערונג פאן ביתר.

וועגען איין אקס פאן איין וואגען איזט די שטאדט ביתר וויסט געווארען. ביי יודען איזט געוועזען איינגעפיהרט, דאס ווען עס איזט געבארען געווארען איין זוהן האט מען געפלאנצט איין צעדערבוים, אונד ווען איין טאכטער האט מען געפלאנצט איין סאסנעבוים, אונד אויף זייער האכצייט האט מען פאן די בוימער געמאכט ווילען (סטאלבעס, עמודים) צו דער חופה. איינסט האט דורכגערייזט דורך דער שטאדט ביתר דעם ראמישען קאניגס טאכטער, איזט צובראכען געווארען די אקס פאן וואגען אין וועלכען זי איזט געפאהרען, זיינען איהרע קנעכט געגאנגען אונד האבען אפגעהאקט איין געפלאנצטען בוים אונד האבען דערפון געוואלט מאכען איין אקס; זיינען די יודען אנגעפאלען אויף די ראמער אונד האבען פיעל פאן זיי געטויטעט. די רייזענדער האבען ערצאהלט דעם קאניג אונד האבען איהם געזאגט דאס די יודען האבען אין איהם ווידערגעשפעניגט, האט ער געשיקט פיעל מיליטער אונד זיי האבען וויסט געמאכט די שטאדט ביתר.

113 § כב. דער לאווע אונד דער שטארך.

הדרינוס דער קאניג פאן רומי האט די יודען ערלויבט צו בויען דעם בית המקדש. נאכדעם האט ער חרטה געקריגען. האט דאס גאנצע פאלק אויף איהם פערדראסען (אין צארן געווארען) אונד זיי האבען געוואלט ווידערשפעניגען. האט זיי רבי יהושע געזאגט איין ביישפיעל: אמאל האט איין לאווע צוריססען איין טהיר אונד עס האט זיך איהם איין ביין אין האלדז געשטעלט, ניכט צו איינשלינגען אונד ניכט אויסשפייען (להקיא); האט ער גענעבען צו וויססען, דאס ווער עס וועט פאן זיין האלדז דעם ביין ארויס-נעהמען וועט בעלאהנט ווערען מיט איין גרויסען לאהן. איזט

געקוממען דער שטארך וועלכער האט איין לאנגען האלדז מיט איין לאנגען שנאבעל (חרטום) אונד ער האט ארייננעשטעקט אין דעם לאוועס האלדז, האט ארויסגענוממען דעם ביין פאן זיין האלדז אונד האט איהם גערעטטעט פאן טויט. נאכדעם האט ער געבעטען זיין לאהן וואס איהם קוממט, ווי דער לאווע האט צוגעזאגט. האט דער לאווע איהם געאנטווארטעט: גענוג פיר דיר וואס דו האסט דיין האלדז פאן מיר ארויסגעצויגען גאנץ אונד געזונד, ווילסט דו נאך לאהן?—אזוי איזט מיט אונז, האט געזאגט רבי יהושע, עס איזט אונז גענוג וואס מען לאזט אונז לעבען, ווארום זאלען מיר נאך זוכען בעססערם?...

§ 114

שמר רגליך מלכד לבל תפל בפח.

היטע דיינע פיסס פאן געפאנגען ווערען דו זאלסט ניכט ארייננפאללען אין נעטץ.

ישנם אנשים אשר הדרת זקנה ושיבה, תם וצדק על פניהם ישכנו ולבם הרת ערמה ומזמה.

עס גיבט מענשען וואס די שאנהייט פאן אלטער, פרומקייט אונד ארענטליכקייט רוהען אויף זייער געזיכט אונד זייער הערץ איזט פולל (טראגט) ניעדערטרעכטיגקייט אונד שלעכטס.

נער שובב ההולך בשרירות לבו.

איין ווילדער קנאבע וואס געהט נאך די לוסט פאן זיין הערץ.

היהפך כושי עורו ונמר חברברותיו?

קאנן דער נעגער זיין הויט (די שווארצע) פערבייטען אונד דער טיגער זיינע פלעקען?

הוא נהפך לאיש אחר.

ער איזט אומגעענדערט געווארען.

מה דעלך סני לחברך לא תעבד.

וואס דו האסט פיינט זאלסט דו דעם צווייטען ניכט טהון.

זו היא כל התורה כלה.

דאס איזט די גאנצע לעהרע.

וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ.	האָב ליעב דיין געזעלען ווי דיך זעלבסט.
אִי־הַבָּעַת וְהַבְטָּלָה כָּל מְזִמּוֹתָיו.	אונוויססען אונד לעדיגגעהן איזט זיינע אללע געדאנקען.
לְפַלֵּס מַעְגַּל דַּרְכֵּנוּ.	צו וועגען די טריט פאָן אונזער וועג.
מֵהַמִּקְרֶה הַזֶּה נוּכַל לִלְמֹד מוּסַר הַשֵּׂכֶל.	פאָן דיעזע טרעפפונג קאָנען מיר זיך אָפלערנען איין קלוגע שטראָף.
וַיַּךְ בְּצִדְיָה עַל רֹאשׁ הַשּׁוּעָל.	אונד ער האָט מיט כּיוָן (ליסט) געשלאָגען אויף דעם קאָפף פאָן פוקס.
עַל פִּי שְׁנַיִם יָקוּם דָּבָר.	דורך צוויי וועט די זאך ווערען בעשטיממט.
הוּא חִכָּה — וַיְחַכֶּה — לְמִשְׁפָּטוֹ.	ער האָט געווארט אויף זיין אורטהייל.
וַיֵּעָתֵר לְבַקָּשָׁתוֹ.	אונד ער איזט איבערגערעדט געוואָרען צו זיין פערלאַנג.
רְאֵה נָא כִּי הַצֶּדֶק אִתִּי.	זעה נור דאס איך האָב רעכט.
יֵשׁ לִי גַּעְגּוּעִים עָלֶיךָ.	איך בּיינק נאָך דיר.
נָפַל תּוֹרָא חֲדַד לְסַכִּינָא.	איזט דער אָקס געפאללען, שארף דעם מעססער.
אֵין הַקֹּמֶץ מַשְׂבִּיעַ אֶת הָאֲרִי וְאֵין הַבּוֹר מִתְמַלֵּא מֵחוּלְיָתוֹ.	איין פוללע האנד קאָנן ניכט זאט מאכען איין לאָווע, אונד איין גרוב קאָנן ניכט ווערען פולל פאָן זיינע ערד (וואָס מען האָט פאָן איהם געגראָבען).
תֶּבֶן אַתָּה מַכְנִיס לַעֲפָרַיִם?	שטרוי בריינגסט דו אריין אין מיסטאָרט (וואָס דאָרט געפינט זיך פיעל שטרוי).

נָזִירָא! סְחוֹר סְחוֹר לְכַרְמָא לָא תִקְרַב.

נזיר (וואָס טאָר קיין וויין ניכֿט טרינקען) דרעה זיך אַרום דעם וויינגאָרטען, אָבער צו איהם זאָלסט דו ניכֿט גענאָהנען.

מָקוֹם הִנִּיחוּ לוֹ אֲבוֹתָיו לְהִתְגַּדֵּר בּוֹ.

זיינע עלטערן האָבען איהם געלאָזען איין אָרט זיך צו ערהאָבען מיט איהם.

וַיִּקְרָא לוֹ דְרוֹר.

אונד ער האָט איהם פֿריי געלאָזען.

הֲלֹא פְדִיתִיךָ מִמָּוֶת וְאֶת נַפְשְׁךָ הִצַּלְתִּי.

איך האָב דאָך דיך ערלאָזט פֿאָן טויט אונד דיין זעעלע גערעטטעט.

וַיִּשָּׁבַע לוֹ עַל הַדָּבָר הַזֶּה.

אונד ער האָט איהם אויף דעם געשוואָרען.

~~~~~~~~~~

§ 115 כג. דֶער חֻרְבָּן פָאן יְרוּשָׁלַיִם.

איין גרויסער מאַנן פֿאָן די יודען האָט געמאַכֿט איין מאָהלצייט אויף וועלכֿען עס זיינען געוועזען איינגעלאַדען (גערופֿען) אַללע קלוגע פֿאָן דער שטאָדט. ער האָט געהאַט איין גוטען פֿריינד מיט דעם נאָמען קמצא אונד איין פֿיינד מיט דעם נאָמען בר־קמצא. ער האָט זיין קנעכֿט געשיקט רופֿען זיין גוטען פֿריינד קמצא, נור דער קנעכֿט האָט איין אירטהום געהאַט אונד האָט גערופֿען זיין פֿיינד בר־קמצא. ווי דער ווירטה האָט דערזעהן בר־קמצא'ן זיין פֿיינד האָט ער איהם געזאָגט: וואָס טהוסט דו אין מיין הויז? געה פֿאָן היר אַרויס! בר־קמצא האָט זיך ביי איהם געבעטען ער זאָלל איהם ניכֿט פֿערשאָמען, ער וועט איהם בעצאָהלען פֿיר דעם גאַנצען מאָהלצייט וויפֿיעל ער קאָסט אונד ער זאָל איהם ניכֿט פֿערשאָמען; אָבער ער האָט ניכֿט געוואָלט אונד האָט איהם פֿאָן זיין הויז אַרויסגעשטויסען. האָט דער פֿערשאָמטער געזאָגט: ווייל די קלוגע האָבען געזעהען אונד האָבען איהם ניכֿט געשטער
~~~~~~~~~~

(כֵּהוּ) אין דעם, וועל איך געהן אונד וועל פערליימדען (אָנקלאָגען) אויף זיי פאַר דעם ראָמישען קאָניג.

ער איזט צו דעם קאָניג געקוממען אונד האָט איהם געזאָגט: די יודען האָבען אין דיר ווידערגעשפעניגט; ווען דו ווילסט איבערצייגט ווערען אויב עס איזט ריכטיג וואָס איך זאָג דיר, שיק די יודען איין אָפּפער וועלען זיי ניכט וועלען אָפּפערן. דער קאָניג האָט געשיקט דורך בר־קמצא'ן איין אָפּפער. אויף דעם וועג האָט בר־קמצא געמאַכט אין דעם אָפּפער איין פעהלער וועלכער ביי זיי, די ראָמער, איזט עס קיין פעהלער ניכט אונד ביי יודען איזט עס יאָ איין פעהלער. האָבען די געלעהרטע (קלוגע) פאָן די יודען געוואָלט אָפּפערן כדי צו שטעללען צופריעדען דען קאָניג (מִפְּנֵי שְׁלוֹם מַלְכוּת), האט זיי רבי זכריה בן אבקילס געזאָגט: מען וועט זאָגען דאָס מען אָפּפערט מיט פעהלערן אויף דעם אלטאַר. האָבען זיי איהם, בר־קמצא'ן, געוואָלט טוידטען, דאָס ער זאָלל אויף דער פאָלק ניכט פערליימדען (אָנקלאָגען), האָט זיי זכריה געזאָגט: מען וועט זאָגען דאָס ווער ער מאַכט איין פעהלער אין איין אָפּפער (הייליגקייט, קָדָשִׁים) ווערט געטוידט. בר־קמצא האָט עס געגעבען צו וויססען אין רומי, דאָס מען האָט דעם אָפּפער פאָן קאָניג ניכט געאָפּפערט. האָט דער קאָניג פאָן רומי אויף זיי געשיקט נירון קיסר. ווען ער איזט געקוממען נאָהענט צו ירושלים האָט ער איין פייל (חֵץ) געוואָרפען אין אַללע פיער זייטען אונד ער איזט אַלץ געפאַלען אויף ירושלים. האָט נירון קיסר אָנגעטראָפען איין קינד געהט פאָן חדר, זאָגט ער צו דעם קינד: זאָג מיר דיין פסוק וואָס דו האָסט היינט אין חדר געלערנט, האָט דאָס קינד איהם געזאָגט: „איך וועל געבען מיין ראַכע (נִקְמָתִי) אין אדום דורך מיין פאָלק יודען". האָט נירון קיסר געזאָגט: גאָט וויל וויסט מאַכען זיין בית־המקדש אונד נאָכדעם ראַכע נעהמען פאָן מיר. איזט ער ענטלאָפען אונד האָט זיך מגייר געווען, אונ פאָן איהם איזט ארויסגעקוממען רבי מאיר.

§ 116

גַּם צִפּוֹר שִׁלַּחְתָּ עוֹד תָּשׁוּב תְּצוּדֶנָּה, דָּבָר נִמְלַט מִפִּיךָ לֹא יָשׁוּב לְעוֹלָם.

אויך איין פֿאָגעל וועו דו האָסט ארויסגעשיקט קאָנסט דו צוריק פֿאַנגען, אָבער איין וואָרט וועו דו האָסט פֿאָן מויל אַרויסגערעדט וועט ער שאָן אויף עוויג ניכֿט צוריק קוממען;

בְּאֹרֶךְ אָזְנַיִם יִכָּר חֲמוֹר וּכְסִיל בְּאֹרֶךְ לָשׁוֹן.

דורך זיינע לאַנגע אויערען ווערט ערקאָנט איין עזעל אונד איין נאַרר דורך זיין לאַנגע צונג (פֿיעל שפּרעכֿען).

אֵין לְךָ אָדָם שֶׁאֵין לוֹ שָׁעָה, וְאֵין לְךָ דָּבָר שֶׁאֵין לוֹ מָקוֹם.

עס גיבט ניכֿט קיין מענש וואָס זאָלל ניכֿט האָבען קיין שטונדע (איין גליקליכֿע צייט), אונד עס גיבט ניכֿט קיין זאַך וואָס זאָלל ניכֿט געפֿינען איין אָרט (צו נוטצען).

אֵין כָּל חָדָשׁ תַּחַת הַשָּׁמֶשׁ

עס גיבט קיין נייעס אונטער דער זאָננע.

יָשָׁן שֶׁכְּבָר נִשְׁכַּח זִכְרוֹ, חָדָשׁ הוּא תַּחַת הַשָּׁמֶשׁ.

אַלטעס וואָס איזט שאָן לאַנג געוואָרען פֿערגעססען (אַלטע פֿערגעססענע זאַכֿען) איזט נאָכֿדעם ניי.

נִוֹּכַח אוֹתוֹ עַל פָּנָיו.

אונד ער האָט איהם געשטראָפֿט אין געזיכֿט.

עָלֶיךָ לָדַעַת לְכַלְכֵּל אֶת מַעֲשֶׂיךָ.

דו דאַרפֿסט וויססען ווי זיך צו פֿיהרען.

הַבְּשׂוֹרָה הָרָעָה הָלְמָה וּמָחֲצָה אֶת לִבּוֹ.

די שלעכֿטע נאַכֿריכֿט האָט צוקלאַפּט אונד פֿאַרוואונדעט זיין הערץ.

נִיבַקְשֵׁהוּ בְּתַחֲנוּנִים: חָנֵּנִי נָא וּמַלְּטָה נַפְשִׁי.

אונד ער האָט איהם געבעטען מיט געבעט: ערבאַרם זיך אונד רעטטע מיין זעעלע.

הוּא תוֹעֶה בַּדֶּרֶךְ.

ער בלאָנדזעט אין וועג.

אֶת סִפְרֵי לִמּוּדוֹ זָרָה הָלְאָה מִמֶּנּוּ.	זיינע לעהר־ביכער האָט ער פאָן זיך ערוויטערט.
תָּאֵר נָא לִי עַל הַגִּלָּיוֹן אֶת תֹּכֶן הַסֵּפֶר הַזֶּה.	בעשרייב מיר אויף דעם פאַפּיער דעם סיוזעט (אינהאַלט) פאָן דיזעם בוך.
הֲיֵשׁ לְךָ בּוֹרִית בְּצַלַּחְתְּךָ?	האָסט דו זייף אין דיין קעשענע?
כְּפִי הַמְדֻבָּר בֵּינֵיהֶם.	ווי זיי האָבען אָפּגערעדט.
הַשּׁוֹמֵר לֹא שָׁמַר כָּרָאוּי.	דער וועכטער האָט ניכט גוט געהיט.
וַיַּגֵּשׁ אֶת מִשְׁפָּטוֹ לִפְנֵי הַשּׁוֹפֵט.	אונד ער האָט זיין ריכט געבראַכט פאַר דעם ריכטער.
חָכְמַת מִסְכֵּן בְּזוּיָה.	די קלוגשאַפט פאָן אָרמען איזט פעראַכטעט.
וְלֶעָנִי אֵין כֹּל.	דער אָרמער האָט גאָר ניכט.
רֵעָיו וּמַכָּרָיו לְפָנִים יִרְחֲקוּ מִמֶּנּוּ כִּמְטַחֲוֵי קֶשֶׁת.	זיינע פריהריגע געזעלען אונד בעקאַנטע ערוויטערן זיך פאָן איהם (אַזוי וויט ווי איין בויגען קאָנן שיססען).
גַּיְּרֵנִי עַל מְנָת שֶׁתְּלַמְּדֵנִי אֶת כָּל הַתּוֹרָה כֻּלָּהּ בְּעָמְדִי עַל רֶגֶל אֶחָת.	זיי מיך מְגַיֵּר אויף דעם תְּנַאי (אופן) דאַס דו זאָלסט מיר אויס־לערנען די גאַנצע תורה ווי איך שטעה אויף איין פוס.
מָחָר אֲבַקֵּר (אֲסַיֵּר) אוֹתְךָ	מאָרגען וועל איך דיך בעזוכען.
וְאִידָךְ פֵּירוּשָׁא הוּא זִיל גְּמוֹר.	אונד די איבעריגע איזט איין ערקלערונג, געה אונד לערן.

117 § כד. איין קלוגע צוואה.

איין רייכער קויפמאַנן פאָן ירושלים האָט געררייזט וועגען געשאָפט אין ווייטע לאָנדער; מיט איהם האָט גערייזט איין שקלאַפע (קנעכט) אונד צו הויזע האָט ער איבערגעלאָזען איין זוהן, וועלכער האָט געלערנט אין איין גרויסער ישיבה. דער קויפמאַנן איזט אין וועג קראַנק געוואָרען אונד ער האָט געזעהען דאַס ער וועט פאָן דער קראַנקהייט שטאַרבען, האָט ער געפירכטעט דאַס ווען ער וועט שטאַרבען וועט דער קנעכט צונעהמען זיין גאַנץ פערמאָגען אונד ענטלויפען; האָט ער בעפאָהלען רופען דעם ריכטער פאָן שטאָדט, שרייבען איין צוואָה, אין דער צוואָה האָט ער בעפאָהלען, דאַס זיין גאַנץ פערמאָגען זאָלל געהערן (גיבט ער אַוועק) דעם קנעכט, נור איין זאַך געהאָרט זיינעם זוהן, אונד דער זוהן קאָנן אויסקלייבען (לִבְרוֹר) וואָס ער וויללָ. נאָכדעם איזט דער קויפמאַנן געשטאָרבען. דער קנעכט האָט זיך צוריקגעקעהרט קיין ירושלים אונד האָט דעם זוהן געבראַכט די שרעקליכע נאַכריכט, דאַס זיין פאָטער איזט געשטאָרבען, אונד ער האָט איהם אויך געוויעזען די צוואָה וואָס זיין פאָטער האָט געשריבען. דער זוהן האָט זעהר געטרויערט אויף זיין פאָטערס טויט; אויך האָט איהם זעהר געקיממערט, וואָס ער איזט געבליבען נאַקעט אונד איהם איזט גאָר ניכט געבליבען פאָן זיין פאָטערס רייכטהום. ער האָט די זאַך ערצעהלט זיין לעהרער (רַבּוֹ), אונד דעם אינהאַלט פאָן דער צוואָה, האָט איהם זיין רבי געזאָגט: וואָס זאָרגסט דו? דיין פאָטערס רייכטהום וועט צו דיר געהערן. ער האָט דאָך בעפאָהלען דאַס איין זאַך וועלכע דו ווילסט קאָנסט דו אויסקלייבען, קלייב אויס (בְּרוֹר) דעם קנעכט זעלבסט וועט שאָן דיינעם אַללעם זיין, דען אַללעם וואָס דער קנעכט האָט ערוואָרבען (קָנָה) האָט זיין הירט ערוואָרבען. ער האָט אַזוי געטהון אונד אזוי האָט ער זיין פאָטערס פערמאָגען געערבט...

118 § כה. כִּבּוּד אָב.

אין איין שטאָדט איז געוועזען איין יודישער ריכטער מיט דעם נאַמען „רבי בנאה”. — איינער זעהר אַ רייכער מאַנן איז געשטארבען. — פאַר זיין טויט האָט ער פערזאָגט, דאַס זיין גאַנצעס פאַרמאָגען זאָלל געהערן (יִתְּנוּ) צו זיין איינציגען זאָהן, וועלכער איז פון פיעלע יאָהר פעררייזט פון איהם, אונ ער וויים ניט וואו ער געפינט זיך יעטצט. — נאך דעם טויט פון דעם רייכען מאנן האבען דיא שטאדט פיהרער (מַנְהִיגֵי) צו וויסען געגעבן, דאַס דער רייכער מאַנן, וועלכער איז בעוואוסט מיט זיין נאַמען (דער אונ דער פְּלוֹנִי וּפְלוֹנִי) איז געשטאָרבען, אונ זיין זאָהן זאָלל קומען (צו) ערבען זיינעם פאַטער. — אין אַ צייט ארום איז געקוממען דעם רייכענ'ס זאָהן צו ערבען זיינעם פאַטער, נור מיט איהם זיינען געקוממען נאך צווייא מענשען אונ. יעדער האָט געזאָגט דאַס ער איז דער זאָהן פון רייכען, אונ ער האט דאס רעכט אויף דעם ערבטהייל (וְלוֹ מִשְׁפַּט הַיְרוּשָׁה); האבען די שטאָדט פיהרער ניט געוואוסט ווער איז דער ריכטיגער ערבער אונ וועמען עס אָבגעבען דיא ירושה, זיינען זיי געגאַנגען צום ריכטער „רבי בנאה”. האט ער זיי געאָנטווערט, דאס קיינער קאָנן זיי ניט ריכטען אונ ער אויך איז קיין נָבִיא וואָס ער זאָלל וויסען פערבאָרגענעס. — נור ער האָט זיי געראַטען, דאַס זיי זאָללען געהן אויף דעם קבר פון געשטאָרבענעם אונ שלאָגען מיט שטעקענס אום ער זאל קומען אין טרוים אונ זאגען, ווער איז דער זאָהן; אונ ווען ער וועט ניט זאַגען וועט מאנן זיי אלע דריי פערטהיילען דיא ערבטהייל. דיא פרעמדע צווייא זיינען גלייך געגאנגען מיט שטעקענס אויפ'ן קבר, דען זיי זיינען געוועזן זיכער, דאַס נאָכ'ן טויט קאנן ער שאָהן ניט זאגען זאָגאַר אין חלום; אַבער דער ריכטיגער זאָהן האט ניט געוואלט געהן. האט איהם „רבי בנאה” געפראָגט, וואַרום געהסט דוא ניט? — האט ער געאָנטווערט: איך קאנן ניט פיר גרינג האַלטען (לְהָקֵל) דיא עהרע פון מיינעם פאַטער, אונ נאָך מעהר (וּמָה גַּם) ווען ער איז געשטארבען. וויא „רבי בנאה” האָט עס געזעהן, האט ער בעפאהלען מען זאלל דיעזען געבען דיא ערבטהייל, דען ער איז דער ריכטיגער זאָהן.

§ 119

וַיִּתָּלוּ שְׁנֵיהֶם עַל עֵץ לְאוֹת לִבְנֵי מֶרִי.	אונד ביידע זיינען געהאַנגען געװאָרען אויף איין בוים פֿיר איין צייכען פֿיר די װידערשפּענסטיגע.
קוֹל נַאֲקַת חָלָל עוֹלֶה מִן הַחֶדֶר.	דאָס געשריי (אָכצען) פֿאָן איין ערשלאָגענעם האָרט זיך פֿאָן צימער.
עַל הֶעָשִׁיר לִתְמוֹךְ בְּיַד אָחִיו הֶעָנִי.	דער רייכער דאַרף שטיצען זיין אָרמען ברודער.
וַיִּתְוַדַּע אֶל בַּת דּוֹדוֹ הָאֻמְלָלָה.	אונד ער האָט זיך בעקאַנט מיט זיין אָנקעלס טאָכטער די אומגליקליכע.
הוּא הֵרַךְ אֶת לִבּוֹ.	ער האָט זיין הערץ װייך געמאַכט.
וַיַּרְא כִּי בְּרַע הוּא.	ער האָט דערזעהן, דאָס עס איזט שלעכט מיט איהם.
וַיְסַפֵּר לְפָנָיו אֶת מִקְרֵהוּ.	אונד ער האָט איהם ערצאָהלט זיין טראַף.
אַל תִּתְעַצֵּב אֶל לִבְּךָ.	דו זאָלסט ניכט זיין טרויעריג.
הוּא תֹּעֶה וְנוֹדֵד מִבְּלִי מְצֹא מַעֲמָד.	ער בלאָנדזעט אונד װאָגעלט זיך, ניכט געפֿינענדיג קיין בעשטאַנד.
הַחְבִּיאֵנִי נָא (הַסְתִּירֵנִי).	פֿערבאָרג (בעהאַלט) מיך.
אוּלַי יָשׁוּב מִדַּרְכּוֹ הָרָעָה, וַאֲנַחְנוּ אֶת נַפְשׁוֹ נַצִּיל.	פֿילייכט װעט ער זיך צוריקקערען פֿאָן זיין שלעכטען װעג אונד מיר װעלען זיינע זעעלע רעטטען.
מְחִיר הַסְּחוֹרָה עוֹלֶה לְאַלְפַּיִם שֶׁקֶל כָּסֶף.	די װאַארע בעטרעפֿט צװיי טויזענד זילבער טהאָלער.
הָעֶגְלוֹן יָבִיא אֶת הַסְּחוֹרָה לְיוֹם הַשּׁוּק.	דער פֿורמאַנן װעט די װאַארע ברייגגען צו דעם יָריד (מאַרק-טאָג).

לִפְנֵי שֶׁמֶשׁ יִנּוֹן שִׁמְכֶם.

אזוי לאַנג ווי די זונן שיינט, ווערט אייער נאָמען דויערן.

אֶת הַדְּבַשׁ הַזֶּה רָדִיתִי מִן הַכַּוֶּרֶת.

די האָניג האָב איך פֿאָן בינשטאָק גענוממען.

בְּצוֹק הָעִתִּים הָאֵלֶּה.

אין היינטיגע שלעכטע צייטען.

"אֵין אֲרִי נוֹהֵם מִתּוֹךְ קֻפָּה שֶׁל תֶּבֶן אֶלָּא מִתּוֹךְ קֻפָּה שֶׁל בָּשָׂר.

איין לאָווע ברומט (שרייט) ניכט פֿאָן איין קאָרב שטרוי זאָנדערן פֿאָן איין קאָרב פֿלייש.

"אֵין שְׁנֵי נְבִיאִים מִתְנַבְּאִים בְּסִגְנוֹן אֶחָד.

צוויי פּראָפֿעטען פּראָפֿעצייען ניכט מיט איין פֿאָרמע (סטיל, שפּראַכע).

"לְעוֹלָם תְּהֵא שְׂמֹאל דּוֹחָה וְיָמִין מְקָרֶבֶת.

עוויג זאָל די לינקע האַנד אָפּ־שטויסען (פֿאָן זיך) אונד די רעכטע האַנד — גענאָהנען.

"כְּבוֹד מִסְכֵּן חָכְמָתוֹ וּכְבוֹד עָשִׁיר עָשְׁרוֹ.

די עהרע פֿאָן אָרמען איזט זיין קלוגשאַפֿט אונד די עהרע פֿאָן רייכען איזט זיין רייכטהום.

120 § פֿוּנְפְצִיגְסְטֶער בְּרִיעף.

מיין פֿריינד אונד געזעלען! איך קום דיר יעצט דא אין מיין בריעף ערצאָהלען איין זעלטענע אונד וואונדערבאַרע געשיכטע (טראָפֿפֿונג), וואָס עס גלויבט זיך ניכט ווען עס וואָרט ערצאָהלט: דו קאָנסט דאָך מיין אָנקעל נ. וואָס וואָהנט אין דעם גאַסט־הויז (קרעצמע), וועלכער שטעהט אויף דעם וועג וואָס געהט אין דער שטאָדט ג'. פֿאַר צוויי וואָכען פֿרייטאָג איזט צו איהם געקומען איין אָרמער, וועלכער געהט אין די הייזער, אונד ווייל מיין אָנקעל איזט איין פֿרוממער יוד אונד איין גרויסער גאַסט־עמפּפֿאַנגער (מַכְנִיס אוֹרֵחַ), האָט ער זעהר געבעטען דעם אָרמען ער זאָלל ביי איהם

זיין שבת, אָבוואָהל עס איזט נאָך געוועזען גרויסער טאָג אונד ער האָט נאָך געקאָנט קוממען אין שטאָדט פֿאַר שבת, דען די שטאָדט איזט געוועזען נאָהנט פֿאָן דעם גאַסט־הויז. נאָך שבת (שבת צו נאַכט) נאָך מעריב האָט מיין אָנקעלס פֿרוי צו מיינעם אָנקעל געזאָגט: נעהם הונדערט רו"כ אונד פֿאָהר אין שטאָדט צו איינקויפֿען בראַנדוויין (בראָנפֿען, יין שׂרף־יי"ש) אונד נאָך פֿערשידענע זאַכען אויף זאָנטאַג. ווי דער אָרמער האָט געהאָרט איהרע וואָרטער האָט ער מיין אָנקעל שטאַרק געבעטען, ער וואָלל איהם אויך מיטנעהמען צו אָפּפֿיהרען איהם אין שטאָדט; אונד ווי ביידע האָבען צוזאַממען געררייזט. ווי זיי זיינען געקוממען אין מיטטען וועג איזט דער אָרמער אַרויפֿגעפֿאַללען אויף מיין אָנקעל אונד האָט איהם געוואָלט טויטען ווען ער וועט איהם ניכט געבען זיין בונד געלד. ווי מיין אָנקעל האָט געזעהען דאַס עס איזט שלעכט האָט ער זיין געלד גענומען אונד האָט איין וואָרף געגעבען אויף דער ערד, אונד ווי דער אָרמער האָט זיך איינגעבויגען אויפֿהויבען דאַס געלט פֿאָן דער ערד, האָט איהם מיין אָנקעל אַראָפּגעוואָרפֿען פֿאָן וואָגען אונד ער האָט אָנגעטריבען זיין פֿערד אונד איזט געשווינד פֿאָן איהם אָפּגערייזט. ווי מיין אָנקעל איזט געקוממען אין שטאָדט האָט ער געזעהען, דאַס עס איזט אין זיין וואָגען געבליבען די טאָרבע (ילקוט) פֿאָן דעם אָרמען אונד אין איהר איזט געלעגען איין פּאָאָר תפלין. מיין אָנקעל האָט ערצאָהלט די געשיכטע פֿיר אַללע זיינע בעקאַנטע, איזט צווישען זיי געוועזען איין קלוגער, ווי ער האָט געזעהען די תפלין, דאַס זיי זיינען זעהר גרויס אונד שווער האָט ער געזאָגט, דאַס די תפלין זיינען ניכט ווי זיי דאַרפֿען זיין אונד ער האָט זיי געעפֿענט. אונד ווי פֿערוואונדערט זיינען זיי געוואָרען ווען זיי געזעהענדיג דאַס אין תפלין של יד איזט געלעגען פֿיערהונדערט רו"כ אונד אין תפלין של ראש ליגט אין יעדער פּרשה צו הונדערט רו"כ. אַללע האָבען זיך געפֿרייט אונד געלאַכט אויף דער וואונדערבאַרע טרעפֿפֿונג.

ווי עס איזט פֿאָראיבער איין וואָך איזט דער אָרמער ווייטער געקוממען צו מיין אָנקעל אונד זיינע טרערען אויף זיינע באַקען

אונד ער האָט זיך מודה געוועזען פֿאַר איהם, דאַס איין שלעכטער גייסט איזט אויף איהם איבערגעגאַנגען צו טהון אַזאַ פֿערברעך (מִדְחֶה); אונד יעצט גיט ער איהם אָפּ זיין געלט נור ער זאָלל איהם אָפּגעבען זיינע תפלין, וועלכע ער האָט ביי איהם געלאָזען, דען זיי זיינען איהם אָנגעקוממען (נָפְלוּ) אַלס ערבטהייל פֿאָן זיין פֿאָטער. מיין אָנקעל האָט געלאַכט אויף זיין מַפָּלָה (אוּמְגְליק) אונד האָט איהם איבערגעגעבען צו די ריכטער.

(מעשה שהיה בפלך גראָדנאָ).

121 § איין אוּנְד פוּנְפְצִיגְסְטֶער בְּרִיעף.

מיין טייערער פֿריינד! דיעזע ווערטער וואָס דו האָסט מיר ערצאָהלט, האָבען מיר (מיין גייסט) זעהר געוואונדערט, דען איך האָב פֿאָן זיי געזעהען אונד איבערצייגט געוואָרען דאַס די וואַרהייט פֿעהלט אונד עס גיבט מענשען וואָס די שאָנהייט פֿאָן אַלטקייט אונד גרייזקייט (שֵׂיבָה), פֿרום אונד גערעכטיגקייט רוהען אויף זייער געזיכט, זייער צונג רעדט גלאַטע וואָרטער, אָבער זייער הערץ טראָגט (הֵרַת) פֿאַלשקייט אונד שלעכטס (מְזִמָּה). זעה נור מיין פֿריינד דאַס פֿאָן דיעזען טראַף קאָנען מיר אָפּלערנען איין ביישפּיל (שטראָף, מוּסָר) צו וועגען (לְפַלֵּס) די טריט פֿאָן אונזער לעבען צו היטען אונזערע פֿיס פֿאָן געפֿאַנגען ווערען, מיר זאָללען ניכט אַריין פֿאַללען אין נעטץ. אונד דיעזעס וועט אונז זיין איין ריכטיגער בעוויז אויף דעם כלל, דאַס „עס איזט בעסער איין אַלטער פֿריינד, ווי צוויי נייע", דען דעם פֿריהריגען פֿריינד האָבען מיר שאָן געפּראָבירט אונד מיר וויסען זיין רעדען (שִׂיחו) אונד זיין גייסט (נאַטור), ווען דיא נייע פֿריינד וויסען מיר נאָך ניכט אויב זיי וועלען זיין ברידער אין איין גוּיטה. היטט דיעזע וואָרטער מיינע אין דיין הערץ.

וועגען מיינע לערנונגען קאָנן איך דיר זאָגען, דאַס איך

האָב אנגעפאנגען צו לערנען ענגליש אונד ווען דו ווילסט קום צו מיר, וועלען מיר צוזאממען לערנען.

דיין פריינד...

§ 122

בֵּן סוֹרֵר וּמוֹרֶה.	איין אונגעהאָרזאַמער אונד ווידערשפענסטיגער זוהן.
מִכְתָּב חָתוּם מָסַר לְיָדוֹ.	איין פערזיגעלטען בריעף האָט ער איהם אין האַנד געגעבען.
תַּעֲנֻגוֹת בְּשָׂרִים.	קאָרפערליכע פערגניגען.
רֵעִים רָעִים שִׁחֲתוּהוּ וַיְבַקְּקוּהוּ וַיִּדַּל מְאֹד.	שלעכטע געזעלען האָבען איהם פערדאָרבען אונד לעער געמאַכט, אונד ער איזט געוואָרען זעהר אָרעם.
הִנֵּה סָר עֲוֹנֶךָ וְחַטָּאתְךָ תְּכֻפָּר.	דיין פאַרברעך איזט אַראָפ אונד דיין זינד פערציהעט.
וַיַּצְדִּיקֵהוּ הַשּׁוֹפֵט.	אונד דער ריכטער האָט איהם גערעכט געמאַכט.
שְׁלָשְׁתֵּנוּ יַחַד הָלַכְנוּ לִרְחֹץ עַל הַיְאֹר.	מיר אַללע דריי צוזאממען זיינען געגאַנגען זיך באָדען אין טייך.
וַיִּקַּח אֶת הַכֶּסֶף וַיִּבְרַח וַיִּמָּלֵט.	אונד ער האָט דאָס געלט גענומען אונד איזט ענטלאָפען.
הוּא תָּבַע אֶת כַּסְפּוֹ מִמֶּנּוּ	ער האָט ביי איהם זיין געלד געמאָהנט.
סְבָבֻתַנִי בְכַחַשׁ.	דו האָסט מיך אַרומגעקרייזט מיט פאַלשקייט (דו האָסט מיך אָפגענאררט).
הַלְהָתֵל בִּי בָּאתָ הֵנָּה?	ביסט דו אַהער געקוממען צו שפאָטטען (אָפלאַכען) פאָן מיר?

וַיֹּאכַל לְשָׂבְעָה כִּסְעוּדַת עָשִׁיר בְּשַׁעְתּוֹ.

אונד ער האָט זאַטט געגעססען ווי דער מיטטאַג פֿאָן איין רייכען אין זיין צייט (ווען ער איזט רייך).

וַיַּבֵּט עָלָיו בְּתִמָּהוֹן.

אונד ער האָט אויף איהם מיט פֿערוואונדערונג געקוקט.

חָכַמְתָּ מִמֶּנִּי.

דו ביסט קליגער פֿאָן מיר.

כָּל הָעִתּוֹת הוֹלְכוֹת אֶל הֶעָבָר, וְהֶעָבָר אֵינֶנּוּ מָלֵא.

אללע צייטען געהען צו דער פֿערגאַנגענהייט אונד די פֿערגאַנגענהייט ווערט ניכט פֿולל.

חֹק הוּא מִימוֹת עוֹלָם וּמִשָּׁנִים קַדְמֹנִיּוֹת.

עס איזט איין געזעטץ פֿאָן עווינע יאָהרען אונד פֿאָן פֿערצייטען.

הוּא לוֹקֵחַ חֵלֶק בָּרֹאשׁ.

ער פֿערנעהמט איין גרויסען פלאַטץ (אָרט).

חֲבַל עַל הַאי שׁוּפְרָא דְּבָלֵי בְּעַפְרָא.

שאַדע אויף אַזאַ שאָנהייט וואָס פֿוילט אין דער ערד.

אִי סַיְפָא לָא סַפְרָא וְאִי סַפְרָא לָא סַיְפָא.

איין שווערד מאַנן (איין מערדער) איזט ניכט קיין שרייבער (לערנער), אונד איין לערנער איזט ניכט קיין שווערד מאַנן.

יוֹתֵר מִמַּה שֶּׁהָעֵגֶל רוֹצֶה לִינַק, פָּרָה רוֹצָה לְהָנִיק.

מעהר ווי די קאַלב וויללט זייגען וויללט די קוה אָנזייגען (דער קאַלב).

הֵמָּה גָּזְלוּ מֵאִתִּי אֶת מִבְחַר עִתּוֹתַי הַיּוֹם.

זיי האָבען ביי מיר גערויבט די בעסטע צייטען פֿאָן טאָג.

הַגִּלְיוֹנוֹת מְצֻיָּרִים בִּפְרָחִים וְשׁוֹשַׁנִּים.

די פאַפּיערען זיינען אויסגעמאָלט מיט בלומען אונד רויזען.

123 § צְוֵויי אוּנְד פוּנְפְצִיגְסְטֶער בְּרִיעף.

מיין פריינד! דו האָסט מיר געפראָגט אין דיין בריעף וועגען זיין געזעלען נ. וועלכער איזט מיט דיר צוזאַממען אין שולע גע־גאַנגען, וואָ איזט ער יעצט? לערנט ער פלייסיג? אונד אויב ער מאַכט פאָרשריטטע אין זיין לערנען? קאָנן איך דיר צו וויססען געבען, דאס צו דעם קוממער פאָן זיינע עלטערן אונד לעהרער, איזט ער פערביטען געוואָרען אויף איין אַנדערן: אללע ביכער אונד לערנונגען האָט ער פערוואָרפען; אללע זיינע געזעלען אונד בעקאַנטע פאָן פריהער ערווייטערען זיך פאָן איהם וויפיעל איין בויגען קאָנן שיסען, דען עס איזט זיי איין שאַנדע זיך געזעללען מיט איין ווילדען יונג, וואָס געהט ווילד נאָך די געלוסט זיינעם הערצענס, אונד ער האָט נאָר אין זיננען (מְזִמּוֹתָיו) די מיססיג־גאַנג אונד ניכט לערנען. אמת איינינגע מאָל ווען ער האָט זיך עטוואָס בעטראַכט וואָס ער טהוט, אונד דער ווילדער גייסט זיינער איזט פאָן איהם אָפגעטראָטען, האָט ער זיך בעקלאָגט אויף זיך זעלבסט, אונד האָט בעשטימט צו אויסבעססערן זיין אויפ־פיהרונג; אָבער דיעזעס איזט ניכט אויף לאַנג געוועזען, דען זיין ווילדהייט איזט איהם געוואָרען פיר איין צווייטע נאַטור; אונד אויף איהם קאָנען מיר לעזען דעם פסוק: „ווערט דער נעגער (שוואַרצער) זיין הויט פערבייטען, אונד דער טיגער זיינע פלעקען?" — דאַרום ראַטה איך דיר ריכטיג, פערגעסס איהם אונד זאָלסט איהם גאָר ניכט דערמאָנען, דען עס איזט פיר אונז איין שאַנדע צו זיין זיינע געזעלען.

דיין פריינד...

124 § דְרַיי אוּנְד פוּנְפְצִיגְסְטֶער בְּרִיעף.

מיין טהייערער געזעלען! איך האָב געהאָרט דאס דיין פאָטער, ווען ער איזט אין ווארשא געוועזען, האָט ער פיר דיר

געקויפט זעהר פיעלע וויססענשאַפטליכע ביכער אין פערשיעדענע שפראַכען, אונד דו ווייסט דאָך, דאַס ביי מיר איזט זעהר איין גרויסער פערגעניגען צו לעזען וויססענשאַפטליכע ביכער; דאַרום ביטטע איך דיך, דו זאָלסט מיר טהון דיעזע גנאַדע (חֶסֶד) אונד זאָלסט מיר לייהען דיינע ביכער, אונד דערפאַר ווער איך דיר אויך לייהען פאָן מיינע ביכער די וועלכע דיר פעהלט. אונד אום מיר זאָללען רעווידירען (נְבַקֵּר) איינער דעם צווייטען, צו איבער־צייגט ווערען אויב אונזער לעזען בריינגט אונז איין נוטצען, וועלען מיר אַזוי טהון: מיר וועלען איינער דעם צווייטען שרייבען בריעף, אונד אין יעדען בריעף וועלען מיר אַרומשרייבען מיט קורצע וואָרטער דעם סיוזעט (אינהאַלט=תֹּכֶן) פאָן דעם בוך וועלכען מיר וועלען לעזען, אונד אין פערלויף פאָן איינינער צייט וועלען די ביכער, וועלכע מיר וועלען לעזען, בלייבען פעסט (טיעף) אין אונזערע געדאַנקען, אונד מיר וועלען זיך געוואָהנען צו שרייבען אויף דעם פאַפּיער וויססענשאַפטליכע וואָרטער (זאַכען). — וועגען אונזער געזעלען וואָס דו האָסט מיר אין פאָריגען בריעף געשריבען דאַס ער איזט פערענדערט געוואָרען אונד עס איזט פיר אונז איין שאַנדע זיך מיט איהם געזעלנען; זאָג איך דיר, דאַס מיר דאַרפען זאָלכעס ניכט טהון. דו ווייסט דאָך די געשיכטע (סִפּוּר) וואָס אין דער גמרא שבת (ל"א.) ווערט געבראַכט: דאַס איין מאַנן איזט געקוממען צו שמאי'ן אונד האָט צו איהם געזאָגט: רבי, זיי מיך מְגַיֵּר (גַּיְּרֵנִי) אויף דעם פאַל (עַל מְנָת) דו זאָלסט מיר אויסלערנען די גאַנצע תּוֹרָה ווי איך שטעה אויף איין פוס. האָט איהם שמאי אַרויסגעטריבען. ווי ער איזט געקוממען צו הלל'ן האָט ער איהם צוגענומען (עמפפאַנגען) אונד האָט איהם געזאָגט: „דאָס וואָס דו האָסט פיינד (וואָס דיר איזט פערהאַסט) זאָלסט דו דיין געזעלען (דעם צווייטען) ניכט טהון", דאָס איזט די גאַנצע תורה, ווי עס איזט געשריבען: „דו זאָלסט ליעבען דיין געזעלען ווי דיך זעלבסט" — אונד ווייטער (די איבעריגע געזעטצע) איזט נור ערקלערונגען אויף דעם, געה אונד לערן. —

אַזוי איזט אונזער געזעלען אויך. ווען מיר וועלען זיך פאָן

איהם ערוויטערן, וועט ער מעהר פֿערדאָרבען ווערען; אָבער ווען מיר וועלען זיך מיט איהם געזעלנען, נור יעדעם מאָל ערוועקען איהם פֿאָן זיין נאַררישקייט מיט גוטע שטראָפרייד, קאָנן זיין דאָס ער וועט זיך צוריקקעהרען פֿאָן זיין שלעכטען וועג, אונד מיר וועלען איהם מיט דעם זיין זעלע רעטטען, אזוי ווי הלל דער דעמיטהיגער (בעשיידענער) האָט געטהון.

דיין פֿריינד...

§ 125

אִם אֵין אֲנִי לִי מִי לִי?	ווען איך וועל זעלבסט זיך ניכט העלפֿען (זיך בעזאָרגען) ווער וועט מיר העלפֿען?
אִם לֹא עַכְשָׁיו, אֵימָתַי?	ווען ניכט יעצט, ווען דען?
הוּא יְמַהֵר יָחִישׁ מַעֲשֵׂהוּ.	ער איילט זיין אַרבייט.
מִכָּל מְלַמְּדַי הִשְׂכַּלְתִּי.	פֿאָן אַללע מיינע לעהרער האָב איך זיך געקליגט.
הַמִּנְהָג הַנֶּהְדָּר וְהַיָּפֶה הַזֶּה.	דיעזער שאָנער אונד גוטער שטייגער (איינפֿיהרונג).
אִם לְשֵׁבֶט אִם לְחֶסֶד.	צו שטראָף אָדער צו גנאַדע.
רַוְחָא לִבְסוּמֵי שְׁכִיחַ.	פֿיר געשמאַקע שפּייזען געפֿינט זיך איין פּלאַטץ (אָרט).
אוֹי לָהּ לְאוֹתָהּ בּוּשָׁה, אוֹי לָהּ לְאוֹתָהּ כְּלִמָּה.	וועה איזט פֿאָן דער שאַנד, וועה איזט פֿאָן דער שאַנד.
שֶׁבַע שְׁנֵי הֲוֵי כַּפְנָא וְאַבָּבָא דְאוּמָנָא לָא חָלַף.	זיעבען יאָהר קאָנן זיין הונגער אונד אויף דער שוועל פֿאָן אַרבייטער וועט ער ניכט איבער טרעטען.
מִכְּשׁוֹל לֵב (נֹחַם).	געוויססענסביסען.

אַל תְּהַלֵּל אִישׁ עַל יָפְיוֹ
וְאַל תְּבוּז לוֹ עַל מַרְאֵהוּ.
הֵן עוֹף מִצְעָר הַדְּבוֹרָה
וּפִרְיָהּ מָלֵא מֶתֶק.

דו זאָלסט ניכֿט ריהמען איין מענשען פֿיר זיין שאָנקייט, אונד זאָלסט איהם ניכֿט פֿעראַכֿטען פֿיר זיין געשטאַלט; דען די בינע איזט איין קליין פֿאָגעל אונד איהר פֿרוכֿט איזט זיסס.

רֵעָיו מִנֶּגֶד נִגְעוֹ יַעֲמֹדוּ.

זיינע געזעלען שטעהען געגען זיין אומגליק (זיי העלפֿען איהם ניכֿט).

מַסְמֵר כָּפוּף תָּקוּעַ
בְּסִפַּן הַבָּיִת.

איין איינגעבויגענער נאַגעל (קרוק) שטעקט אין סופיט (סטאָליע).

וּמִי יַחְמוֹל עַל אִישׁ פָּרוּעַ
לְשִׁמְצָה?

אונד ווער וועט זיך ערבאַרמען אויף איין מענשען וואָס איזט פֿערלאָזען צו שאַנד?

הָאִישׁ הַזֶּה הוּא אִישׁ
נִכְבָּד וּנְשׂוּא פָנִים מֵעֵינֵי
הָעֵדָה.

דיעזער מאַנן איזט איין געשאָצטער אונד אַנגעזעהענער מאַנן פֿאָן די פֿאָרנעהמסטע פֿאָן דער געמיינדע.

לִבּוֹ הוֹלֵךְ אַחֲרֵי מַרְאֵה
עֵינָיו.

זיין הערץ געהט (ציהט) נאָך וואָס די אויגען זעהען.

עָלֵינוּ לֶהְגוֹת וּלְדַבֵּר
בְּעִנְיָנִים אֲחֵרִים.

מיר דאַרפֿען טראַכֿטען אונד שפּראָכֿען אין אַנדערע זאַכֿען.

בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה נוֹתְנִים
אֲנַחְנוּ חֶשְׁבּוֹן צֶדֶק לִפְנֵי
אֲדוֹן עוֹלָם.

אין ניי־יאָהר געבען מיר איין ריכֿטיגע רעכֿנונג פֿאָר דעם הערר פֿאָן דער וועלט.

אָנֹכִי אֵיטִיב אֶת דְּרָכַי
לְבִלְתִּי שׁוּב עוֹד לְכִסְלָה.

איך וועל אויסבעססערן מיין אויפֿפֿיהרונג אום זיך ניכֿט צוריקקעהרען צו די נאַררישקייט.

אֱלֹהִים יַעֲבִיר תַּחַת שִׁבְטוֹ כָּל יְצוּרֵי עוֹלָמִים כִּבְנֵי מָרוֹן.	גאָטט פיהרט דורך אונטער זיין רוטה אללע בעשאַפענע פאָן דער וועלט ווי שאָף.

126 § פִּיער אוּנְד פוּנְפְצִיגְסְטֶער בְּרִיעף.

מיין פריינד! הער נור מיר צו מיין פריינד, אונד איך וועל דיר ערצעהלען איין אונגעוואָהנליכע טרעפפונג, וואָס האָט אין אונזער שטאָדט געטראָפפען, אונד דיעזעס האָט די גאַנצע שטאָדט אויפגעקאָכט. פרייטאָג זיינען אין אונזער שטאָדט געקוממען דריי גאָסט (רייזענדע), אונד וויל עס איזט געוועזען זעהר איין הייסער טאָג, זיינען זיי אַללע זיך באָדען געגאַנגען אין טייך. ווי זיי האָבען זיך דאָרט אויסגעטהון זייערע זאַכען (קליידער), האָבען זיי זייערע קליידער אונד געלט איבערגעגעבען דעם היטטער אונד האָבען איהם בעפאָהלען: ער זאָלל קיינעם פאָן זיי קיין זאַך ניכט געבען ווען זיי אַללע דריי וועלען ניכט זיין צוזאַממען, דען זיי האָבען איינער דעם צווייטען ניכט געגלויבט, אונד זיי האָבען זיך געפירכטעט דאַס איינער זאָלל ניכט צונעהמען דאַס געלט אונד ענט־לויפען. ווי זיי זיינען אַריין אין באָד האָבען זיי געזעהן דאַס זיי האָבען ניכט קיין זייף (בּוֹרִית), האָבען זיי געזאָגט צו איינעם פאָן זיי: געה נעהם זייף פאָן אונזערע קליידער. ווי ער איזט געקוממען אונד האָט געוואָלט נעהמען, האָט איהם דער וועכטער ניכט געלאָזען נעהמען, ווי מען האָט איהם בעפאָהלען, נור ער האָט די טהיר געעפענט אונד האָט די צוויי געפראָגט: „געבען איהם?" אונד זיי האָבען געאַנטוואָרטעט: „גיב". האָט ער איהם דאַס געלט געגעבען, דען ער האָט גערעכענט דאַס זיי האָבען געזאָגט, ער זאָלל איהם דאַס געלט געבען. דער מאַנן האָט גענוממען דאַס געלט אונד איזט ענט־לאָפען. ווי די צוויי האָבען געזעהען דאַס זייער געלט איזט ניכט דאָ האָבען זיי געמאַכט שולדיג (הֶאֱשִׁימוּ) דעם וועכטער, דאַס ער האָט ניכט געטהון ווי זיי האָבען איהם בעפאָהלען; אונד זיי האָבען

עס ערצאֶהלט דעם ריכטער אונד האָבּען זייער געלט געמאָנט בּיי דעם היטטער. ווי זיי זיינען פֿאַר דעם ריכֿטער געקומען האָט דער היטטער געזאָגט צו זיי: איך וועל אייך אייער געלט אָפּגעבּען נור ווי איהר האָט בּעפֿאהלען פֿיר אַללע דריי צוזאַממען, יעצט געהט בּרענגט דעם דריטטען וועל איך אייך אייער געלט אָפּגעבּען. דער ריכֿטער האָט איהם גערעכֿט געמאַכֿט...

127 § פֿינף אונד פֿונפֿציגסטער בּריעף.

מיין פֿריינד! אַלס אַנטוואָרט אויף דיין בּריעף וואָס דו האָסט מיר געשריבּען איין וואונדערבּאַרע ערצאֶהלונג פֿאָן איין טרעפֿפֿונג וואָס האָט געטראָפֿפֿען אין דעם אָרט וואָ דו געפֿינסט זיך, וועל איך דיר אויך ערצאֶהלען איין טראַף, וואָס האָט אין אונזער שטאָדט געטראָפֿפֿען. איין קויפֿמאַנן האָט געדונגען איין פֿורמאַנן (עֶגְלוֹן) ער זאָלל איהם מיט זיינע וואַארע אויף דעם מאַרקט (יָרִיד) פֿיהרען. דער קויפֿמאַנן האָט געפֿיהרט (הוֹבִיל) זעהר פֿיעל וואַארע, וואָס האָט בּעטראָפֿפֿען דרייסיג טויזענד רו"כ. ווי זיי זיינען געקוממען אין דער שטאָדט וואָ דער מאַרקט איזט, האָט דער פֿורמאַנן געזאָגט דאַס ער איזט דער קויפֿמאַנן, דער ווירטה פֿאָן די וואַארע, אונד אויף דעם קויפֿמאַנן האָט ער געזאָגט, דאַס ער איזט דער פֿורמאַנן. האָט דער קויפֿמאַנן איינגעגעבּען (אַנגעקלאָגט=הִגִּיש) אין געריכֿט; נור דער ריכֿטער האָט ניכֿט געקאָנט איבּערצייגט ווערען צו וויססען אויף ריכֿטיג ווער איזט גערעכֿט, האָט ער זיי פֿאָן זיך אוועקגע-שיקט צו הויזע מיט דעם בּעפֿאֶהל (בְּצִוּוּתוֹ), דאַס זיי זאָללען מאָרגען קוממען. ווי זיי האָבּען זיך ערוויטערט פֿאָן דעם ריכֿטערס הויז האָט דער ריכֿטער געשריען: פֿורמאַנן! פֿורמאַנן! האָט דער פֿור-מאַנן זיך אומגעקעהרט הינטער זיך צו זעהען ווער עס רופֿט איהם. אַזוי איזט ענטדעקט געוואָרען זיין זינד, אונד ער איזט בּעשטראָפֿט געוואָרען פֿיר זיין זינד. —

§ 128

וְאִישׁ זְרוֹעַ לוֹ הָאָרֶץ.

דעם געוואַלטיגען געהאָרט די ערד.

*כָּל דְּאַלִּים גְּבָר.

דער שטאַרקער געווינט (פיהרט אוים).

אֶבְלָא שְׂפָתַי מְסַפֵּר בְּאָזְנֶיךָ דְּבָרִים כָּאֵלֶּה אֲשֶׁר לֹא לְהוֹעִיל הֵם.

איך וועל פערמיידען (אויפהאָרען) ערצאָהלען אין דיינע אויערען זאָלכע וואָרטער, וועלכע ברענגען ניכט קיין נוטצען.

*גַּמְלָא אַזְלָא לְמִיבְעֵי קַרְנֵי, אוּדְנֵי דַּהֲווּ לֵיהּ שְׁקִילוּ מִינֵּיהּ.

דער קאַמעעל איזט געגאַנגען פערלאַנגען הערנער, האָט מען ביי איהם צוגענומען זיינע אויערען (אז איינער פערלאַנגט צופיעל פאַרליערט ער אללעם).

עָלֵינוּ לְהִתְיָעֵץ עַל דְּבַר עֲתִידוֹתֵינוּ.

מיר דאַרפען זיך בעראַטען וועגען אונזער צוקונפט.

עָלֵינוּ לְהַרְחִיב אֶת צְעָדֵינוּ וְלֹא לִפְסוֹעַ לְאַט לְאַט.

מיר דאַרפען מאַכען גראָססערע טריטט אונד ניכט געהן לאַנגזאַם.

הוּא שׁוֹאֵל כְּעִנְיָן וּמֵשִׁיב כַּהֲלָכָה.

ער פראָגט צו דער זאַך און ענטפערט ווי מען ברויכט.

עֹשֶׁר וָאֹשֶׁר יִקַּנְנוּ בְּאָהֳלֵכֶם תָּמִיד.

רייכטהום אונד גליק זאָללען זיך פינדען אין אייער געצעלט (הויז) אימער.

אֶגֶל לְאֶגֶל יֵרֵד וְנִקְוָה פֶּלֶג, וּקְשִׁיטָה לִקְשִׁיטָה תִּחָשֵׁךְ וְנִקְבַּץ הוֹן.

אַ טראָפען צו אַ טראָפען ווערט איין באַך (טייך) פערזאַממעלט, אונד אַ מינץ צו אַ מינץ אַז עס ווערט אָפּגעשפּאָרט זאַממעלט זיך אויף איין פערמאָגען.

*מִטִּפָּה לְטִפָּה נִתְמַלֵּא הַהִין.

פון איינציגע טראָפּען ווערט א גאַנצער אָמער.

*נַפִּישֵׁי גַמְלֵי סָבֵי דִמְעַיְנֵי מַשְׁכֵּי דְהוּגְנֵי. (רַבִּים בַּשּׁוּק גְּמַלִּים זְקֵנִים, טְעוּנֵי עוֹרוֹת צְעִירִים).

עס גיבט פיעל אַלטע קאַמעעלען וואָס זיינען אָנגעלאָדען פעל פאָן יונגע קאַמעעלען.

*רְחֵילָא בָּתַר רְחֵילָא אָזְלָא, כְּעוֹבָדָא אִמָּא כַּךְ עוֹבָדָא בְּרַתָּא.

איין לאַמם (שאָף) געהט נאָך דעם אַנדערן לאַמם, ווי די מוטטער פיהרט זיך אויף אַזוי איזט די טאָכטער.

הָאָרֶץ מוֹצִיאָה גְלוּסְקָאוֹת וּכְלֵי מֵילַת.

די ערד גיבט אַרויס קוכען אונד זיידענע קליידער.

הַמְּטֻלְטֶלֶת עָמְדָה מִנּוּעַ בַּשָּׁעוֹן הֶחָדָשׁ אֲשֶׁר קָנִיתִי שִׁלְשׁוֹם.

דער פערפענדיקעל (מאַיאַטניק) האָט זיך געשטעלט אין דער נייען אוהר (זייגער), וועלכע איך האָב פאָר־געסטערן געקויפט.

נֵלְכוּ שְׁנֵיהֶם יַחְדָּו שְׁלוּבֵי זְרוֹעַ.

אונד זיי ביידע זיינען געגאַנגען געאַרעמט.

מַה נְּעִימִים הֵם זִכְרוֹנוֹת יְמֵי הַיַּלְדוּת.

ווי ליעבליך זיינען די עראיננע־רונגען (ערמאָנונגען) פאָן די קינד־הייט־יאָהרען.

הַחוֹלֶה עוֹדֶנּוּ נֶאֱבָק עִם מַר הַמָּוֶת.

דער קראַנקער ראַנגעלט זיך נאָך מיט דעם טויט.

הָרוֹצֵחַ הוּמַת עַל בָּמַת מִטְבַּח לְעֵינֵי הַשֶּׁמֶשׁ.

דער מערדער איזט געטוידט געוואָרען אויף דעם עשאַפאָט פאָר אַלעמען אין די אויגען.

לִשָׂוא הַשְׁחִית אֶת דִּבְרֵי תוֹכַחְתּוֹ.
יהוּא נָפַל מֵאִיגְרָא רָמָא לְבִירָא עֲמִיקְתָּא.
וַיְצִיגֵהוּ רֵיק כִּמְצוּלָה שֶׁאֵין בָּהּ דָּגִים.
בְּטֶרֶם הַתְמֵךְ מְלַאכְתְּךָ תְהִי בְעֵינֶיךָ כְּמוֹ לֹא הַחִלּוֹתָהּ.

אומזאָנסט האָט ער זיינע שטראָף־רייד פערדאָרבען.

ער איזט אַראָפּגעפּאַללען פאָן דער הויך אין איין טיעפע גרוב.

ער האָט איהם לעער געלאָזען ווי איין טיעפע (טייך) וואָס האָט ניכט קיין פיש.

בעפאָר דו האָסט דיין אַרבייט געענדיגט זאָלסט דו עס רעכנען ווי דו האָסט זי נאָך גאר ניכט אָנגע־פאַנגען.

§ 129 זֶעכּם אוּנְד פוּנְפְצִיגְסְטֶער בְּרִיעף.

מיין פריינד אונד געזעלען! האָר נור מיין פריינד אונד איך וועל דיר ערצאָהלען די קלוגשאַפט פאָן איין אָרמען, אָבוואָהל עס גיבט מענשען וועלכע די קלוגשאַפט פאָן איין אָרמען איזט ביי זיי פעראַכטעט; אָבער מיר איזט עס זעהר געפּאַללען געוואָרען (מְצִאָה חֵן). די געשיכטע איזט אַזוי געוועזען: איין אָרמער איזט געקוממען אין איין גאָרקיך (וואָס מען פערקויפט עססען), האָט ער דעםווירטה געפראָגט: קאָנן איך בעקוממען פיר מיין געלט שפייזע? (עססען)—האָט דער ווירטה איהם אָנגעקוקט מיט פער־וואונדערונג אונד האָט איהם געאַנטוואָרטעט: וואָרום ניכט? וואָרום זאָלל איך דיר ניכט פערקויפען שפייזע פיר דיין געלט? — אונד ער האָט איהם דערלאַנגט פלייש אונד נאָך פערשיעדענע געשמאַקע שפייזע, אויך וויין האָט ער איהם געגעבען אונד דער אָרעמער האָט געגעססען אונד געטרונקען ווי די מאָהלצייט (סְעוּדָה) פאָן איין רייכען אין זיין צייט (ווען ער איזט רייך). פאָר זיין אַרויסגעהן האָט דער אָרמער אַרויסגענומען פאָן זיין קעשענע

(מְצַלַחְתוּ) איין פֿינפֿער (איין קליינע מינץ) זילבערשטיק אונד האָט בעצאָהלט דעם ווירטה פֿיר זיין עססען. איזט דער ווירטה אויף איהם פֿולל געוואָרען מיט צאָרן אונד האָט צו איהם געזאָגט: ביסט דו דען געקוממען אָפּלאַכען (שפּאַס מאַכען) פֿאָן מיר? דען דער פּרייז פֿאָן דיין יעצטיגען עססען בעטרעפֿט דריי טהאָלער! — האָט איהם דער אָרמער געאַנטוואָרטעט: איך האָב דאָך דיר געפֿראָגט איב דו וועסט מיר געבען עססען פֿיר מיין געלט, אונד מיין געלט איזט אין גאַנצען איין פֿינפֿער זילבערשטיק. דער ווירטה האָט געזעהן דאַס דער אָרמער האָט רעכט אונד אויך דער אָרמער האָט גאָר ניכט וואָס ער זאָלל קאָנען ביי איהם נעהמען, האָט דער ווירטה צו איהם געזאָגט: אזוי ווי דו האָסט זיך איבער מיר געקלינגט (חָכְמְתָּ מִמֶּנִּי) בין איך גרייט דיר דיין געלט אויך אָפּ־געבען נור דו זאָלסט מיר דיזעס טהון: ניכט ווייט פֿאָן מיין הויז וואָהנט נאָך איינער וואָס האַלט איין גאָרקיך, אונד ער איזט מיר זעהר איין גרויסער פֿיינד, געה אונד טהו איהם אזוי ווי דו האָסט מיר געטהון. — האָט דער אָרמער איהם געאַנטוואָרטעט: איך בין שאָן ביי איהם געוועזען אונד איך האָב איהם שאָן אָפּגע־נאַרט אונד ער האָט מיך צו דיר געשיקט... —

~~~~~~~~

§ 130 זיעבען אונד פונפציגסטער בריעף.

מיין פֿריינד! שאָן פֿיעל טאָג זיינען איבערגעגאַנגען פֿאָן דער צייט זינד מיר שרייבען איינער דעם צווייטען בריעף וועגען וואונדערבאַרע ערצאָהלונגען אונד זיי האָבען בערויבט אונזער צייט, אזוי אז מיר האָבען קיין צייט געהאַט צו שרייבען וועגען אונזערע זאַכען, וועלכע מיר דאַרפֿען טראַכטען אונד שפּראָכען; דאַרום האָב איך בעשטימט דאַס איך וועל שאָן אויפֿהאָרען צו ערצאָהלען דיר (אין דיינע אויערען) ערצאָהלונגען אָבוואָהל פֿאָן זיי קאָנען מיר אויך לערנען וויססענשאַפֿט, ווי עס איזט געשריבען: „פֿאָן אַללע מיינע לעהרער האָב איך זיך געקלינגט" אונד אזוי קאָן מען
~~~~~~~~

זאָגען: דאס פאָן יעדער זאַך קאָנן מען זיך עטוואָס אָפּלערנען, אונד דיעזע געשיכטען קאָנ̈ן אונז אויך זיין לעהרער. נור יעצט האָבען מיר עטוואָס בילכערע בעשאֶפטיגונגען (דְּבָרִים יוֹתֵר נְחוּצִים) צו פערברייגגען אין זיי אונד מיר דארפען קלערען וועגען אונזער צוקונפט. — אַזוי ווי די טאָג פאָן דיעזען סעמעסטער (זְמַן) ענדיגען זיך (הוֹלְכִים וּקְרוֹבִים אֶל קִצָּם) אונד די פייערטאָגע קוממען אָן אונד אין איין קורצע צייט וועלען זיי אויך אַוועקגעהן אין דעם מעֶער פאָן פערגאַנגענהייט, וועלכער ווערט ניכט פולל, אונד צוזאַמען מיט דער צייט געהען אונזערע יאָהרען אויך אַוועק אום ניכט זיך צוריקקעהרען, דאַרום דארפען מיר איילען אונזער אַרבייט אונד יעדעם מאָל זיך בעראַטהען אין וואָס זי צו פאַרברענגען, אום אונזער מיה זאָלל ניכט זיין אומזאָנסט. מיר דארפען זעהען מאַכען גראָססערע טריט אין לערנען, ניכט געהן זאָ לאַנגזאַם, אום מיר זאָללען דעריאָגען פיר דער פריהעריגער צייט וואָס מיר האָבען פערפעהלט. יעצט איזט שאָן קיין צייט ניכט דאָ אָפּצולייגען אויף מאָרגען, שפּאֶטער (לְאַחַר זְמַן), דען ווען ניכט היינט, ווען דען? ווען איך וועל זיך זעלבסט וועגען מיר ניכט בעזאָרגען, ווער וועט וועגען מיר זאָרגען?

דיין פריינד...

§ 131

נִפְחַד וְנִרְהֶה וְנָשׁוּב בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵמָה.	מיר שרעקקען אונד פירכטען זיך אונד מיר קעֶהרען זיך צוריק מיט איין גאַנצע (וואַהרע) צוריקקעהרונג.
לְבַקֵּשׁ וּלְחַנֵּן, אָנָּא שָׂא נָא.	זיך בעטען: פערצייהע נור.
תִּכָּתְבוּ לְאַלְתַּר לְחַיִּים טוֹבִים אֲרוּכִים וּלְשָׁלוֹם.	איהר זאָלט גלייך געשריבען ווערען צו גוטע אונד לאַנגע לעבען אונד צו פריעדען.

דוּמִיָּתִי זֹאת תְּהְיֶה
תְּהִלָּתְךָ וְגַם בִּרְכָתִי.

מיין שווייגען וועט זיין דיין לאָב
(ריהמונג) אונד אויך מיין בענשונג.

הִנְנִי קְצוּץ כַּנְפֵי הַמְּלִיצָה
וְהַשִּׁיר׃

איך בין אָפּגעהאַקט די פליגלען
פאָן שאָן שפּרעכען אונד פּאָעזיע.

יָצִיצוּ וְיִפְרְחוּ כַּחֲבַצֶּלֶת
בַּשָּׁרוֹן.

זיי זאָללען שפּראָצען אונד בליהען
ווי איין רויז אין פלַיין.

אֵינֶנִּי מְמֵיטִיבֵי לָשׁוֹן עַל
הַגִּלָּיוֹן.

איך בין ניכט פאָן די גוטע רעדנער
אויף דעם פּאַפּיער.

שַׁבְקֵיהּ לְרַוְיָא דְּמִנַּפְשֵׁיהּ
נָפִיל.

לאָז דעם בעטרונקענעם, ער וועט
זעלבסט פאַללען.

הוּא הִכְבִּיד אֶת עֻלּוֹ
עֲלֵיהֶם.

ער האָט אויף זיי ארויפגעלעגט
אַ שווערען יאָך.

וַיִּגְזֹר גְּזֵרוֹת קָשׁוֹת וְרָעוֹת.

אונד ער האָט בעשלאָססען שווערע
אונד שלעכטע בעשליססונגען.

הָאִישׁ אֲשֶׁר יָזִיד לַעֲבֹר
עַל מִצְוָתוֹ.

דער וואָס וועט זיך מוטהוויללינגען
איבערטרעטטען זיין בעפֿאָהל.

וְלֹא נִתְבּוֹלֵל בֵּין הַגּוֹיִם
כַּיּוֹם הַזֶּה.

אונד מיר וועלען זיך ניכט אַסי־
מילירען (צומישען) צווישען די פֿאָל־
קער ווי היינטיגם טאָג.

וַיִּתֵּן לוֹ מַהְלְכִים בַּחֲצֵרוֹ.

ער האָט איהם געלאָזען קוממען
אין זיין הויף.

אַחַת דָּתוֹ לְהָמִית.

מען בעדאַרף איהם נור טאָדטען.

וּנְצִיבִים הָפְקְדוּ מִטַּעַם
הַמֶּלֶךְ.

אונד בעאַמטע זיינען אויפגענומען
געוואָרען דורך דעם קאָניגס בעפֿאָהל.

לְהַבִּיט בִּמְעוּף עַיִן עַל
הֶעָתִיד.

איין קוק געבען מיט אַ אין אויגען־
בליק אויף דער צוקונפט.

וַיְּאַבֵּד אֶת רְכוּשׁוֹ בְּעִנְיַן רָע.

ער האָט זיין געלט פערלאָרען אין איין שלעכטען געשעפט.

וַיָּגָז אֶת שְׂעַר רֹאשׁוֹ וַיִּבְחַר מָוֶת מֵחַיִּים.

ער האָט די האָר פאָן קאָפף גע־ריסען, אונד האָט געוואָלט בעססער שטאַרבען ווי לעבען.

כַּאֲשֶׁר הָלְכוּ כֵּן שָׁבוּ וְהוֹעִיל לֹא הוֹעִילוּ מְאוּמָה

ווי זיי זיינען געגאַנגען אַזוי זיינען זיי צוריק געקומען אונד האָבען גאָר ניכט געהאָלפען.

הַמֶּלֶךְ הֶאֱטִים אָזְנוֹ מִשְּׁמוֹעַ תְּחִנָּתָם.

דער קאָניג האָט זיינע אויערען פער־שטאָפט ניכט צו הערען זייער געבעט.

הוּא חָפֵץ לָצוּד דָּגִים בְּמַיִם עֲכוּרִים.

ער וויל פיש פאַנגען אין צומישטע (מוטנע) וואַססער.

*כַּרְכּוּשְׁתָּא וְשׁוּנְרָא עֲבַדִי הִלּוּלָא מִתַּרְבָּא דְּבִישׁ גַּדָּא.

די פעלדמויז אונד די קאַטץ האָבען געמאַכט איין פייערטאַג פאָן פעטס (חֵלֶב) פאָן שלימזול (אומגליק־ליכען).

שלימזול — טויגעניכטס.

בִּישׁ גַּדָּא.

*כַּד מְשַׁלַּם שַׂעֲרֵי מִכַּדָּא נָקִישׁ וְאָתֵי תִּגְרָא בְּבֵיתָא

ווען עס ענדיגט זיך די גערשטען פאָן קרוג (די שפייזע פאָן הויז) קומט איין קריג אין הויז.

מִכְתָּבִים לְרֵאשִׁית הַשָּׁנָה.

132 § אַכְט אוּנְד פוּנְפְצִיגְסְטֶער בְּרִיעף.

מיין טייערער פריינד אונד געזעלען! איך שיקק דיר צום אָנפאַנג פאָן נייעם יאָהר איין פריינדליכען אונד ווינש־בריעף (מִכְתַּב שָׁלוֹם וּבְרָכָה). גאָט זאָלל אונז געבען דאס אונזער בונד מיט וועלכען

מיר זיינען צוגעבונדען געוואָרען איינער צו דעם צווייטען; דער בונד פֿאָן ליעבע אונד פֿריינדשאַפֿט, וועלכֿע העגגען אָן אין לערנונג אונד בילדונג, זאָל אויף עוויג בלייבען, — אויך נאָכֿדעם ווי מיר וועלען קוממען צווישען מענשען אונד יעדער פֿאָן אונז וועט זיך קעהרען צו זיין וועג אונד געשעֶפֿט; דען ווי ליעבליך זיינען די ערינגערונגען (ערמאָנונגען) פֿאָן די יוגענד־טאָג אונד ווי פֿיעל אונד גרויס וועט אונזער פֿרייד זיין, ווען מיר וועלען זיין מענשען מיט פֿערשטאַנד וואָס בעזיטצען (היוֹדְעִים) וויססענשאַפֿט אונד לערנונגען, ווען מיר וועלען דערמאָנען דיעזע טאָג וואָס מיר זיינען צוזאַמען געגאַנגען געאַרעמט אין דעם וועג וועלכֿער פֿיהרט צו דעם טעמפעל פֿאָן קלוגשאַפֿט אינוועגדיג. נור בעפֿאָר מיר וועלען קוממען צו דיעזע טאָג, איזט נאָך וויים פֿאָן אונז דער וועג, וויים אונד נאָהענט; וויים איזט ער יעצט פֿאָן אונזערע אויגען ווען מיר וועלען איבערשפּרינגען דעם מויער (שׁוּר) אונד מיר וועלען איין בליק טהון אויף דער צוקונפֿט, דען מיר וועלען זעהן דאַס מיר האָבען זעהר פֿיעל צו טהון; אונד נאָהענט ווען מיר וועלען פֿלייסיג לערנען אונד מיר וועלען היטטען צו אַרבייטען אונזער אַרבייט יעדען טאָג אָהן אונטערברעכֿען (הֶפְסֵק). — מיר דאַרפֿען טהון ריכֿטיג ווי מען האָט געראַטהען איינסט דעם מאַיאָטניק (פּענדעל, פּערפּענדיקעל) וואָס האָט זיך אָוועקגעשטעלט אונד האָט מעהר ניכֿט געוואָלט געהן (זיך שאָקלען) ווייל ער האָט אויסגערעכֿענט וויפֿיעל מאָל ער דאַרף זיך שאָקלען אין איין יאָהר אונד צוויי אונד נאָך, אַזוי דאַס ער האָט זיך געפֿירכֿטעט פֿאַר אַזאַ גרויסע צאָהל מאָל, וואָס ער דאַרף זיך שאָקלען; האָט מען איהם געראַטען ער זאָלל נור ציילען: „איינס צוויי״ אונד ניכֿט מעהר. — אַזוי איזט מיט אונז, מיר דאַרפֿען קוקען אויף די אַרבייט פֿאָן יעדען טאָג, אונד די לערנונגען פֿאָן אַללע טאָג וועלען זיך צוזאַמען קלייבען אַזוי אַז מיט דער צייט וועט זיך פֿיעל צונויפֿקלייבען, דען איין טראָפּען צו איין טראָפּען ווערט איין באַך (טייך) פֿערזאַמעלט אונד אַז איין מינץ (פֿינפֿער=קְשִׂיטָה) צו איין מינץ ווערט אָפּגעשפּאָרט קלייבט זיך אויף איין פֿערמאָגען...

133 § נַיין אוּנְד פוּנְפְצִיגְסְטֶער בְּרִיעף.

מיינע טייערע עלטערן! עס איזט איין געזעטץ (איין שטייגער) פאָן עוויגע יאָהרען (פאָן פערצייטען) צווישען אַללע פאָלקער, יאָהר יאָהרליך קוממען מיט איין וואונש= (זעגען) בריעף צום נייען יאָהר. דיעזער גוטער אונד שאָנער שטייגער (פיהרונג) פערנעהמט איין גרויסען פלאַטץ ביי אונז יודען, דען דאַמאָלס גיבען מיר אַיין ריכטיגע רעכנונג אויף אַללע אונזערע אַרבייט, וועלכע מיר האָבען געטהון אין פערלויף (בְּמֶשֶׁךְ) פאָן גאַנצען יאָהר. דיעזע טאָג רופען זיך אָן ביי אונז יודען שרעקליכע טאָג (יָמִים נוֹרָאִים), דען אין דיעזע טאָג געהט אַרויס אונזער אורטהייל פען דעם העדר פאָן דער וועלט, דער ריכטיגער ריכטער, וועלכער פיהרט דורך אונטער זיין רוט ווי די שאָף (כִּבְנֵי מָרוֹן) אַללע בעשאַפפענע פאָן דער וועלט, צו שטראָפען אָדער צו בעגנאָדיגען; דאַרום שרעקען מיר זיך אונד מיר ווענדען זיך צוריק צו גאָטט מיט איין גאַנצע צוריקקעהרונג (מיט דעם גאַנצען הערצען) אונד מיר בעשטיממען אין אונזער הערץ, דאַס מיר זאָללען זיך מעהר ניכט צוריקקעהרען צו נאַררעשקייט. — נור אַזוי ווי איך בין נאָך איין יונגער קנאַבע אונד איך ווייס ניכט אין מיר קיין זינד וואָס דאָס זאָלל זיין איין פערברעכען, נור דאָס וואָס איך האָב געטהון געגען אייך, מיינע טייערע עלטערן, דאַרום האָב איך בעשטיממט (אָמַרְתִּי) אין מיינעם הערצען, דאַס איך זאָלל קומען פאָר אייך מיט איין שריפט (בִּמְגִלַּת סֵפֶר) צו ביטטען פאָן אייך: פערצייהעט נור מיר אייער זוהן, פילייכט האָב איך געגען אייך געזינדיגט, אונד אַנטוואָרטעט מיר: מיר האָבען פערצייהעט ווי דו זאָגסט; אונד דער גוטער גאָטט זאָלל אויך אייער געבעט צוהאָרען אונד אַייער אורטהייל זאָלל פאָן איהם אַרויסגעהן צו גנאַדע, אונד ער זאָלל אייך פערשרייבען אין דענק=בוך צו גוטע אונד לאַנגע לעבען, אונד פריעדען, רייכטהום אונד גליק זאָללען זיך געפינען אין אייער געצעלט עוויג (אָמֵן סֶלָה).

אייער זוהן...

§ 134

הַמַּסְמֵר נִתַּק עִם קֶרֶשׁ הַסִּפֻּן.	דער נאַגעל (צוואָק) האָט זיך אָפּ־געריסען מיט איין ברעט פאָן געוועלב (סטאָליע).
מֵרַעַשׁ צִלְצַל דַּרְכְּמוֹנֵי הַזָּהָב הִתְעוֹרֵר.	דורך דעם גערויש פאָן קלאַנג פאָן די גאָלדענע דוקאַטען (רענדלאַך) האָט ער זיך ערוואַכט.
וַיִּתָּלֶה בְּכִתְפוֹת מִכְנָסָיו.	ער האָט זיך אויפגעהאַנגען מיט די שלייקעס פאָן זיינע ביינקליידער (מאַיטקעס).
שֶׁבֶר עַמּוֹ נָגַע אֶל־לִבּוֹ.	דער בראָך (אונגליק) פאָן זיין פאָלק האָט אָנגעריהרט זיין הערץ (ער האָט שמערצען פאָן זיין פאָלקס אומגליק).
עֵת צָרָה וְתוֹכֵחָה וּנְאָצָה הָעֵת הַזֹּאת.	איין צייט פאָן בעדראָנגניס (דריקקונג), לאָסטערונג אונד שמאַך איזט דיעזע צייט.
וַתִּקְטַן עוֹד זֹאת בְּעֵינֵיהֶם	זיי (אין זייערע אויגען) איזט עס נאָך וועניג געוועזען.
וַיַּפְרִיעוּ אוֹתָם מֵעֲבוֹד לֵאלֹהֵיהֶם.	אונד זיי האָבען זיי געשטאָרט צו דיענען זייער גאָטט.
מִמֶּנִּי תִרְאוּ וְכֵן תַּעֲשׂוּ.	איהר וועט זעהן ווי איך וועל טהון אַזוי זאָללט איהר טהון.
*בְּדִיל רַבָּא אָכִיל תַּלְמִידָא.	דורך (צוליעב) דעם לעהרער עסט דער שילער.
*סָפִי לֵיהּ כְּתוֹרָא.	שטאָפּ איהם (גיב איהם פיעל עססען) ווי איין אָכס.
*חַמְרָא אֲפִילוּ בִּתְקוּפַת תַּמּוּז קְרִירָא לֵיהּ.	דעם עזעל איזט תמוז־צייט אויך קאַלט.

חֲבֵרְךָ מֵית אֲשֵׁר,
אִיתְעֲשַׁר לָא תֵאֲשַׁר.

דיין געזעלען איזט געשטארבען (ווען מען זאגט דיר אן) גלויב, ער איזט רייך געווארען — גלויב ניכט.

לָא חִילָק יְדַעְנָא וְלָא
בִּילָק יְדַעְנָא.

איך קאנן ניכט חילק'ן אונד ניכט בילק'ן (איך קאנן ניכט דעם אונד ניכט דעם).

תְּצֻלֹּל בִּתְהוֹם הַנֵּצַח
וְהַנְּשִׁיָּה.

זי ווערט פערזינקען אין אבגרונד פאן עוויגקייט אונד פערגעססענהייט.

כְּבוֹד הֲדַר מֶלֶךְ עוֹלָמִים.

די עהרע דער שאנהייט פאן דעם קאניג דער וועלט.

חֹק לְיִשְׂרָאֵל, מִשְׁפָּט
לַעֲדַת יְשֻׁרוּן.

איין יודישער געזעטץ, איין איינפיהר (שטייגער) פיר דער יודישער געמיינדע.

כַּוָּנָתִי תִּהְיֶה לָכֶם לְרָצוֹן,
אַף כִּי מְלַאכְתִּי לֹא
תִהְיֶה כְּרָאוּי.

מיין מיינונג ווערט אייך זיין בעווילליגט, אבוואהל מיין ארבייט ווערט ניכט זיין זא רעכט (גוט).

בִּמְעַט רָפוּ יָדַי.

מיינע האנד זיינען שיער אפגעשוואכט געווארען.

מָה אֲנִי כִּי אוּכַל לָבוֹא
לְפָנֶיךָ בִּמְגִלַּת סֵפֶר.

וואס בין איך גערעכענט, דאס איך זאלל קאנען קוממען פאר דיר מיט איין שריפט.

§ 135 זֶעכְצִיגְסְטֶער בְּרִיעף.

מיין גראסספאטער אונד מיינע גראסעמוטטער! איך קום פאר אייך צו דעם נייען יאהר מיט איין שריפט געשריבען בענשונגען צו דעם קאפף פאן מיינע גראססעלטערן, ווי דער יודישער שטייגער, דער געזעטץ (שטייגער) פאן דער יודישער געמיינדע. נור אין מיין צונג איזט ניטא קיין ווארטער אונד אין מיין פעדער קיין קראפט׳

צו פארשטעללען ריכטיג אללע געדאנקען וואס מיין גייסט (הערץ) פיהלט (ירח״ש) צו אייך; דען וואס בין איך געררעכענט, דאס איך זאלל קוממען פאר אייך מיט איין זעגען-בריעף, עהדער איך האב מיין צונג געלערנט צו שפרעכען מיט איין ריינער שפראכע אין העברעאיש, אונד מיינע האנד זינד שיער אפגעשוואכט געווארען אויס-צושטרעקען (שיקקען) זיי צו דעם פאפיער אייך צו שרייבען. נור וייל איך וויים אייער גוט הערץ, דאס ניכט אויף דער ארבייט נור אויף דעם וויללען קוקט איהר, אונד מיין מיינונג וועט אייך זיין בע-וויללינגט, אבוואהל מיין ארבייט וועט ניכט זיין רעכט, האב איך מיין הערץ געשטארקט אונד איך האב מיין פעדער אויף דעם פאפיער געשיקט צו שרייבען אייך איין זעגנונג וואס קומט ארויס פאן מיין טיעפען (מעמקי) הערצען, דאס ווען אייער נאמען וועט קוממען פאר דער עהרע דער לויטערקייט פאן דעם קאניג פאן דער וועלט זאלל ער אייער געבעט צונעהמען אונד זאלל ער-פיללען אללע ווינשע פאן אייער הערץ צו גוטען אונד זעגנונג, אונד איהר זאלט באלד ווערען געשריבען צו גוטען לאנגען לעבען אונד פריעדען; מיט איין גוטע עלטער זאלט איהר אייערע יאהרען פערברייגען, אונד איהר זאלט זוכה זיין צו זעהן קינדער אונד קינדס-קינדער פאן אייערע איניקלאך...

§ 136 איין אונד זעכציגסטער בריעף.

מיינע טייערע עלטערן! עס איזט איין יודישער איינפיהר, דאס צום נייען יאהר ברענגט יעדער זיין זעגנונג פיר זיין געזעלען, איהם צו זעגנען (בענשען) מיט איין גוטען אונד גליקליכען יאהר, אונד זיי קלייבען אויס פאן די בעסטע שאנע ווארטער (מליצות) צו אויסגיססען אויף שאנעם פאפיער פולל מיט בלומען אונד רויזען, צום צייכען, דאס זיי זאללען אויף דעם נייען יאהר שפראצען אונד בליהען ווי איין רויז אין פליין. אויך קינדער צו זייערע עלטערן ברייגען פאן די פרוכט פאן אייער פעדער איין

געשאַנק אונד זעגנונג. אויך איך ווי איינער פֿאָן זיי האָב געוואָלט קוממען פֿאַר אייך מיט שאָנע רייד אונד פּאָעזיע (שִׁיר) צום נייען יאָהר. נור איך בין אָפּגעהאַקט די פֿליגלען פֿאָן שאָן שפּרעכען אונד פּאָעזיע, אונד איך בין ניכט קיין גוטער רעדנער אויף דעם פּאַפּיער, דאַרום האָב איך געזאָגט, דאַס מיין וועניגעס שרייבען וועט זיין מיין לויב אונד אויך מיין בענשונג; נור איינינגע וואָרטער וועל איך אייך זאָגען: דאַס דער גוטער גאָטט זאָלל צוהאָרען די שטיממע פֿאָן אייער געבעט אונד ער זאָלל ערפּיללען אַללע ווינשע פֿאָן אייער הערץ צו גוטען אונד איהר זאָלט גלייך (באַלד) פֿער־שריבען ווערען צו לאַנגען אונד גוטען לעבען, פֿריעד זאָלל זיך פֿינדען אין אייער הויז, אונד אַזוי לאַנג ווי די זונן שיינט זאָלל אייער נאָמען דויערען. ווי עס ווינשט אייך אייער זוהן, וואָס בעטט איממער גאָטט פֿיר אייער פֿריעד אונד גוטס...

~~~~~~~~~~

§ 137 צְווֵיי אוּנד זֶעכְצִיגְסְטֶער בְּרִיעף.

מיין טייערער פֿאָטער! נאָך איין וועניג אונד דער יאָהר תרנ... וועט אוועקגעהן אין דעם מעער פֿאָן די פֿערגאַנגענהייט, ער וועט פֿערזינקען אין דעם אָבגרונד פֿאָן די עוויגקייט אונד פֿערגעססענהייט אונד איין נייעס יאָהר וועט זיין בעשטאַנד (עָמְדָתָהּ) נעהמען, דאַרום וועל איך דיר זעגנען, דאַס דער גוטער גאָטט זאָלל וועלען (יוֹאִיל) דיר בענייען איין גוטעס יאָהר, איין יאָהר פֿאָן זעגנונג אונד ג״ק, פֿריעד אונד רוהיגקייט זאָללען זיך פֿינדען אין דיין הויז איממער, אָהן איין גרענצע. גאָטט זאָלל דיר אָפֿענען זיינע גוטע שאַטצע אונד פֿאָן זיין הויכע זיטצונג זאָלל ער דיר איינ־טהיילען (יַשְׁפִּיעַ) די מענגע (פֿיעלע) זעגנונגען זיינע מיט זיין פֿרייגעביגע (מילדע) אונד בּרייטע האַנד, אונד ער זאָלל דיך פֿערשרייבען אין לעבענס־בוך, אונד זאָלל דיר בעגנאָדיגען (וִיזַכֶּה) צו זעהען די הילף פֿאָן אונזער פֿאָלק. — זאָלל זיך ענדיגען דאָס יאָהר מיט איהר פּלוּבונג, זאָלל זיך אָנפֿאַנגען איין יאָהר מיט איהרע זעגנונג צו דיר
~~~~~~~~~~

אונד צו אַללע יודען; ווי דער וואונש (כַּעֲתִירַת) פֿאָן דיין זוהן וואָס ליעבט דיך מיט אַ טרייע הערץ...

§ 138

נִכְמְרוּ נִחוּמַי עָלֶיךָ.	איך האָב מיט דיר מיטלייד.
וַתָּבֶן לְשֶׂכֶל מִלֶּיהָ.	אונד זי האָט פֿערשטאַנען איהרע קלוגע וואָרטער.
הוּא הוֹלִיכַנִי (הוֹלִיךְ אוֹתִי) שׁוֹלָל.	ער האָט מיך אין אירטהום געפֿיהרט.
וַתָּבֹא עֵצָה בְּלִבּוֹ.	אונד ער האָט געפֿונען אַיין ראַטה.
דָּמְךָ בְּרֹאשֶׁךָ.	דיין בלוט אויף דיין קאָפּף (דו ועלבסט ביסט שולדיג אויף דיין טויט).
אֵיךְ נוֹעַזְתָּ לְדַבֵּר בְּאָזְנַי כַּדְּבָרִים הָאֵלֶּה?	ווי האָסט דו זיך געמאָכטיגט צו שפרעכען אין מיינע אויערען זאָלכע וואָרטער?
וַיִּפָּלֵא בְעֵינָיו הַדָּבָר הַזֶּה.	אונד דיעזע זאַך איזט געוועזען וואונדערבאַר אין זיינע אויגען.
יָדַעְתִּי אֶת דְּבַר בּוֹאֲךָ.	איך וויים די אורזאַכע פֿאָן דיין קוממען (וועגען וואָס דו ביסט געקוממען).
יקוּשְׁטָא קָאֵי, שִׁיקְרָא לָא קָאֵי.	אַיין אֱמֶת (ווארהייט) בלייבט. פֿאַלשקייט (אַיין ליגען) בלייבט ניכט.
ישְׁתִיקָה כְּהוֹדָאָה דַּמְיָא.	שווייגען איזט גלייך ווי מודה געוועזען (ווי ער איזט סאָגלאַסנע).
יתָּפַשְׂתָּ מְרוּבָּה לֹא תָפַשְׂתָּ, תָּפַשְׂתָּ מוּעָט תָּפַשְׂתָּ.	האָסט דו אָנגענומען פֿיעל האָסט דו גאָר ניכט אָנגענומען, האָסט דו וועניג אָנגענומען האָסט דו יאָ אָנגענומען (צופֿיעל איזט גלייך ווי גאָר ניכט).

׳כָּל הַמּוֹסִיף גּוֹרֵעַ.	דער וואָס מעהרט (ער האַפּט אָן צופיעל) מיננערט.
׳הֶדְיוֹט קוֹפֵץ בָּרֹאשׁ.	איין פּראָסטער שפּרינגט אַרויס צום ערשטען.
׳הֵיכָא דְעָיֵיל יַרְקָא, לָיְעוּל בִּשְׂרָא וְכַוְורֵי.	וואָ עס קומט גרינס (גראָז) זאָלל בעססער קומען פלייש אונד פיש.
הִכּוֹן לִקְרַאת הַמָּוֶת.	זיי גרייט צום טויט.
מִמִּצְוֹת אֱלֹהַי לֹא אָסוּרָה.	פאָן מיין גאָטטעס בעפאָהל וועל איך ניכט אָפּטרעטטען.
דָּבָר יָצָא מִפִּיו וְאֵין לְהָשִׁיב.	איין וואָרט איזט פאָן זיין מויל אַרויס אונד מען קאָנן ניכט צוריק קעהרען.
אָז תַּחֲרֹץ אֶת מִשְׁפָּטֶךָ.	דאַנן וועסט דו דיין אורטהייל בעשטיממען (רעשען).
הִנְנִי חַף מִפֶּשַׁע.	איך בין ריין פאָן שולד.
אֶת חֻקֵּי הַפָּרַת.	מיין געזעטץ האָסט דו פערשטאָרט.

139 § כו. דֶער לָאהן פָאן שְׁלֶעכְטֶען.

איינסט האָבען פאַנגער (אָחאָטניקעס=צַיָּדִים) אַרומגערינגעלט איין וואַלד פאָן אַללע זייטען אום צו פאַנגען איין וואָלף וועלכער האָט זעהר פיעל שאָדען (שַׁמּוֹת) געמאַכט אין זייער געגענד. מיט פיעל מיה האָט דעם וואָלף געגליקט זיך צו רעטטען (לְהִנָּצֵל) פאָן זייערע האָנד אונד ער איזט געלאָפען אויף דעם וועג פאָן פעלד; האָט ער דערזעהן איין בויער געהט געגען איהם אונד טראָגט איין זאַק מיט איין דרעשער (צעפ=מוֹרָג), איזט דער וואָלף צוגעגאַנגען אונד האָט זיך ביי איהם געבעטען: ערבאַרעם זיך אויף מיר, טרייער פריינד, נעהם מיך אונד פערהילל (פערבעהאַלט)

מיך אין דיין זאַק דען פֿאַנגער יאָגען מיך. דער בויער איזט גע־ וועזען זעהר איין גוטהערציגער, האָט ער זיך געלאָזען אָנרעדען (וַיֵּעָתֵר) אונד האָט איהם פֿערבאָרגען אין זאַק, מיט איין שטריק האָט ער די לאָך פֿאָן זאַק פֿערבונדען אונד האָט איהם אויף זיין שולטער אַרויפֿגעלייגט אונד האָט איהם געטראָגען. אין וועג האָבען די פֿאַנגער אָנגעטראָפֿען דעם בויער אונד האָבען איהם געפֿראָגט: „האָסט דו איין וואָלף געזעהן?", האָט דער בויער געאַנטוואָרטעט: „ניין, איך האָב ניכֿט געזעהן". זיינען די פֿאַנגער פֿאָן איהם אַוועק־ געגאַנגען. — „האָבען שאָן פֿאָן היר אַוועקגערייזט די וואָס וויללען מיין זעעלע פֿערניכֿטען (לְסְפוֹתָהּ)?" האָט דער וואָלף געפֿרעגט. „זיי האָבען שאָן אָפּגערייזט פֿאָן היר". זאָגט דער וואָלף צו דעם בויער: „לאָז מיך אונד איך וועל געהן". — דער בויער האָט דעם זאַק געעפֿענט אונד האָט איהם פֿריי געלאָזט (קָרָא לוֹ דרור). ווי דער וואָלף איזט פֿאָן זאַק אַרויס, זאָגט ער צו דעם בויער: „איך וועל דיך אויפֿעססען". — איך האָב דאָך דיר פֿאָן נויטה ערלאָזט אונד דיין זעעלע גערעטעט? — „אַלטע גנאַדע פֿערגעססט זיך" זאָגט דער וואָלף צו דעם בויער. דער בויער האָט געזעהן דאָס די געפֿאַהר איזט פֿאַר איהם (פָּנָיו), האָט ער דעם וואָלף געזאָגט: ווען אַזוי, קום מיר וועלען ווייטער געהן אונד דעם ערשטען וואָס מיר וועלען אָנטרעפֿען וועלען מיר פֿראָגען אונד ווען ער וועט ווי דו (כִּדְבָרֶיךָ) זאָגען, דאַן וועל איך דיר געבען מיין קאָרפער צו עססען.

אונד זיי זיינען ווייטער געגאַנגען. האָבען זיי אָנגעטראָפֿען איין אַלטען פֿערד געהט געגען זיי, בלאָנדזעט אין פֿעלד. האָט זיך דער בויער צו איהם געווענדעט אונד האָט געזאָגט: „פֿערד! זיי איין ריכֿטער צווישען מיר אונד צווישען דעם וואָלף. איך האָב דעם וואָלף פֿאָן טויט גערעטעט, אונד יעצט וויל ער מיך טוידטען אונד מיין פֿלייש אויפֿעססען", אונד דער בויער האָט איהם ערצעהלט די געשיכֿטע (דען צופֿאַלל). דאָס פֿערד האָט עטוואָס געטראַכֿט אונד האָט געזאָגט: „צוועלף יאָהר האָב איך מיין הערר געדיענט. איך האָב איהם אַללע אַרבייט געטהון אין הויז אונד אין פֿעלד;

אויף מיינעם רוקען האָב איך איהם געטראָגען אונד ווי איך בין אַלט געוואָרען, מיינע קראֶפטען זיינען מיר אויסגעגאַנגען (כְּבְלוֹת) אונד איך קאָנן שאָן ניכט אַרבייטען, האָט ער מיך אַרויסגעטריבען פאָן זיין הויז אונד הויף (חָצֵר) אונד יעצט בלאָנדזע איך אין פעלד, פיליייכט וועל איך געפינען עטוואָס גראָז צו ערנאֶהרען מיין זעעלע. אַלטע גנאַדע פערגעססט זיך!" — זעה דאַס איך האָב רעכט — זאָגט דער וואָלף צו דעם בויער. דער בויער איזט געוואָרען אונמוטהיג (נֶעֱצַב אֶל לִבּוֹ) אונד האָט געבעטען דעם וואָלף, זיי זאָללען פראֶגען נאָך איינעם אונד ער זאָלל זיין אורטהייל האָרען. דער וואָלף איזט איבערגערעדט געוואָרען צו טהון זיין פערלאַנג.

איזט געגען זיי אָנגעקוממען אַיין אַלטער הונד. דער בויער האָט פאַר איהם ערצאָהלט זיין טראַף אונד ער האָט אויף זיין אויסשפרוך (מִשְׁפָּט) געוואַרט. דער הונד האָט עטוואָס געטראַכט אונד האָט געזאָגט: צוואַנציג יאָהר האָב איך מיין העדר געדיענט, איך בין געוועזען איין וועכטער צו זיין הויז אונד זיין פיה. ביי טאָג האָט מיך די היטץ געגעססען אונד די קעלט ביי נאַכט, אונד ווי איך בין אַלט געוואָרען אונד איך האָב אויפגעהאָרט צו ביללען (חָדַלְתִּי מִנְּבוֹחַ) האָט מיך מיין העדר פערטריבען פאָן זיך, אונד יעצט וואָגעל איך זיך אָהנע צו פינדען איין בעשטאַנד; אַלטע גנאַדע פערגעססט זיך! — „זעהסט דו דאַס איך האָב רעכט" זאָגט דער וואָלף מיט פרייד, אונד האָט דעם בויער גלייך געוואָלט אויפעססען. — וואַרט נאָך אויף איין דריטטען, דען דורך (עַל פִּי) דריי ריכטער ווערט איין זאַך בעשטימט; ווען דער דריטטער וועט זאָגען ווי דו, דאַנן וועסט דו שאָן מיט מיר טהון ווי דו פערלאַנגסט.

אין דריטטען מאָל האָט זיי אָנגעטראָפען איין פוכס, האָט איהם דער בויער ערצאָהלט די גנאַדע וואָס ער האָט מיט דעם וואָלף געטהון, אונד דעם לאָהן וואָס ער וויל איהם בעצאָהלען. — איך גלויב עס ניכט, זאָגט דער פוכס, דאַס אַזאַ גרויסער וואָלף ווי ער זאָלל קאָנען זיך בעהאַלטען (לְהֵחָבֵא) אין דעם זאַק. דער בויער אונד דער וואָלף האָבען געשוואָרען, דאַס עס איזט וואַהר אונד ריכטיג די זאַך. אָבער דער פוכס האָט עס ניכט געוואָלט

גלויבען. נאָכדעם זאָגט דער פֿוכס: ווייז מיר ווי האָסט דו דעם וואָלף בעהאַלטען אין דעם זאַק אום דיינע ווערטער זאָללען ווערען בעגלויבט. דער בויער האָט דעם זאַק געעפֿענט אונד דער וואָלף האָט זיין קאָפּף אַריינגעשטעקט (הִכְנִים). פֿרעגט דער פֿוכס: האָסט דו נור דיין קאָפּף אין זאַק בעהאַלטען? איזט דער וואָלף אַריין אין גאַנצען אין זאַק. — קום (וואָהלאַן=הָבָה) בויער — זאָגט דער פֿוכס — צייג מיר ווי האָסט דו דעם זאַק פֿערבונדען. אונד דער בויער האָט דעם זאַק פֿערבונדען. — יעצט צייג מיר ווי האָסט דו געדראָשען (דַּשְׁתָּ) דיינע ראָגען (קאָרען). דער בויער האָט גענומען זיין דרעשער אונד האָט געקלאַפּט אויף דעם זאַק אונד שלאָגענדיג דעם זאַק האָט ער בְּכִוָּן (בִּצְדִיָּה) דעם פֿוכס אין קאָפּף איין קלאַפּ געטהון מיט דעם דרעשער אונד ער האָט איהם געטוידט, זאָגענדיג: אַלטע גנאַרע פֿערגעססט זיך.

140 § כז. בַּת־שֶׁבַע.

איין רייכער מאַנן, איין בעזיטצער פֿאָן פֿיעל שאַטצע, האָט געהאַט איין איינציגע טאָכטער זעהר איין שאָנע, גוט־הערציגע אונד איין ליעבליכע; אין שטאָדט האָט מען זי גערופֿען מיט דעם נאָמען „בַּת שֶׁבַע" (די זיעבטעל) ווייל זי האָט געהייראַטעט מיט זיבען מאָננער אונד אַללע זיינען געפֿונען געוואָרען טוידט אין זייער שלאָף־צימער אין דער נאַכט פֿאָן זייער חופה. דיעזער מאַנן האָט געהאַט איין אָרמען ברודער, אונד ער (דער ברודער) האָט געהאַט איין קלוגען אונד פֿערשטאָנדיגען זוהן, וועלכער האָט זעהר פֿיעל פֿערשיעדענע שפּראַכען געקאָנט. איינסט זאָגט דער זוהן פֿאָן דעם אָרמען ברודער צו זיין פֿאָטער: וואַרום זאָלל איך זיטצען היר ביי דיר? איך וועל רייזען צו מיין אָנקעל, דיין רייכען ברודער, פֿילייכט וועט ער מיר געבען איין שטעלע מיט אַרבייט אין זיין געשאָפֿט. ער האָט געזאָגט אונד געטהון, ער איזט געקוממען צו זיין רייכען אָנקעל, וועלכער האָט איהם עמפּפֿאַנגען מיט אָפֿפֿענע האַנד אונד מיט איין פֿריינדליכעם געזיכט, אונד ער

האָט מיט איהם גערעדט גוטע רייד (מיט גוטען), אָבוואָהל בּיז יעצט האָט ער זיך פֿאָן זיין אָרמען ברודער ערוויטערט אונד האָט איהם ניכֿט געשטיצט (סָעדו), דען פֿאָן דער צייט וואָס עס האָט געטראָפֿען מיט זיין איינציגער טאָכֿטער, האָט ער זיין הערץ ווייך געמאַכֿט אונד ער איזט פֿאַרענדערט געוואָרען אויף איין אַנדערען מענשען. דער זוהן פֿאָן דעם אָרמען ברודער האָט זיך בּעקאַנט (הִתְוַדַּע) מיט זיין אָנקעלס טאָכֿטער „בּת שבע" די אומגליקליכֿע אונד האָט זי ליעב געקריגען פֿיר איהר גוטסקייט אונד קלוגשאַפֿט אונד האָט מיט איהר געוואָלט הייראַטען. נור זי האָט איהם געזאָגט: איך ליעב דיך ווי זיך זעלבּסט (מיין אייגענער זעלע) אבער איך קאָנן מיט דיר ניכֿט הייראַטען, דען וואָרום זאָלסט דו צוליעב מיר פֿערדאָרבען ווערען? (תִּסָּפֶה), אונד אויך זיין אָנקעל האָט דאָס ניכֿט געוואָלט. נור ער האָט זיי זעהר שטאַרק געבּעטען בּיז זיי זיינען איבּערגערעדט געוואָרען אונד מען האָט בּעשטימט דאָס אין איין מאָנאַט אַרום וועט זייער האָכֿצייט זיין.

איינסט איזט דער בּרויטיגאַם געלעגען אויף זיין געלעגער פֿערטראַכֿט, פֿערטיעפֿט אין זיינע געדאַנקען (תָּפוּשׂ בְּרוֹב שַׂרְעַפָּיו) טראַכֿטענדיג ווי זיך רעטטען פֿאָן זיין אומגליק וואָס עס קאָנן איהם טרעפֿען ווען ער וועט הייראַטען מיט זיין אָנקעלס טאָכֿטער ווי עס האָט געטראָפֿען אַללע איהרע בּרויטיגאַמען; האָט ער געהאָרט, דאָס די קנעכֿט פֿאָן זיין אָנקעל, בּרְשַׁע אונד בּדְקַר שושקען זיך צווישען זיך אין איין פֿרעמדער שפּראַכֿע, וועלכֿע זיי האָבען גע־קאָנט אונד זי, די שפּראַכֿע, אויסגעלערנט, נור זיי האָבען ניכֿט גערעכֿענט דאָס ער זאָלל אויך פֿאַרשטיין דיעזע שפּראַכֿע, דאַרום האָבען זיי זיך ניכֿט געהיט פֿאַר איהם (נִזְהֲרוּ). בּדְקַר דיהמט זיך: „איך האָב דריי מאַנען פֿון ווירטה'ס טאָכֿטער געטוידט, דען איך וויל מיט איהר הייראַטען". זאָגט צו איהם בּרְשַׁע: איך האָב פֿיער מאַנען געטוידט אונד האָב פֿאָן זיי זייערע קליידער גענוממען אונד נאָך טייערע זאַכֿען, וועלכֿע זיי האָבען אויף זיך געטראָגען. „אַך! יעצט זיינען מיר בּרידער אונד מיר וועלען דיעזעס טהון: איך האָב געהאָרט, דאָס דער זוהן פֿאָן אונזער ווירטהס בּרודער וועט מיט

איהר הייראַטען; אונד מיר וועלען מיט איהם אויך טהון ווי מיר האָבען געטהון מיט די זיעבען מאָננער". אונד זיי האָבען איינער דעם צווייטעי די האַנד געדייכט פיר איין בונדעס־צייכען.

אין איין מאָנאַט אַרום האָט מען געפייערט זייער האַכצייט אונד דער ברויטס פאָטער האָט געמאַכט איין גאַסט־מאָהל ווי (די מעגליכקייט=כּיד) איין רייכער מאַנן, אונד ער האָט איינגעלאַדען זיין גאַנצע פאַמיליע אונד בעקאַנטע אונד אַללע האָבען זיך געוואונדערט אויף דעם ברויטיגאַם וואָס ער איזט אַזוי פראָהליך אונד רוהיג אונד ער פירכטעט זיך ניכט פיר דעם אומגליק וואָס וועט איהם טרעפפען אין איינינע שטונדען אַרום, ווי עס האָט געטראָפפען אַללע מאָננער פאָן בת־שבע'ן. — אין מיטטען מאָהל־צייט איזט דער חתן אַרויס שטיל פאָן הויז, אַזוי דאַס די געלאַדענע האָבען עס גאָר ניכט געמערקט (הרגישו) אונד ער האָט גערופען זיין קנעכט אַחיטוב אונד האָט איהם בעפאָהלען, ער זאָלל אויס־גראָבען איין טיעפע גרוב נעבען דער טהיר פאָן זיין צימער אונד קיינער זאָלל פאָן דעם ניכט וויססען. ווי אַללע געלאַדענע זיינען זיך צוגאַנגען, האָט ער פאָן זיי אָפשייד גענוממען אונד איזט געגאַנגען אין דעם צימער פאָן זיין געלאָגער. אין מיטטען דער נאַכט האָבען אַללע הויז־לייט דערהאָרט איין שטיממע פאָן איין געשריי, איין קלאָג געהט פאָן צימער אונד זיי האָבען זיך ערשראָקען, דען זיי האָבען גערעכענט, דאַס דער חתן ראַנגעלט זיך מיט דעם ביטטערן טויט. ווי זיי זיינען נאָהענט געקוממען צו דער טהיר פאָן דעם צימער וואָ דער חתן שלאָפט, האָבען זיי דערזעהען, דאַס איין טיעפע גרוב איזט אויסגעגראָבען אונד אין איהר ליגען די צוויי קנעכט בדקר אונד ברשע, אונד איין שאַרפער מעססער אין זייער האַנד. מען האָט זיי אַרויסגעצויגען פאָן גרוב אונד זיי האָבען זיך מודה געוועזען, דאַס זיי האָבען געטוידט איהרע (בת שבע'ס) זיעבען מאָננער אונד יעצט האָבען זיי מיט דעם חתן אויך אַזוי געוואָלט טהון אונד זיי זיינען אַריינגעפאַללען אין דער גרוב וואָס דער חתן האָט פיר זיי געגראָבען. מען האָט זיי ביידען אויפ־

געהאַנגען אויף איין בּוים, צום צייכען פֿיר די בּאָזעווילטער (לִבְנֵי מֶרִי)... —

141 § כח. אַיין אוּנגֶעהָאַרְזַאמֶער אוּנְד וִוידֶעְרשְׁפֶּעְנְסְטִיגֶער זוּהְן.

איין רייכער אונד געשעצטער מאַנן האָט געהאַט איין ווידערשפּענסטיגען זוהן, וועלכען זיין הערץ האָט געצויגען (הָלַךְ) נאָך וואָס די אויגען זעהען. דער זוהן האָט אָפֿט בּיי זיין פֿאָטער פֿיעל געשטוילט אונד האָט עס פֿערנאַשט (נָתַן) אין וויין אונד בּיער אונד אַנדערע קאָרפּערליכע פֿערגניגען. ער האָט זיך קאָמפּאַנירט מיט שלעכטע אונד זינדיגע געזעלען; זיין נאָמען איזט געוועזען צו שאַנדע אונד פֿלוך בּיי די איינוואָהנער פֿאָן שטאָדט, אונד זיינע אַללע אויפֿפֿיהרונגען (טהאַטען=עֲלִילוֹתָיו) זיינען ווי דאָרנער געוועזען אין זיין פֿאָטערס אויגען. אומזאָנסט האָט זיין פֿאָטער אויסגעבּראַכט זיינע רייד (הַשְׁחִית אֲמָרָיו) צו שטראָפֿען איהם, דען ער האָט זיינע אויערען פֿערשטאָפּט נישט צו הערען זיינע שטראָף־רייד אונד ער האָט ניכט אָפּגעטראָטען פֿאָן זיין שלעכטען וועג. — ווי עס איזט געקוממען די צייט פֿאָן דעם אַלטען צו שטאַרבּען האָט ער אַללעם וואָס ער האָט איבּערגעלאָזען בּירושה זיין איינציגען זוהן, אונד האָט איהם בּעפֿאהלען, דאַס ער זאָלל זיין ערבּטהייל ניכט פֿערקויפֿען, ווען עס ווערט איהם זאָגאַר זעהר שלעכט זיין. אונד איין פּערז׳ עלמ׳ין בּ׳רין׳ האָט ער איהם איבּערגעגעבּען דאַס ער זאָלל איהם אָפֿפֿנען אין צעהן יאָהר אַרום נאָך זיין טוידט אין דעם זעלבּען צוממער וואָ ער ליגט יעצט פֿאַר זיין שטאַרבּען.

נאַכהער (נאָך דער געשיכטע) איזט דער פֿאָטער געשטאָרבּען אונד אַללע שטאָדט־לייט האָבּען איהם זעהר פֿיעל עהרע געגעבּען, דען ער איזט געוועזען פֿאָן די גראָסטע פֿאָן דער געמיינדע, אונד איין אַנגעזעהענער מענש, פֿאָן די פֿאָרנעהמסטע פֿאָן דער שטאָדט. אָבּער זיין זוהן האָט ניכט פֿערבּעססערט זיין אויפֿפֿיהרונג אונד ער

איזט נאָך מעהר פֿערדאָרבען געוואָרען דורך דעם פֿיעל רייכטהום וואָס ער האָט פֿאָן זיין פֿאָטער געערבט. ער האָט זיין געלט ווי שטויב פֿערשפּרייט אויף יעדער נאַררישקייט, אויך שלעכטע געזעלען האָבען איהם פֿערדאָרבען אונד לעער געשטעלט (וַיְבוֹקְקֻהוּ) אַזוי דאַס ער איזט זעהר אָרעם געוואָרען, דען ער האָט שאָן אַללעם פֿערקויפֿט פֿאָן הונגער אונד קיינער האָט זיך צו איהם ניכט געווענדעט איהם צו העלפֿען, דען ווער וועט זיך ערבאַרמען אויף אַזאַ ניעדערטראַכטיגען מענשען ווי ער? אויך זיינע געזעלען, וועלכע האָבען אין זיינע גוטע יאָהרען מיט איהם זיין געלד געטהיילט, האָבען זיך יעצט אין זיין נויטה פֿאָן איהם ערווייטערט. דאַנן האָט ער זיך דערמאָנט ווי גוט אונד ריכטיג זיינען פֿיר איהם געוועזען די שטראָף־רייד פֿאָן זיין פֿאָטער, אונד ער האָט פֿאָן זיך די האָאָר פֿאָן קאָפּף געריססען (וַיְגַז) אונד האָט געפֿלוכט דעם טאָג וואָס ער איזט אין איהם געבאָרען געוואָרען, אונד ער האָט זיך געוואונשען בעססער דעם טוידט ווי צו לעבען אַזאַ ביטטערען לעבען. — דאַנן האָט זיך געענדיגט די צעהן יאָהר פֿאָן זיין פֿאָטערס טוידט, איזט ער אַריין אין צימער וואָ זיין פֿאָטער איזט געלעגען פֿאַר זיין טוידט אונד ער האָט אָנגעצונדען (הִדְלִיק) איין יאָהר־צייט (נֵר נְשָׁמָה) אונד פֿיר דעם שיין פֿאָן דער ליכט האָט ער מיט ציטטערדיגע האָנד דעם בריעף גענוממען צו לעזען, דען ער האָט זעהר געוואָלט האָרען זיין פֿאָטערס ראַטה נאָך זיין טוידט, פֿיר דעם וואָס ער האָט איהם ניכט געפֿאָלגט אין זיין לעבען. ווי ער האָט זיין בריעף געעפֿענט האָט ער אַזוי געלעזען: „פֿאָלג דיין פֿאָטער וואָס האָט דיר געוואונשען (דָּרַשׁ) פֿריעד, גליק אונד גוטס אין זיין לעבען אונד נאָך מעהר (אַף כִּי) נאָך זיין טוידט ווען דו ביסט איין פֿערלאָזענער (יָתוֹם). איך וויים דאַס נאָך מיין טוידט וועסט דו דיין אויפֿפֿיהרונג פֿערדאַרבען אונד דו וועסט נאָך מעהר פֿערקעהרען (קָרָה) ווי ווען איך האָב געלעבט. מיין רייכ־טהום אונד פֿערמאָגען וועסט דו פֿערלירען, קיין וויססענשאַפֿט אונד אַרבייט האָסט דו ניכט געלערנט; אונד (וְהָיָה) ווען דו וועסט זיין הונגעריג, וועסט דו שטילען אונד ערמאָרדען אונד דו וועסט

ווערען געהאַפּט (וְנִתְפַּשְׂתָּ) וועסט דו ווי איין ניעדערטראַכטיגער געטוידט ווערען אויף דעם עשאַפאָט (בָּמַת מַטְבֵּחַ) פאַר אַללעמען אין די אויגען, אַלס צייכען צו די ניעדערטראַכטיגע זיהן; דאַרום איזט מיין טרייער ראַטה צו דיר, דאַס פאַר דיר איזט גלייבער דו זאָלסט שטאַרבען איין אָרדענטליכען טוידט, ווען דו ביסט נאָך ריין פאָן זינד אונד רויב. הויב אויף דיינע אויגען אונד זעה אין געוועלב (סופיט) פאָן דעם הויז איבער מיין בעטט איזט אַריינגעזעצט איין קרוק (מַסְמֵר כָּפוּף). נעהם איין שטריק אונד בינד אָן אָן איהם אונד הענג זיך אויף אויף איהם. קלעהר ניכט פיעל, דען דיין פאָטערס שטיממע וועלכער האָט דיך געבאָרען רעדט צו דיר ריכטיג (נְכוֹחָה) פאָן זיין גראַבען (קֶבֶר)". ווי ער האָט געענדיגט צו לעזען דיעזען בריעף האָט ער זעהר פיעל גע-וויינט אונד מיט איין צובראָכענעם הערצען האָט ער זיין פאָטערס רייד רעכט געגעבען, דען אַזוי האָט דאָך שאול דער יודישער קאָניג אויך געטהון ווען ער האָט געזעהן דאַס דער פיינד האָט איהם ארומגעקרייזט אונד ער האָט זיך געפירכטעט, דאַס די אונבעשניטטענע זאָללען איהם ניכט ניעדריג בעהאַנדלען (יִתְעַלְּלוּ) אונד ער איזט אַרויפגעפאַללען אויף זיין שווערד אונד איזט גע-שטאָרבען ווי איין העלד שטאַרבט; איך וועל אויך אַזוי טהון". מיט זיין מויל האָט ער גערעדט אונד מיט זיין האַנד האָט ער אונטערגעשטעלט איין שטוהל אונד מיט די שלייקעס (כְּתֵפוֹת) פאָן זיינע מאַיטקעס האָט ער זיך אויפגעהאַנגען אויף דעם קרוק.

ער ראַנגעלט זיך נאָך מיט דעם טוידט אונד פלוצלינג האָט זיך אָפגעריססען דער נאַגעל (צוואָק) מיט איין ברעט פאָן סופיט אונד ער איזט אַראָפגעפאַלען אויף דער ערד אונד פאָן סופיט האָט אויף איהם גערעגענט (הִמְטִירוּ) גאָלדענע רענדלאַך, אונד פאָן גערויש פאָן זייער קלאַנג האָט ער זיך ערוואַכט אונד ער האָט אָפגעלעבט אונד האָט זיך אויף זיינע פיסס געשטעלט. יעצט האָט ער פערשטאַנען וואָס זיין פאָטער האָט איהם געטהון. מיט דעם געלט איזט אַראָפגעפאַללען איין בריעף פאָן זיין פאָטער אונד אַזוי איזט אין איהם געשטאַנען: „דיין זינד איזט אַראָפ (אָפּ-

געשראָטען) אונד דיין פֿערברעכען ווערט פֿערציהעט, דו ווערסט ניכט שטאַרבען, ווען דו ווערסט אויסבעססערן דיין אויפֿפֿיהרונג (דיינע טהאטען)" —

פֿאָן דאַמאָלס אָן האָט ער פֿערלאָזען זיינע שלעכטע געזעלען. דען ער האָט געזעהן דאַס זיי זיינען געזעלען נור צו עססען אונד טרינקען פֿאַר זיין געלט, אונד ווען איהם איזט שלעכט געוועזען זיינען זיי פֿאָן וויטען (געגען זיין אונגליק) געשטאַנען; אונד ער האָט זיך קאָמפּאַנירט מיט רעדליכע לייט, איזט געוואָרען איין גאָטטס־פֿאָרכטיגער אונד האָט אָפּגעטראָטען פֿאָן שלעכטס, אונד גאָטט איזט מיט איהם געוועזען אונד ער האָט בעגליקט.

§ 142

כַּטּוֹב בְּעֵינֶיךָ עֲשֵׂה.

ווי דיר געפֿעלט אַזוי טהו.

הוּא נִבְעַת מִפָּנָיו מְאֹד.

ער האָט זיך פֿאַר איהם זעהר ער־שראָקען.

הִנְּךָ לִי לְמַלְאָךְ מוֹשִׁיעַ.

דו ביסט מיר איין רעטטונגס ענגעל,

עַל יָדוֹ תָּבוֹא גְאוּלָּתִי.

דורך איהם וועט מיין ערלאָזונג קוממען.

*בֵּירָא דְשָׁתִית מִינֵיהּ, לָא תִשְׁדֵי בֵיהּ קָלָא (בּוֹר שֶׁשָּׁתִיתָ מִמֶּנּוּ אַל תִּזְרוֹק בּוֹ אֶבֶן).

אין דעם ברוננען וואָס דו האָסט זיינע וואַססער געטרונקען, זאָלסט דו קיין שטיין ווארפֿען.

*עִם כָּל אָדָם הִתְרוֹעֵעַ וּבְאֶחָד מֵאֶלֶף אַל תִּבְטָח.

געזעל דיך מיט יעדען מענשען אונד אין איינעם פֿאָן טויזענד זאָלסט דו זיך ניכט פֿערזיכערן (פֿערטרויען).

*אַל תִּשָּׁעֵן עַל רֵעֲךָ אִם לֹא בְחַנְתּוֹ בְּעֵת צָרָה.

פֿערלאָז דיך ניכט אויף דיין נעבֿ־סטע' (געזעלען) אויב דו האָסט איהם ניכט פּראָבירט אין אין נויטה צייט.

*אוֹי לָהּ לִסְפִינָה שֶׁאָבַד קַבַּרְנִיטָהּ.

וועה איזט דער שיף וואָס האָט פערלאָרען איהר שיף־מייסטער.

*חַצְבֵי לְנַהֲרָא, כַּנְנֵי לַיְיא?

איין קרוג טראָגט מען צום טייך, אָבער וואָ טראָגט מען די צוברעכענע? (צו וואָס נוטצען די צוברעכענע?)

*כָּל דָּרְקִיק לְעֵלָּא עַל אַפּוֹי נָפִיל.

ווער עס שפייט אין דער הויך פאַלט (די שפייאַכץ) אויף זיין געזיכט. (ווער עס בערעדט יענעם בערעדט זי זעלבסט).

*הַתְקֵן עַצְמְךָ בִּפְרוֹזְדוֹר, כְּדֵי שֶׁתִּכָּנֵס לִטְרַקְלִין.

גרייט זיך צו אין פאָדערהויז אום זאָלסט קאָנען אַריינגעהן אין פּאַלאַסט (פּאַלאַץ).

*אַל תְּרַצֶּה אֶת חֲבֵרְךָ בִּשְׁעַת כַּעֲסוֹ.

רעד ניכט איבער דיין [illegible] ווען ער איזט אין צאָרען.

*אוֹי לִי מִיּוֹצְרִי אוֹי לִי מִיִּצְרִי.

מיר איזט שלעכט (וועה) פאָן מיין שאַפער, אונד מיר איזט שלעכט פאָן מיין שלעכטען געדאַנק (יֵצֶר הָרָע).

*אָדָם רוֹצֶה בְּקַב שֶׁלּוֹ מִתִּשְׁעָה קַבִּין שֶׁל חֲבֵרוֹ.

איין מענש וויל זיין אייגענע איין טאָפּף (ווענינ) ווי ניין טאָפּף דעם געזועלענס (פרעמדע).

*אֵיזֶהוּ חָכָם הָרוֹאֶה אֶת הַנּוֹלָד.

ווער איזט איין קלוגער? דער וואָס זעהט וואָס ועט געבאָרען ווערעז (וואָס וועט שפּאָטער זיין. די צוקונפט).

*אֵין אָדָם דָּר עִם נָחָשׁ בִּכְפִיפָה.

איין מענש וואָהנט ניכט מיט איין שלאַנג צוזאַממען (אין איין קאָרב).

*כְּרֵיסָא טְעִינָא רַגְלַיָּא.

דער בויך טראָגט די פיס.

*רַחֲמֵי דְּאַבָּא אַבְּנֵי, רַחֲמֵי דִּבְנֵי אַבְּנֵי.

די באַרימהערציגקייט פאָן פאָטער (עלטערן) אויף די קינדער, די באַרימהערציגקייט פאָן די קינדער (אויך) אויף די קינדער (זייערע).

'כַּלְבָּא בְּלָא מַתְיָא שֶׁב שְׁנִין לָא נָבַח.

איין הונד אָהן איין שטאָדט ביללט ניכט (זיעבען יאָהר).

'נָתַתָּ פַּת לְתִינוֹק הוֹדִיעַ לְאִמּוֹ.

האָסט דו איין שטיקעל ברויט איין קינד געגעבען, גיעב צו וויססען זיין מוטטער.

'לוּחוֹת וְשִׁבְרֵי לוּחוֹת מוּנָחִים בָּאָרוֹן.

טאַפלען אונד אויך צובראָכענע טאַפלען ליעגען אין לאַדען (קאַסטען). (די הייליגע אונד אויך די געוועזענע הייליגע ווערען געהיטעט).

'טָבָא לָא הֲוֵי בִּישָׁא.

גוטס ווערט ניכט שלעכט.

סוֹפָךְ טוֹב כֻּלָּךְ טוֹב.

ווען דיין ענדע איזט גוט איזט אללעס גוט.

~~~~~~~~~

143 § כט. אַנְטֹנִינוּס אוּנְד רַבִּי.

א.

עס איזט געוועזען ווען די קרוין פאָן יהודה איזט אראָפגעפאַללען (ארונטערגעשטירצט געוואָרען), ירושלים איזט געוואָרען וויסט (לְשַׁמָּה) אונד אַנדרינוס דער קאָניג פאָן רומי האָט שווער געמאַכט זיין לאַסט (עֻלּוֹ) אויף דעם יודישען פאָלק, ער האָט אויף זיי ארויפגעלעגט (געטהון) צינזען (אָפּצאָהל), ער האָט בעשלאָססען שווערע אונד שלעכטע בעשליססונגען (גְּזֵרוֹת), האָט געטראַכט (ויאמר) צו מאַכען זיי פערגעססען זייער לעהרע אונד צו אָפּוועגדען זיי (לְהַעֲבִירָם) פאָן זייערע עלטערענס געזעטצע, אונד ער האָט ארויסגעגעבען (וַיָּשֶׂם) איין טוידטשטראָף אויף יעדער יודען, וועלכער וועט זיך איינשטעללען (יָזִיד) צו קוממען אונד קלאָגען אויף דער וויסטקייט פאָן דער הייליגער שטאָדט. דאַנן זיינען אויפגעשטאַנען צווישען די יודען קלוגע מאָנער, געלעהרטע (תּוֹפְשֵׂי תוֹרָה), וועלכע האָבען זייער זעעלע אין געפאַהר געשטעלט (הִשְׁלִיכוּ
~~~~~~~~~

נַפְשָׁם מְנֻגָּד) אונד זיי האָבען די יודען געלעדנט די לעהרע פאָן דעם לעבענדיגען גאָטט, צו מאַכען (געבען) אונז איין נאָמען אונד איבערבלייבונג אין די לאַנדער וואָ מיר ווערען פערוואָגעלט (פער־טריעבען) ווערען, אום מיר זאָללען זיך ניכט אויסמישען צווישען די פאָלקער ווי היינטיגם טאָג. אין יענע טאָג (צייטען) זיינען גע־טוידט געוואָרען צעהן מאָננער פאָן אונזערע גראָסטע אונד הייליגע דורך דער שווערד פאָן דער קאָניגרייך רומי די שלעכטע; זיי זיינען די צעהן געטוידטע וואָס אַללע יודען קלאָגען אויף זיי אַללע יאָהר אין דעם טאָג וואָס עס איזט וויסט געוואָרען דאָס הויז פאָן אונזער גאָטט.

רבן שמעון בן גמליאל איזט דאַמאָלס געוועזען איין פירשט (נָשִׂיא) ביי יודען אונד דער מאַנן איזט איין געשעצטער אונד איין פאָרנעהמער אונד אַללע וועלכע האָבען זיין נאָמען געוואוסט האָבען איהם געליעבט. אויך דער קאָניג אַנדרינוס דער טיראַן האָט איהם בעוויעזען (הִטָּה) גענאַדע אונד האָט איהם געלאָזען אַריינקוממען (נָתַן לוֹ מַהְלְכִים) אין זיין הויף אונד ער האָט איהם אָפגעזאָנדערט פאָן אַללע זיינע ברידער צו זיין זייער הויפט, זיי צו פיהרען אין גאָטטס וועג אונד לערנען זיי די געזעטצע פאָן זייער רעליגיאָן (דָּת) אונד די לעהרע פאָן זייער גאָטט.

איינסט (וַיְהִי הַיּוֹם) איזט אַרויס איין בעשליססונג (גְּזֵרָה) פאָן דעם קאָניג, דאַס מען זאָלל די יודען ניכט לאָזען בעשניידען זייערע זאָהנע אויף דעם אכטען טאָג פאָן זייער געבוירען ווערען אונד דער וואָס וועט זיך דערוועגען צו איבערטרעטטען דען בעפעהל פאָן קאָניג, קוממט איהם טאָדטען, איהם מיט דעם בע־שניטטענעם קינד. — בעאַמטע זיינען אויפגענוממען געוואָרען דורך דעם קאָניגס בעפעהל (מְטֻעָם), אין אַללע שטאָדט וואָ די יודען זיטצען, צו היטטען זיי, זיי זאָללען זיך ניכט דערוועגען צו איבערטרעטטען דען בעפעהל אונד דען פערזאָג פאָן קאָניג. דער נשיא האָט געשיקט שלוחים (צירים) צו דעם קאָניג בעטען פאָן איהם, דאַס ער זאָלל אָפנעהמען (יַעֲבִיר) די שלעכטע בעשליססונג, גאָר ווי זיי זיינען געגאַנגען אזוי זיינען זיי געקוממען אונד העלפען

האבען זיי ניכט געהאלפען, דען ער האט זיין אויער פערשטאפט ניכט צו הארען זייער געבעט אונד פערלאנג.

ב.

אונד רבן שמעון בן גמליאל דער יודישער פירשט האט צו וויססען געגעבען (הֶעֱבִיר קוֹל) אין ירושלים אונד אין אללע שטאדט פאן יהודה מיט דיעזע ווארטער (לֵאמֹר): יעדער מאַנן וועלכער האט שמערצען פאן דעם אונגליק זיינעם פאלקעס (וואס דער אונגליק (שֶׁבֶר, אָסוֹן) פאן זיין פאלק האט געריהרט זיין הערץ) זאלל קוממען אין ירושלים צו הארען די רייד פאן פירשט. אַללע יודען האבען זיך פערזאמעלט (וַיִּקָּהֲלוּ) פאן זייערע אללע שטאדט אונד זיינען געקוממען אין ירושלים אין דעם טאג וואס דער פירשט האט בעשטיממט. דאַנן איזט רבן שמעון בן גמליאל דער פירשט אַרויף אויף דער ביהנע (הַבָּמָתָה) אונד האט געוויינט אונד האט געזאגט: הארט מיר צו מיינע ברידער, איין צייט פאן בעדראנגניס (דריקקונג, נויטה), לעמטערונג אונד שמאַך איזט דיעזע צייט. פרעמדע זיינען אויף אונז אויפגעשטאַנען אונד האבען וויסט געמאכט (הֶחֱרִיבוּ) אונזער הייליגעס הויז. אונזערע שטאדט זיינען געווארען וויסט, אונזער ערד איזט אין פרעמדען בעזיטץ (נֶהֶפְכָה לְזָרִים), אונד זיי איזט עס נאך וועניג (קליין=נִתְקַטַּן) אין זייערע אויגען, אונד זיי טראַכטען (ויאמרו) אונז איבערפיהרען פאן די געזעטצע פאן אונזער לעהרע אונד זיי לאזען אונז ניכט מאַכען אין אונזער קינדערס לייב דעם הייליגען בונדעס-צייכען וועלכען גאטט האט געשלאססען מיט אברהם'ן אונזער פאטער. קוממט (וואהלאַן)! מיינע ברידער מיר וועלען אויפשטעהן אונד זיך שטאַרקען פיר אונזער פאלק אונד פיר דער עהרע פאן אונזער לעהרע וועלכע ווערט פערשוועכט צווישען די פאלקער, אונד מיר וועלען ניכט לאזען פרעמדע צו שטארען אונז דיענען אונזער גאטט. זעה (הִנֵּה) מיין פרוי, די פירשטין, איזט שוואַנגער אונד ווען (והיה) זי וועט איין זאהן געבוירען וועל איך איהם בעשניידען פאר דעם גאַנצען פאלק אין מיטטען טאג אונד ווען (אם) דער קאניג וועט מיר ריכטע

וועל איך מיין זעלע מיט פרייד איבערגעבען צו די טוידטער (ערמאָרדער), דען דעם בעפֿאָהל פֿאָן גאָטט האָב איך געהיטט אונד זיין היילigעn נאָמען האָב איך ניכט פֿערשוועכט (חִלַּלְתִּי). שווערט מיינע ברידער, דאַס פֿאָן מיר וועט איהר זעהען אונד אַזוי וועט איהר אויך טהון. — ווי דער נשיא האָט געענדיגט זיינע וואָרטער האָט דאָס גאַנצע פֿאָלק געאַנטוואָרטעט מיט איין שטיממע (פֶּה אֶחָד) אונד האָבען געזאָגט: „מיר שווערען מיט דעם נאָמען פֿאָן גאָטט, דער יודישער גאָטט, דאַס מיר וועלען ניכט אָפּטרעטען פֿאָן זיינע וואָרטער אונד בעפֿאָהל וואָס ער האָט אונז בעפֿאהלען אין זיין לעהרע". אונד דער נשיא האָט אַראָפּגענידערט פֿאָן דער ביהנע אונד איזט אַרויף אויף דעם אָרט פֿאָן דער הייליגער לאַדע (קאַסטען, שראַנק) אונד ער האָט פֿאָן דאָרט אַרויסגענומען די הייליגע תורה אונד האָט געזאָגט: דיעזע תורה איזט איין ציינגנים, דאָס מיר וועלען בלייבען טרייע זיהן מיט גאָטט אונד מיט זיין לעהרע. אונד דאָס גאַנצע פֿאָלק האָט געאַנטוואָרטעט אונד האָבען געזאָגט: „איין צייגניס!". — ער רעדט נאָך אונד איין אַנזאָגער איזט געקוממען אונד האָט אָנגעזאָגט (וַיְבַשֵּׂר) דעם פֿירשט דאָס זיין פֿרוי האָט איין זוהן געבאָרען; האָט זיך דער נשיא זעהר געפֿרייט אויף דיעזע נאַכריכט, דאָס איהם (בו) האָט גאָטט אויסערוואָהלט צו געבען עהרע זיינעם נאָמען געגען די גאַנצע יודישע פֿערזאַממלונג (קְהַל). אונד דאָס פֿאָלק האָט געזעהן אונד זיי האָבען געגלויבט דאַס דעם פֿירשט'ס הערץ איזט גאַנץ מיט זיין גאָטט, אונד יעדער איזט צו הויזע געגאַנגען פֿראָהליך פֿולל מיט האָפֿנונג, דאָס גאָטט וועט ערבאַרמען זיין פֿאָלק אונד וועט פֿערקעהרען דאַס הערץ פֿאָן קאָניג אויף זיי צו גוטען.

ג.

אונד עס איז געווען אין אַכטען טאָג צו דעם געבוירען (לָלֶדֶת) פֿאָן דעם פֿירשט'ס זוהן האָבען זיך פֿערזאַממעלט פֿיעל פֿאָלק פֿאָן די יודישע קינדער אונד אויך פֿאָן פֿרעמדע (קינדער) צו זעהען ווי דער פֿירשט וועט איבערטרעטטען דען בעפֿאָהל פֿאָן

קאָניג אונד דער שטאַטטהאַלטער (נְצִיב) פֿאָן שטאָדט איזט נאָך זיי געגאַנגען, אונד דער נשיא איזט אַרויף אויף דער ביהנע אונד האָט בעשניטטען זיין זוהן פֿאַר די אויגען פֿאָן דעם גאַנצען פֿאָלק, אונד האָט געלויבט גאָטט וואָס ער האָט געשלאָססען איין בינדנים מיט אַברהם'ן. אונד דער נשיא האָט איין מאָהלצייט געמאַכט פֿיר דאַס גאַנצע פֿאָלק, אונד זיי האָבען געגעססען אונד געטרונקען; אויך דער שטאַטטהאַלטער איזט געקוממען צווישען די געלאַדענע. ווי די מאָהלצייט האָט זיך געענדיגט איזט צוגעגאַנגען (ויקרב) דער פֿירשט צו דעם בעאַמטען אונד האָט געזאָגט: „איך האָב געטהון ווי מיין גאָטט האָט מיר בעפֿאָהלען, אונד אויך מיין קאָניג האַלט איך טהייער אונד איך שאָטץ זיין נאָמען, אָבער דער בעפֿאָהל פֿאָן מיין גאָטט איזט טהייער אין מיינע אויגען, אונד זיין בעפֿאָהל וועל איך ניכט אָנדערן (אֲשַׁנֶּה). אונד דו מיין העררר טהו ווי דו ביסט בעפֿאָהלען געוואָרען אונד ערפֿילל (וקַיֵּם) מיט מיר דעם ריכט פֿאָן דעם קאָניג". — האָט דער בעאַמטער געאַנטוואָרטעט אונד געזאָגט: בעוואַהרע גאָטט (חָלִילָה) איך זאָלל אָנריהרען זיך אָן דיר צו שלעכטעס טהון, דען דו ביסט איין גאָטטליכער פֿירשט צווישען אונז; אונד יעצט ראַטה איך דיר טריי, דאַס מיר אַללע דריי זאָללען רייזען, איך אונד דו אונד דיין פֿרוי, נאָך רומי זיך שטעללען (לְהִתְיַצֵּב) פֿאַר דעם קאָניג, אונד דאַס בעשניטטענע קינד זאָלט איהר אויך מיט זיך נעהמען, פֿילייכט וועט דיר גאָטט געבען גנאַדע אין די אויגען פֿאָן קאָניג, אונד ער וועט דיר ערבאַרמען (יִתֵּן לְךָ רַחֲמִים) אונד וועט דיר פֿערצייהען דיין זינד". אונד דער נשיא האָט זיך געשיידעט פֿאָן דער גאַנצער יודישער געמיינדע צו רייזען נאָך רומי זיך שטעללען פֿאַר דעם קאָניג, מיט איין הערץ פֿאָלל מיט האָפֿנונג, דאַס גאָטט וועט ניכט פֿערלאָזען זיינע פֿרומע.

ד.

ווי דער נשיא איזט אין רומי געקוממען זיינען אַללע גראָסטע אונד געשאָצטע פֿאָן שטאָדט געקוממען איהם צו בעזוכען, אונד

זיי האָבען איהם בעדויערט (וַיָּנֻדוּ) אונד האָבען איהם געטרייסט,
אָבער קיינער האָט ניכט געהאַט קיין ראַטה (עצה נסתרה מהם)
צו רעטטען זיין זעעלע אונד די זעעלע פאָן זיין זוהן. די פירשטין
איזט געזעססען אין איהר שלאָף=צימממער אונד האָט געקוקט אויף
דאַס ליעבליכע קינד אונד איהרע אויגען האָבען געפליסט (זָלְגוּ)
טרערען אונד זי האָט געזאָגט (ותען ותאמר): „איך האָב געטראַכט
(געזאָגט): איין קינד איזט מיר געבאָרען געוואָרען, איין זוהן איזט
מיר געגעבען געוואָרען, וועלכער וועט זיין איין פירשט ביי יודען
אונד ער וועט ערבען זיין פאָטערס טראָן נאָך זיין טוידט, אָבער
ניכט אַזוי האָט גאָטט געזאָגט, דען מיר קוממען יעצט צו שטעהן
צום געריכט פאָר דעם קאָניג אונד שטרענג (קשה) בעשטראָפט
ווערען פאַר אונזער איבערטרעטטען זיין בעפאָהל". פלוצלינג האָט
זיך די פירשטין בעטראַכט אונד זי האָט איהר זוהן גענוממען אונד
איזט פאַר דער קאָניגין געקוממען, אונד די קאָניגין האָט זיך געגען
איהר (לִקְרָאתָהּ) געפרייט דען זי האָט איהר זעהר געליעבט. אונד
ווי די קאָניגין האָט געהאָרט וועגען וואָס זי איזט געקוממען (די
זאַך פאָן איהר קוממען) אונד די שלעכטס וואָס ערוואַרטעט
(הַנִּשְׁקָפָה) איהר, האָט זי זיך זעהר ערשראָקען (וַתִּתְחַלְחַל) אונד
האָט מיט איהר מיטלייד געהאַט, אונד האָט צו דער פירשטין
געזאָגט: דו ווייסט דאָך, דאַס די זאַך וואָס איזט אַרויס פאָן דעם
קאָניגס מויל קאָן מען ניכט צוריקקעהרען; אונד יעצט גיעב איין
ראַטה מיט וואָס וועל איך קאָנען דיר העלפען אונד אַללעם וואָס
דו וועסט מיר זאָגען וועל איך טהון. האָט די פירשטין געאַנט=
וואָרטעט אונד האָט געזאָגט: זעה (הִנֵּה), דיין זוהן וועלכער איזט
געבאָרען געוואָרען וועט מיר זיין איין הילפס=ענגעל אונד דורך איהם
וועט מיין ערלאָזונג קוממען. (אונד) די קאָניגין האָט פערשטאַנען
איהרע קלוגע וואָרטער, אונד זי האָט גענוממען דעם זוהן פאָן דער
פירשטין פאָן איהרע אַרמען אונד האָט איהם געלייגט אויף איהר
בעטט אונד איהר זוהן דעם אונבעשניטטענעם (הֶעָרֵל) וואָס זי האָט
געבאָרען דעם קאָניג האָט זי געגעבען אויף דער האַנד פאָן דער
פירשטין. אונד די פירשטין האָט זיך געקניעט אויף איהרע קניע

אונד האָט געדאַנקט דער קאָניגין פיר איהרע גנאַדע אונד האָט זיך צוריקגעקעהרט צו הויזע, אונד איהרעם מאַנן האָט זי גאָר ניכט געזאָגט. —

אויף מאָרגענדיגען טאָג זיינען געבראַכט געוואָרען דער פירשט אונד זיין פרוי אונד זייער זוהן פאַר דעם קאָניג. אונד דער קאָניג האָט געזאָגט צו דעם נשיא: „איזט וואַהר די זאַך וואָס איך האָב אויף דיר געהאָרט, נאָמליך (לֵאמֹר), דאַס דו האָסט איבערגעטראָטען מיין בעפאָהל אונד מיין געזעטץ האָסט דו פערשטאָרט אונד דו האָסט דיין זוהן בעשניטטען?". האָט ער געזאָגט: עס איזט וואַהר. איזט דער קאָניג געוואָרען פאָלל צאָרען אויף איהם אונד האָט איהם געזאָגט: דו ווייסט דאָך, דאַס יעדער וואָס ווידערשפעניגט (הַמַּמְרֶה) מיין מויל (בעפאָהל) איזט איינס זיין אורטהייל צו טוידטען, אונד יעצט גרייט זיך צום טוידט, דו אונד דיין זוהן, וועלכער איזט דיר געבאָרען געוואָרען. האָט דער פירשט געאַנטוואָרטעט אונד האָט געזאָגט: דיין עהרע, מיין העררר, איזט זעהר טהייער אין מיינע אויגען, אָבער פאָן גאָטטס בעפאָהל וועל איך ניכט אָפּ־טרעטען, אונד זיינע געזעטצע ווערט מיין זעעלע היטטען, אונד דו מיין העררר קאָניג, ווי דיר געפאָלט אַזוי טהו מיט מיר. דאַנן האָט די פירשטין געגאָהנט אונד זי האָט איהר זוהן געלעגט פאַר דעם קאָניג אונד זי האָט געקניעט אויף איהרע קניע אונד האָט געזאָגט: וועה נור מיין העררר קאָניג אויב ווי דער געשריי וואָס איזט אויף אונז געקוממען האָבען מיר געטהון, אונד אויב מיר האָבען איבער־געטראָטטען אויף דיין בעפאָהל, דאַנן ווערסט דו דיין ריכט אויף אונז טהון (רעשען)". האָט איינער פאָן די העררען וואָס שטעהען פאַר דעם קאָניג גענוממען דאַס קינד אונד האָט אַראָפּגענוממען די וויקעלאַך (הִתּוּלִי) אונד זיי האָבען געזעהן, דאַס דאָס קינד איזט אונבעשניטטען. האָט זיך דער קאָניג געווענדעט מיט צאָרן צו דעם בעאַמטען אונד האָט געזאָגט: ווי האָסט דו זיך געמאָכטיגט צו זאָגען (לְהָעִיד) פאַלשע צייגניס אויף איין מאַנן וועלכער איזט ריין פאָן שולד (פערבראָך), אונד אין אירטהום דיין קאָניג פיהרען? אונד יעצט איזט דיין בלוט אויף דיין קאָפּף (דו זעלבסט האָסט אויף

זיך דעם טוידט געבראַכֿט)". דער בעאַמטער האָט זיך זעהר ערשראָקען (נִבְעַת), אונד ער איזט אויף זיין געזיכֿט געפֿאַללען אונד האָט געזאָגט: „ווי גאָטט לעבט (חי אלהים) אונד ווי דיין זעעלע לעבט, מיין העררר קאָניג, דאַס מיט מיינע אויגען האָב איך געזעהן דעם פֿירשט ווי ער האָט בעשניטטען (במולו) די פֿאָרהויט זיינעם זאָהנס. אָבער דער יודישער גאָטט האָט פֿערקעהרט (הָפַךְ) דעם קינדס לייב אום צו רעטטען פֿאָן אומגליק די זעעלע פֿאָן זיינע אויסערוואָהלטע, אונד איך דיין קנעכֿט, מיין העררר קאָניג, בין ריין (אונשולדיג)". איזט די זאַך געוועזען וואונדערבאַר אין די אויגען פֿאָן קאָניג אונד די העדזען; האָט דער קאָניג געריכֿט (נִיוּשַׁט) זיין האַנד דעם פֿירשט אונד האָט געזאָגט: „איך זעה דאַס אייער גאָטט איזט אייך צו הילף געוועזען אונד ער האָט מיין ראַטה פֿערניכֿטעט (וַיְסַכֵּל), אונד יעצט ביטטע דיר וואָס, אונד איך וועל דיר געבען". אונד דער נשיא האָט געאַנטוואָרטעט: „מיין פֿאָלק איזט מיין פֿערלאַנג אונד מיין גאָטס לעהרע מיין וואונש (בְּבַקָּשָׁתִי). אויב דעם קאָניג איזט רעכֿט (גוט) זאָלל געשריבען ווערען אַבוועגדען די שלעכֿטע בעשליססונג אונד אונז לאָזען דיענען אונזער גאָטט ווי אונזער הערץ גלוסט". אונד דער קאָניג האָט בעפֿאָהלען צו געבען ווייסען (אויסרופֿען=לְהַעֲבִיר קול) אין דער לאַנד, דאַס קיינער זאָלל די יודען ניכֿט שטאָרען (יַפְרִיעַ) דיענען זייער גאָטט. אונד דער פֿירשט אונד די פֿירשטין זיינען געפֿאַללען דעם קאָניג צו די פֿיס אונד זיי האָבען איהם געדאַנקט פֿיר (אויף) זיין גנאַדע אונד זיי האָבען זיך צוריקגעקעהרט צו זייער הויז פֿראָהליך אונד גוטהערציג. דאַנן האָט די פֿירשטין איהר מאַנן ערצעהלט אַללעס וואָס זי האָט געטהון אונד זיי האָבען גאָטט געדאַנקט אויף די ערלאָזונג (גְאוּלָה) וואָס ער האָט זיין פֿאָלק יודען געטהון. — דער קאָניגינס זוהן האָט מען גערופֿען אַנטנינוס אונד ווי ער איזט אַרויף אויף דעם טראָהן פֿאָן רומישער קאָניגרייך, נאָך זיין פֿאָטערס טוידט, האָט ער מיט יודען גוטעס געטהון. אונד דער זוהן פֿאָן פֿירשטען, דער בעשניטטענער, האָט זיך גערופֿען רבנו הקדוש (רבי), דען ער האָט דערלויכֿטען די אויגען פֿאָן די יודען מיט זיין

לעהרע אונד קלוגשאַפט . ער האָט געלערנט תורה אנטנינוס'ן אונד ער האָט זיך מיט איהם בעגאַנגען (וַיִּתְהַלֵּךְ) ווי איין ברודער אונד געזעלען, אונד אנטנינוס האָט זיך אין זיין ענדע יאָהרען בעשניטען אונד איזט געקוממען אין דעם בינדנים פאָן אברהם'ן. אין זיינע צייטען זיינען די יודען רוהיג (בֶּטַח) אויף זייער לאַנד געזעססען אָהנע איין ערציטטערער אונד איין בעשאָמער...

מאיר נתיב

מקור כל מאמר חז"ל בש"ס על פי סדר הא"ב, ומקומו בפנים הספר.

א.

אדם רוצה בקב (ב"מ ל"ח א') . [illegible]
אדמוקדך יקיד (סנהדרין ל"ט ב') . [illegible]
אוי לי אם אמר (ב"ב פ"ט ב') . 55
אוי לרשע (סוכה נ"ו ב') . . 129
אוי לה לאותה בושה (ב"ב ע"ה א') 160
אוי לה לספינה (שם ל"א ב') . . 188
אוי לי מיוצרי (ברכות ס"א א') . 188
אזנים לכתל (קה"ר פ"ו) . . . [illegible]
איזהו חכם (תמיד ל"ב א') . . [illegible]
אין אדם דר (כתובות ע"ב א') . 168
אין אדם עובר (סוטה ג' א') . [illegible]
אין ארי נוהם (ברכות ל"ב א') . 153
אין הקומץ משביע (שם ג' ב') . 145
אין חבוש מתיר (שם ה' ב') . 78
אין לך אדם (אבות ד') . . . 148
אין מביאים ראיה (חולין מ"ט ב') 136
אין קטיגור (כתובות כ"ט א') . [illegible]
אין שני נביאים (סנהדרין פ"ט א') [illegible]
אינו דומה מי — פת (יומא ע"ד ב') 75
אי סיפא (ע"ג י"ז ב') . . . 157
אל תדין — חברך (אבות ב') . 132
אל תהי קללת (מגילה ט"ו א') . 15
אל תסתכל בקנקן (אבות ד') . 25
אל תרצה — חברך (שם) . . 188
אל תשען על רעך (בן סירא ו') . 187

דף

אם אין אני לי (אבות א') . . 160
אם בארזים (מ"ק כ"ה ב') . . 48
אם היו קורעין (סנהדרין ק"ז א') 47
אם לא עכשיו (אבות א') . . 160
אסתרא בלגינא (ב"מ פ"ד ב') . 75
אסיא דמגן (ב"ק פ"ה א') . . 38
אפילו שיחת חולין (ע"ג ט' ב') . 20
[illegible] דייני היו בסדום
(סנהדרין ק"ט ב') . 99
[illegible] דרוספק (גיטין כ"ס ב') . 66

ב.

באתרא דליעול ירקא (שבת ק"מ ב') 97
בדיל רבא (יומא ע"ה ב') . . 173
בדרך שאדם רוצה (מכות י' ב') 20
בהדי הוצא (ב"ק ל"ב א') . . 25
בין הרועה (במו"ר פ"ס) . . . 93
בירא דשתית מיניה (ב"ק צ"ב ב') 187
בישראל היה המנהג (גיטין נ"ו א') 67
במקום גילה (ברכות ל"א ב') . 13
במתא שמאי (שבת קמ"ה ב') . 78
בני האדם דומים לעשבי . . .
(עירובין נ"ד א') . . 32
בתר מרי נכסי (ב"ק ל"ג א') . 68
בתר עניא (שם ל"ב ב') . . . 68

ג.

צד

גידני על מנת (שבת ל"א א') . 149
גמלא אזלא למיבעי (סנהדרין ק"ו א') 164
גנבא אפום מחתרתא . . .
(ברכות ס"ג א') . . 121

ד.

דוק בבבי (שבת קנ"א ב') . . 121
דעה קנית (נדרים מ"א א', רש"י) 183

ה.

האמר יגעתי ולא מצאתי (מגילה ו' ב') 41
הבטלה מביאה (כתובות נ"ט ב') . 6
הדיוט קופץ (מגילה י"ב ב') . 178
הוא מעלה פילא (ב"מ ל"ח ב') . 31
הוא נפל מאיגרא (חגיגה ה' ב') . 166
היה נאמן לאחיך (בן סירא כ"ב) . 56
הן עוף מצער (שם י"א) . . 161
הנעלבים ואינם עולבים (גיטין ל"ו ב') 88
העולם הזה הוא גלגל (שבת קנ"א ב') 74
הפה שאסר (כתובות כ"ב א') . 128
התקן עצמך בפרוזדור (אבות ד'). 188

ח.

חבל על דאבדין (סנהדרין קי"א א') 114
חבל על דלית (שבת ל"א ב') . 132
חבל על האי (ברכות ה' ב', .
בשנוי לשון מעט) . 157
חברך מית אשר (גיטין ל' ב') . 174
חמרא אפילו בתקופת (שבת כ"ג א') 173
חמרא למרא (ב"ק ל"ב ב') . . 27
חסריה לגנבא (סנהדרין כ"ב א'). 122
חצבי לנהרא (ברכות כ"ח א'). . 188

ט.

טבא חדא פלפלא (חגיגה י' א'). 110
טבא חדא צפרא (קה"ר פ"ד) . 142
טבא לא הוי (ברכות כ"ט א') . 189

צד

טב לביש לא (ויק"ר פ' כ"ב) . 123
טוביה חטא (מכות י"א א'). . 85

י.

יותר ממה שהעגל (פסחים קי"ב א') 157
ינקותא כלילא (שבת קמ"ב א') . 44
ינוקא פסוק לי (גיטין כ"ה ב') . 124
יציבא בארעא וגיורא (ב"ק מ"ב א') 56

כ.

כבוד מסכן חכמתו (בן סירא י') . 158
כד משלים שערי (ב"מ נ"ט א') . 170
כד רגיז (ב"ק נ"ב א') . . . 65
כך עונשו של בדאי (סנהדרין פ"ט ב') 20
כלבא בלא מתיא (עירובין ס"א א') 189
כל דאלים (ב"ב ל"ד ב') . . . 164
כל דרקיק לעיל (קה"ר פ"ז). . 188
כל הלומד תורה ואינו חוזר .
(סנהדרין צ"ט א') . 15
כל המוסיף (שם כ"ט א') . 178
כל המלבין (ב"מ נ"ח ב') . . 15
כל הנגעים (נגעים פ"ח מ"ס) . 70
כל מין ידבק (בן סירא י"ג) . . 50
כמשחל ביניתא (ברכות ח' א') . 15
כרכושתא ושוגרא (סנהדרין ק"ס א') 170
כריסא טעינא (ב"ר פ"ע) . . 188

ל.

לא חולק ידענא (חולין י"ט א') . 174
לא יער הוא (סוטה מ"ז א') . . 44
לא לחנם הלך זרזיר (חולין ס"ס א',
ב"ק ל"ב ב') . . 38
לא מעוקצך (תנחומא בלק) . . 28
לא מקומו של אדם (תענית כ"א ב') 59
לא תהי ברכת (ברכות ז' א') . 16
לאו עכברא גנב (קדושין נ"ו ב') . 122
לוחות ושברי לוחות (ברכות ח' ב') 189

צד

לחיים טובים (בן סירא מ"א) . 189
לחכימא ברמיזא (מדרש משלי פכ"ב) 38
למד לשונך לאמר איני . . .
(ברכות ד' א') . 78
לעולם תהא שמאל (סוטה מ"ז א') 153
לפום גמלא (כתובות ס"ז א') . 107

מ.

מה דעלך סני (שבת ל"א א') . . 144
מום שבך (ב"מ נ"ט ב') . . . 15
מטפה לטפה (במדב"ר פי"ז) . . 165
מיניה וביה אבא (סנהדרין ל"ט ב') 89
מלה בסלע (מגילה י"ח א') . . 34
מעשיך יקרבוך (עדיות פ"ה מ"ז) 78
מקום להתגדר (חולין ז' א') . . 146
מתון מתון (ברכות כ' א') . . 71

נ.

נאה דורש (יבמות ס"ג א') . . 107
נבח בך כלבא (עירובין פ"ו א') 124
נזירא סחור סחור (ע"ג י"ז א') . 146
נברין דברי אמת (סוטה ט' ב') . 25
נפל תורא (שבת ל"ב א') . . . 145
נפישי גמלי (סנהדרין נ"ב א') . 165
נר לאחד (שבת קכ"ב א') . . 128
נתת פת לתינוק (שם י' ב') . . 189

ס.

סדנא דארעא (קדושין כ"ז ב') . 113
סופך טוב (פסיקתא דר' טוביה .
בראשית פמ"ז) . 129
סבל ימלא שחוק (בן סירא כ"א) . 53
ספי ליה בתורא (כתובות מ"ט ב') 173

ע.

עבירה גוררת (אבות פ"ד) . . 68
עולם כמנהגו (ע"ג נ"ד ב') . . 107
עלובה היא העיסה (בר"ר פל"ד) 88
עם כל אדם התרועע (בן סירא ו' ז') 187

פ.

פוק חזי (ברכות מ"ה א') . . . 107

ק.

קבא מארעא (פסחים קי"ג א') . 71
קדירא דבי שותפי (עירובין ג' א') 38
קושטא קאי (שבת ק"ד א') . . 177
קנאת סופרים (ב"ב כ"א א') . . 22
קרב לגבי דהינא (שבועות מ"ז ב') 50
קריינא דאגרתא (ב"מ פ"ג ב') . 88
קשט עצמך (שם ק"ז ב') . . . 44

ר.

רבי מאיר רמון מצא (חגיגה ט"ו ב') 17
רוחא לבסומא (עירובין פ"ב ב') . 160
רחילא בתר רחילא (כתובות ס"ג א') 165
רחמא דאבא אבני (סוטה מ"ט א') 188

ש.

שבקיה לרויא (שבת ל"ב א') . . 169
שב שני (סנהדרין ב"ט א') . . 160
שפיל ואזיל בר אווא (ב"ק ל"ב ב') 135
שקילא טיבותך (בילה כ"ט ב') . 28
שרגא בטיהרא (חולין ס' ב') . . 78
שתיקה בהודאה (יבמות פ"ז א') . 177

ת.

תבן אתה מכניס (מנחות פ"ה א') . 145
תעלה בעידניה (מגילה ט"ז ב') . 71
תפסת מרובה (יומא פ' א') . . 177